STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03619

GEZAMLTE VERK

Hersh David Nomberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ד. נאָמבערג

געזאמלטע ווערק

נײַנטער באנד

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע



ה. ד. נאָמבערג אין יאָר 1927

געצייכנט: ה. באַרטשינסקי, בערלין

אייגנטום פון י. ניימאַן, וואַרשע

ה. ד. נאָמבערג

מענטשן און ווערק
יידישע שרייבער

פארלאג „קולטור־ליגע", ווארשע

Printed in Poland

H. D. NOMBERG

IDISZE SZRAJBER

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלארן

Spółdz. Wyd. „Kultur-Liga"

Warszawa 1930

Druk. „Di Welt" Warszawa, Nowolipie 7

אינהאַלט:

	זייט
קריטיקער און עסטעטיקער	7
מענדעלע מוכר-ספרים	
וואָס איז דאָס אַזוינס אַ קלאַסיקער?	21
מענדעלע מוכר-ספרים	24
מענדעלע און די יידישע שפּראַך	27
שלום-עליכם	
די דערשטיקטע ליריק	37
שלום-עליכמס פאַרלעזונגען	41
שלום-עליכם אין זומער-טעאַטער	43
ביי שלום-עליכמען אין באַדענווײַלער	48
שלום-עליכמס טויט	56
מכּה לאַכן	58
ש. פרוג	61
יעקב דינעזאָן	67
ר׳ מרדכילע	73
אברהם רייזין	79
דוד איינהאָרן	
„אין קיניגרייך פון נעפּלען"	85
אורי ניסן גנעסין	
„שטילע טריט"	93
א. ווייטער	101
ד"ר ח. זשיטלאָווסקי	
זשיטלאָווסקי	109
ד"ר זשיטלאָווסקיס יובילעום	112

י. ח. ברענער

ברענערס טויט 117

נאָך ברענערס טויט 123

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי 129

בערשאַדסקי 139

ש. פּ. ראַבינאָוויטש 145

ד"ר איזידאָר עליאַשעוו 153

דוד פרישמאַן 161

אחד-העם

אחד-העם — דער מענטש פון סטיל 169

אחד-העם 176

ווידער „גייסט" 182

דער אַלטער קאַמף 189

נחום סאָקאָלאָוו 193

ד"ר נתן בירנבוים

ד"ר בירנבוימס איבערקערונג 201

ד"ר נתן בירנבוים 207

ש"י איש הורוויץ 211

ישראל זאַנגווילס טויט 215

ד"ר הערצל

צוויי ביכער 221

יהואש

ריטם און מעלאָדיע 227

איזי כאַריק

דער קאָמוניסטישער פּאָעט 235

קריטיקער און עסטעטיקער

דער גרויסער בעקלין האָט געמוזט האָבן גענוג פּאַרדרוס אין זיין האַרץ, און דער חשק פון נקמה איז אים לגמרי נישט געווען פרעמד, אויב ער האָט זיין באַרימטן „קריטיקער" אויסגעמאָלט. זינט קינסטלער און קריטיקער לעבן אויף אונזער ערד, האָט זי נאָך אַזאַ מין נקמה נישט געזען.

דאָס צעקנייטשטע און צעקנוידערטע פּנים מיט די בייזע שלעכטע אויגן, די שאַרפע געמבע, די גענזענע פעדער צווישן די צוזאַמענגעפּרעסטע ציין, — שטעלן פאָר דעם „קריטיקער", ווי אַ ווילדע בייזקייט, אַ פאַרהאַרטעוועטע פאַרביסנקייט, אַ גרויל און אַ שרעק, אַ מין אַלטע מכשפה אין — הויזן. וויפיל צאָרן און וויפיל פּאַרדרוס האָט זיך געמוזט דורך לאַנגע יאָרן אָנזאַמלען אין האַרץ פון קינסטלער, אום צו באַשאַפן אָט דאָס באַשעפעניש-פאַרזעעניש!

אָט שטייט ער, דער גרויסער קינסטלער, אינמיטן פון זיין קיניגרייך: דאָס קיניגרייך פון פאַרבן און [illegible]. עס שפּינען זיך און וועבן די גרויסע חלומות-פאַנטאַזיעס, וועלטן-וויזיעס ווערן באַשאַפן, אַ כאַאָס און אַ נעפּל איז די גייסטיקע וועלט פון קינסטלער; פון דעם נעפּל בליצן אויף באַהאַלטענע געפילן, פאַרשלייערטע אידעען, וואָס ער אַליין האָט קוים אַ געוויסע פאָרשטעלונג פון זיי, און אָט ווערן באַשאַפן די פאַנטאַסטישע באַשעפענישן אויף צו לעבן און צו עקזיסטירן אין אַ וועלט אַ העכערע, אַ מער וואָרהאַפטיקער, ווי אָט די וועלט, וואָס מיר רופן אָן „די ווירקלעכקייט"; זיי ווערן באַרופן צום לעבן אין דער וועלט פון דער פאַנטאַזיע, אין דער וועלט פון שיינקייט, אַ וועלט וואָס ווייסט נישט פון צופעליקייט, פון האַלבקייט

און פון דער גאַנצער נישטיקייט און דיסהאַרמאָניע פון דעםווירקלעכן טאָג־לעבן... און ווי ער שאַפט אַזוי, קומט אָן דער דאָזיקער פרעמדער מענטש, קומט מיט דער פעדער פאַרביסן צווישן די ציין, און נעמט טאַפּן מיט די הענט, חקרנען און פאַרגלייכן, דאָ האָט ער געפונען אַ חסרון, און דאָרט געפעלט אים גראָד גוט; אָט דאָס האָט אַזוי געדאַרפט צו זיין, און יענץ איז נישט אָריגינעל; דאָס געהערט צו דער שולע, און דאָס איז סימבאָליזם א. אַ. וו. א. אַ. וו. נאָר, באַרמהערציקער גאָט אין הימל! ווי קומט דער דאָזיקער מענטש אַהער און וואָס באַלעבאַטעוועט ער ביי מיר, אין מיין קיניגרייך? וואָס נעמט ער זיך מיינע שאַפונגען און מעסט זיי אין דער לענג און אין דער ברייט, שטעלט זיי אויס אין שורות און קלעבט צו צעטלעך און נומערן? ווער האָט דעם גאַסט אייגנטלעך אַריינגעפירט אַהער? אַ פרעמדער איז ער דאָך, צען מאָל אַ פרעמדער!

נאָר דער קינסטלער באַוועלטיקט זיין כּעס, און אַז עס קומט די ריכטיקע צייט, און דאָס געפיל ווערט געלייטערט אין גייסט, ווערט דערפון אַ שטאָף אויף אַ נייע שאַפונג, — ווערט דער „קריטיקער" באַשאַפן.

נאָר פּרוּווט פאַרגלייכט מיט דעם בילד פון „קריטיקער" די פיזיאָגנאָמיע פון רעסקין. צי וועט איר געפינען אַפילו איין געמיינזאַמען שטריך? ניין! דאָס געזיכט איז פּונקט דער קאָנטראַסט פון „קריטיקער". ווייכקייט, איידלקייט, גוטהאַרציקייט, צאַרטקייט, צוזאַמען מיט דערהויבנקייט, מיט אינערלעכער שטאַרקייט און קראַפט — וועט איר אין דער פיזיאָגנאָמיע געפינען. און רעסקין אין דאָך אויך געווען אַ קריטיקער? ער האָט דאָך געשריבן פיל רעצענזיעס און אָפּהאַנדלונגען וועגן מאָלעריי און ליטעראַטור, און האָט געליבט און געטאַדלט, און ער האָט זיך אַ וועלט־נאָמען פאַרשאַפט מיט אָט די ליטעראַרישע אַרבעטן זיינע?

דער ענטפער איז: רעסקין איז נישט געווען קיין קריטיקער, נאָר אַן עסטעטיקער, און צווישן די דאָזיקע צוויי טיפּן ליגט אַ גאַנצער תהום.

דער עסטעטיקער איז קיין פרעמדער נישט אין לאַנד פון

ער שיינקייט. ער איז דאָ אַ בירגער און אַלט-געזעסענער, און עס טרעפט, אַז ער האָט נאָך גרעסערע אויפגאַבן אויסצופירן, ווי דער קינסטלער. ער איז בעצם, לויט זיין גאַנצער נאַטור — דער נביא פון דער שיינקייט. אַלץ, וואָס עס פּאַסירט אין דער וועלט פון דער פאַנטאַזיע, אינטערעסירט און באַרירט אים טיפער, ווי אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, אין זיין אייגן הויז אַפילו. אָט די באַשעפעניש, וואָס לעבן אויף דעם לייוונט, אין די פערזן פון דיכטער, אָדער אין מאַרמאָר פון סקולפּטאָר, זענען אים פיל נעענטער, ווי ראובן און שמעון און לוי, וואָס ער זעט אין דער גאַס, אָדער וואָס ער עסט און טרינקט מיט זיי. נאָר די ערשטע ווירקן אויף זיין גייסט, פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן, אָדער צער, נאָר זיי סוגעסטירן אים, מאַכן אים לוסטיק אָדער מרה-שחורהדיק. דאָ זענען זיינע פריינט, זיינע נאָענטע, מיט וועלכע ער מעסט זיין אייגענע הויך און פאַרגלייכט זיך מיט זיי, דאָ געפינט ער אויך זיינע קעגנער, זיינע פיינט, אַלץ דאָ! וואָס אַרט דאָס אים די גאַנצע וואָכעדיקע, געמיינע, נידעריקע וועלט, די וועלט וואָס רוישט און ליאַרמט, וואָס איז פול מי און אַרבעט און געלויפעריי און האָט קיין זין און קיין האַרמאָניע נישט, וואָס די פאָרם אירע איז צעקאַליעטשעט און דער אינהאַלט איז — גאָרנישט?

וואָרהאַפטיק! אויב דער עסטעטיקער איז ערגעץ אַ פרעמדער, איז ער עס אין דער וועלט פון ווירקלעכקייט, אין דער ספערע פון די אינטערעסן און באַציאונגען, וואָס צוזאַמען מאַכן זיי אויס דאָס טעגלעכע לעבן און די פּאָליטיק. דאָ בלאָנדזשעט ער, אָריענטירט ער זיך שלעכט און ווייזט נישט אַרויס קיין גרויסע פעיקייטן פונאַנדערצוקלויבן, אונטערצושיידן, ווייל אים פעלט דאָ די נאָענטע באַציאונג. וואָס ליפן די מענטשן אַזוי, און די פּאָליטיקער, וואָס מאַכן זיי אַזאַ ליאַרם? צי קאָן מען איבערבויען די וועלט און צי קאָן מען אויפשטעלן די געביידע פון דער צוקונפט מיט אָט אַזאַ מענטשן-מאַטעריאַל און מיט אַזוינע מיטלען? עס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג: וואָס מער עס וועט ווערן אָט אַזוי געאַרבעט, אַלץ אַ גרעסערער כאָאָס וועט אַרויסקומען,

פון אָט אַזוינע בױערס און פון אַזוינע ציגל קאָן מער נישט אַרויסקומען, ווי דער טורם פון דור־הפלגה. אַז רעסקין רעדט וועגן פּאָליטיק, מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ פרעמדן, וואָס איז נישט אויף זיין ריכטיקן אָרט, און זיין מיינונג איז נישט דעצידירנדיק, פונקט אַזוי ווי ספּענסער, ווען ער רעדט וועגן פּאָעזיע און שיינקייט; אָבער גיט אים דאָן־קישאָט, דער ד״ר פויסט, אָדער אַפילו סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ, דעם סאַטיר און די פייען פון רובענס, און ער דערפילט זיך באַלד אין אַ מיליע פון פריינט און גוטע באַקאַנטע, וואָס ער קען זיי דורך און דורך, וואָס ער האָט מיט זיי אַ גייסטיקע פאַרבינדונג, נאָענטע באַציאונגען און אַלטע חשבונות, מיט איין וואָרט: וואָס זיין לעבן און די אינטערעסן פון לעבן זענען פאַרקניפּט אָן זיי מיט פיל פעדים.

און דעריבער, ווען דער עסטעטיקער רעדט וועגן קונסט־זאַכן, קריטיקירט ער נישט און וועגט נישט און מעסט נישט און ברענגט נישט אַריין פרעמדע ווערטן אין דער וועלט פון שיינקייט; קומט ער נישט מיט דעם קרעמערישן אַרשין פון בוצלעכקייט און קונסט־געזעצן און פון פּערזענלעכע אָדער געזעל־שאַפטלעכע פּניות צו מעסטן מיט זיי דעם גייסט און דעם פּראָדוקט פון גייסט. נישט ער פאַרגלייכט, נישט ער לויבט אָדער שענדעט דעם קינסטלער, דעם שעפער. וואָס אינטערעסירט אים די פּערזאָן און וואָס אינטערעסירן אים די פיר כּללים פון רעכענונג און די געזעצן פון דעם שיינעם? דער עסטעטיקער קריטיקירט נישט, נאָר ער לעבט־דורך זיין לעבן, בשעת ער פאַר־ברענגט מיט די שאַפונגען פון דער קונסט. ער איז אַריינגעקומען אין זיין פּאַלאַץ, וואו ער איז געוואוינט צו טרעפן זיין געליבטע באַקאַנטע, און אָט האָט ער דערזען אַ ניי פּנים. צי איז דער נייער גאַסט ווערט, ער זאָל זיך דאָ געפינען, אין דער מיליע? — אָט דאָס איז די פראַגע, וואָס אים אינטערעסירט. אפשר האָט ער זיך דאָ אַריינגעגנבעט, אפשר איז ער דאָ אַריינגעקומען עפּעס דורך אַ מיספאַרשטענדעניש? ער קאָן דאָ פאַרדאַרבן אַלץ, ער וועט אים איבערפירן זיין וואוינונג, אויב ער איז דאָ אַ פרעמדער און פּאַסט נישט אַהער. מען וועט מער נישט קאָנען

אַריינקומען! פון פּאַלאַץ וועט ווערן אַ פּיש-מאַרק! אָט דאָס איז דער פּראָטעסט, וואָס דערוועקט זיך ביי אים אין האַרצן, בשעת ער דערזעט די געפּעלשטע קונסט. און דעמאָלט טאַדלט ער, קריטיקירט און רעדט זייער בייזע רייד, קיין שום רחמנות נישט! איר זענט דאָך אויף זיין לעבן געגאַנגען.

מען דערציילט פון רעסקינען, אַז ער האָט איינמאָל געהאַט אָנגעשריבן אַ שאַרפע קריטיק אויף די „שאַפונגען" פון אַ שלעכטן שמירער. די קריטיק איז אָפּגעדרוקט געוועזן, און רעסקין האָט זיך איצט צוגעאײלט אין אַ פּריוואַטן בריוו צו בעטן אַנטשולדיקונג ביים מאָלער. פאַרשטייט זיך, ער האָט זיינע ווערטער נישט צוריקגענומען. „אַנטשולדיקט מיר, אויב איך האָב אייך פאַרשאַפט עגמת-נפש, איך האָב נישט געמיינט אייך אויפצורעגן". אין אַזאַ טאָן איז דער בריוו געווען אָנגעשריבן.

ווי איר זעט, איז דער עסטעטיקער געווען פאַרנומען מיט דעם נייעם גאַסט פון זיין פּאַלאַץ, מיט דעם שלעכטן לייוונט; אויף דעם גאַסט האָט ער זיך דאָס אָנגעבייזערט, און מיט זיין גאַנצן טעמפּעראַמענט האָט ער אים אַרויסגעיאָגט. בשעת ער האָט דאָס געטון, האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז ער באַרירט עפּעס אַ לעבעדיקן מיסטער, אמת, אַ פרעמדן, נאָר וואָס פילט דאָך און ליידט, אַז מען באַליידיקט אים. דאָס האָט ער זיך דערמאָנט ערשט שפּעטער, און זיין ווייך ליבנדיק האַרץ האָט געליטן דערפון, וואָס ער האָט נישט-ווילנדיק פאַרשאַפט אַ מענטשן עגמת-נפש, און ער האָט געבעטן אַנטשולדיקונג. די ערשטע און די צווייטע טאַט האָט ער געטון אויפריכטיק, מיטן גאַנצן האַרץ. אַ דזשענטלמען פאַרשאַפט קיינעם נישט קיין עגמת-נפש. נאָר ווען רעסקין האָט געשריבן זיין קריטיק, איז ער כּלל נישט געווען פאַרנומען מיט דעם מענטשן און האָט גאָר נישט געפילט זיין אָנוועזנהייט. מען האָט אים פאָרגעשטעלט אַ נייעם פריינט, די נייע שאַפונג, ער האָט אים אָנגעקוקט און ער האָט דערזען אַ געמיין, אָרדינער וועזן, האָט ער אים נישט דערלאַנגט די האַנט. האָט ער דערווייל פאַרגעסן, אַז דער פאָטער פון דעם גאַסט קאָן האָבן צער דערפון.

דאָס איז דער עסטעטיקער. — און דער קריטיקער?

דער קריטיקער איז גראָד דאָס, וואָס דער עסטעטיקער איז ניִשט. ער איז דער פּרעמדער אין דעם קיניגרייך פון שייג־קייט, דער מענטש, וואָס איז געקומען פון גאַס מישן זיך אין פרעמדע זאַכן, און דעריבער מאַכט ער בייז און רעגט אויף, צי וועגן ער ליובט, צי ווען ער טאַדלט, צי ער שרייבט אַ מאָראַלישע קרי־טיק, אַ פּובליציסטישע, און קוועטשט אויס פון דער קונסט־זאַך די „אידעע" און די „טענדענץ", און נאָכמער רעגט ער אויף, אַז ער שרייבט זיין „עסטעטישע" קריטיק און וועגט און מעסט און פאַר־גלייכט און שאַצט אָפּ און קלעבט צו קוויטלעך מיט אויפשריפטן.

די עסטעטישע קריטיקער! דאָס איז דאָס ערגסטע פון ערגסטן. דער קריטיקער פון אַלטן שניט, דער וואָס פלעגט בעמען די קונסט־זאַך און פלעגט אַרויסגעפינען איר „אינהאַלט" און איר „מאָראַל" — האָט פאַרמאָגט כאָטש אַביסל תמימות און באַ־שיידנקייט, ער האָט גענומען דאָס שיינע בלימל און מיט גרויס תמימות האָט ער צוגעלייגט צום מויל, זען — וואָס ער טעם עס האָט. ער האָט זיך גאַנץ פּשוט געטראַכט, אַז אַלע זאַכן אויף דער וועלט זענען באַשאַפן נאָר דערויף, אַז מען זאָל זיי עסן. — אַז עס זענען דאָ אויף דער וועלט זאַכן, וואָס עקזיסטירן אָן שום „כדי מען", נאָר אין זיך, פאַר זיך, ווייל זיי זענען שיין און עקזיסטענץ־ווערט, וואָס זייער עקזיסטענץ־רעכט ליגט אין זיי, אין זייער דערהויבנקייט און שיינקייט, — דאָס האָט דער אַלטער גוטער קריטיקער נישט געטראַכט און ער האָט זיך עפּעס ענלעכס נישט געקאָנט פאָרשטעלן. דער קריטיקער אָבער פון ביַיעם שניט, דער „עסטעטישער", ווייסט אַלץ! אָך, ער ווייסט שוין גאָר צו פיל! ער איז באַוואָפנט מיט אַלע געזעצן פון דער עסטעטיק, און אַריסטאָטעלעסן האָט ער געלייענט, און דעם לעצטן פון די לעצטע, און באַוואָפנט מיט אַזוי פיל „וויסנשאַפט", פון קאָפּ ביז צו די פיס, קומט ער, קומט ווי אַ געמיינער גאַסן־מענטש, פאַרשייט, בריַיטלעך, נישט אָנקלאַפנדיק פריער אַפילו אין טיר — צו געוועלטיקן איבער אַ וועלט, וואָס האָט צו אים קיין שום שייכות נישט.

און פעלן פעלט אים דאָס סאַמע וויכטיקע — דער זעקסטער חוש פון שיינקייט, די פעיִקייט בטל צו ווערן, צו פאַרלירן דעם „איך" אין אָנוועזנהייט פון דעם שיינעם און דערהויבענעם, ער פאַרמאָגט נישט קיין עסטעטישע אינטערעסן. וואָלט האָמער נישט געשריבן די איליאַדע, וואָלט אין זיין לעבן גאָר נישט געפעלט, איצט איז עס נישט פולער.

יעדע נייע שאַפונג, אַ גוטע, צי אַ שלעכטע, איז נישט קיין געשעעניש אין זיין לעבן, פאַרשאַפט אים נישט קיין צער, אָדער פאַרגעניגן, נישט זי ברענגט אַריין מער האַרמאָניע אין זיין גייסט, אָדער פאַרקערט, רייסט די האַרמאָניע. אָבער יעדע שאַפונג, צי זי איז גוט, צי זי איז שלעכט, האָט פאַר אים נאָר די איינע וויכטיקייט, וואָס ער האָט ביי איר און אַרום איר וואָס צו טון, ווייל זי מאַכט ברייטער דעם קרייז פון זיין אייגענער — דעם קריטיקערס — טעטיקייט. און אין תוך אַריין, אַ גוטע, צי אַ שלעכטע זאַך — האָבן אַ גלייכן ווערט פאַרן קריטיקער. די ערשטע לויבט ער, די צווייטע טאַדלט ער, און אין ביידע פאַלן האָט ער דערפילט זיין „פליכט"; אין ביידע פאַלן קאָן ער זיין, ווי אַלע נאַראָנים, צופרידן פון זיך, פון זיין אַרבעט און שטאָלצירן מיט איר.

צווישן דעם עסטעטיקער און דעם דיכטער איז פאַראַן איין וויכטיקער אונטערשיד. דער דיכטער באַקומט זיינע איינדריקן דירעקט פון לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן קאָן זיין שיין אָדער העסלעך, קריסטאַל-ריין, אָדער טריב. דער דיכטער, ווען דער גייסט איז מיט אים, דערהויבט די לעבנס-איינדריקן און שאַפט פון זיי — קונסט און שיינקייט. דער עסטעטיקער, פאַרקערט, קומט שוין צום גרייטן, זיינע איינדריקן שעפט ער פון די קונסט-זאַכן. ער לעבט אינגאַנצן אין דעם „עולם-האצילות". און בשעת דער עסטעטיקער שרייבט, שאַפט ער אויך, אַנטפלעקט ער זיין אייגן אינערלעך לעבן, דריקט אויס זיין גייסטיקע פערזענלעכקייט, וואָס באַשטייט הויפּטזאַכלעך פון שיינקייטס-איינדריקן. און דעריבער קאָן מען אָנרופן מיטן נאָמען „דער נביא פון שיינקייט" נאָר דעם עסטעטיקער און נישט דעם

דיכטער. ווייל נאָר ער איז דער כהן פון אָט דעם גאָט און פּריידיקט זיין תורה פאַר די מענטשן. דער דיכטער אָבער לעבט זיין לעבן מיט אונז, אויף דער וועלט, און ווי פּושקין האָט זיך אויסגעדריקט — „איז ער טיילמאָל נאָך ערגער פאַר אונז". נישט שטענדיק איז דאָס פּערזענלעכע לעבן זיינס שיין, נישט שטענדיק איז עס ריין און דורכזיכטיק. נאָר ביי דעם כהן פון גאָט פון שיינקייט, ביי דעם עסטעטיקער, איז דאָס לעבן זיינס, זיינע טאַטן, די ליטעראַרישע ווי די פּריוואַטע, צוגעפּאַסט צו זיין היכל אַמת. דער עסטעטיקער איז שטענדיק נעבן זיין מזבח און טראָגט שטענדיק די כהונה-קליידער אויף זיך.

דער קריטיקער איז נישט דער שעפער פון שיינהייט און נישט דער נביא פון איר. ער איז — דער „מבין".

דאָס איז דער מענטש, וואָס די נאָז זיינע מאַכט פאַרשיי־ענע באַוועגונגען ביי יעדער קונסט-זאַך; דער מענטש, וואָס שמעקט און קרימט זיך, אָדער שאָקלט צו מיטן קאָפּ און דערציילט זיין מבינות דעם פּובליקום.

דאָס איז דער מענטש מיט דער פעדער, פאַרביסן צווישן די ציין.

דער עסטעטיקער דערוועקט אין אונז די ליבע צו דעם שיינעם, די אָפּנייגונג פון דעם העסלעכן; ער ווענדעט זיך צו דעם שיינקייט-זין פון דעם לעזער און ווירקט אויף אים. דער קריטיקער ווירקט אויף דער געמיינער נייגונג פון די לעזער — אויף זייער נייגיריקייט, אויף דעם געוויינלעכן באַגער פון דעם געוויינלעכן מענטשן וועגן אַלעמען אויף דער וועלט צו האָבן אַ פאַרטיק וואָרט — אַ „מיינונג".

און דער קריטיקער גיט אים די „מיינונג" אַפילו, ווען דער לעזער קען די זאַך כלל נישט; אַפילו, ווען ער האָט זי אין די אויגן נישט געזען און נישט געלייענט.

עס איז אויך איבעריק. נאָכדעם, ווי דער קריטיקער האָט אים שוין געלאָזט הערן זיין אויטאָריטעטע מיינונג, צו וואָס נאָך לייענען? צי קאָן מען זיך אויף דעם קריטיקער נישט פאַרלאָזן?

דער עסטעטיקער איז שטענדיק געווען אַ ברודער און אַ פריינט פון קינסטלער; דער קריטיקער — אַן אָנשיקעניש.

מענדעלע מוכר־ספרים

וואָס איז דאָס אַזוינס אַ קלאַסיקער?

(צו דער כאַראַקטעריסטיק פון מענדעלע מוכר-ספרים).

די גרויסקייט פון אמתן קלאַסיקער ליגט קודם-כל אין דעם, וואָס ער איז אומעטום גלייך זיך אַליין. נישטאָ קיין צופעליקייטן ביי אים און נישטאָ קיין השפעות, וואָס ער האָט נישט געגצלעך אַסימילירט אין זיך און איבערגעאַרבעט, אַזוי ווי יעדער אָרגאַניזם טוט מיט די אויסערלעכע שטאָפן, וואָס ער באַקומט. דער בוים קאָן וואַקסן, לאָזן טיפערע וואָרצלען, קאָן אויך זיך קרומען, וועלקן, שטענדיק אָבער בלייבט ער געטריי זיין נאַטור. עס איז די אינדיווידואַליטעט, די אייגנאַרט, וואָס איז דער ערשטער צייכן פון אמתער וויכטיקייט.

ביי מענדעלע מוכר-ספרים איז אַלץ מענדעלע: דער אינהאַלט און די פאָרם, דער בוי פון זאַץ; די אינדיווידואַליטעט דער-גרייכט ביי אים אַפילו ביז צום אויסוואַל פון ווערטער. יעטוועדע צופעליקייט איז דער פיינט פון קונסט. אַלץ מוז פאָרקומען מיט אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט, מוז אויסוואַקסן אָרגאַניש. נאָר די ריזיקע אינדיווידואַליטעט פאַרמאָגט דעם כוח צו באַפרייען זיך פון צופעליקייטן, פון דורכגייענדיקע שטימונגען, פון זייטיקע אויבערפלאַכלעכע השפעות. און דעריבער בלייבט זי שטענדיק גלייך זיך אַליין.

דאָס הייסט נישט, אַז דער קלאַסיקער לעבט זיך אין אַן אָפגעשלאָסענער וועלט פון זיין „איך” און איז נישט אָפהענגיק פון דער אויסערלעכער וועלט און אַלץ, וואָס אין איר פאַסירט. פאַרקערט: אין קלאַסיקער שפיגלט זיך אָפ דער דור מיט אַלע אימפולסן, וואָס האָבן אים באַוועגט. ביי מענדעלען הערט איר

די שטים פון משכיל צוגלײַך מיטן מאָדערנעם יידישיסט. ער איז ביידע צוזאַמען, אָדער ער איז ביידע נישט. ער איז מענדעלע. די סתירות צווישן גאַנצע וועלטן פון אידעען, צווישן קעגנ־געזעצטע ריכטונגען — ווערן פאַרענטפערט אין זיין אייגנאַרט. דאָס איז נישט קיין פשרה, נישט קיין קאָמפּראָמיס, און ווייט־ווייט איז דאָס פון יענער קריכעריי פון „כל־בוי", וואָס האָט פאַר יעטוועדן אַ שמייכל און אַ צושאָקלען מיטן קאָפּ. ער איז מיט יעדער ריכטונג, אויב איר ווילט, צעריסן און דאָך אינערלעך פאַרקניפּט. ער איז דאָס דער זשעני — דער פלאַנעט, וואָס גייט זיין **אייגענעם** וועג.

ער איז אונטערגעוואָרפן אונטער דער צוצי־קראַפט פון אַלע גרעסערע און קלענערע קערפּער. קיין שום זאַך בלייבט נישט אָן רושם אויף אים; אָבער זיין אייגן געוויכט, זיין אייגענע נאַטור איז דער מיטל־פונקט פון די אַלע השפעות, און פון דעם אַלעם צוזאַמען ערשט ווערט באַשטימט זיין אייגענער וועג, זיין אָרביטע.

אָט דאָס איז מענדעלע פאַר אונז. די דורות, וואָס ער האָט מיטגעלעבט, שפּיגלען זיך אין אים אָפּ, און דערביי איז ער פאַר אונז **איינער**, האַרמאָניש געשלאָסן. נישטאָ ביי אים קיין אָפּווייכונגען, ער ווערט קיינמאָל פון גאָרנישט מיטגעריסן. די ערשטע פראַזע פון זיינע ביכער און די לעצטע, די הקדמה און דער טעקסט — איבער אַלעם איז אויסגעגאָסן זיין פערזענלעכקייט.

מענדעלע איז געבוירן אין ליטע און געהאָדעוועט אין וואָלין. דאָס זענען צוויי וועלטן. דער ליטווישער ייד, דער קאָפּ־מענטש, דער דאַרער און קוואַרער, איז אַ געבוירענער מוסרניק און מוכיח; דער וואָלינער ייד גילט פאַר דעם געמיט־מענטש, מיט דער ווייכקייט אין לשון און אין זיינע באַוועגונגען. נו, איז דאָס אינטערעסאַנטסטע צו זען ביי מענדעלען, ווי די צוויי וועלטן זענען פאַרשמאָלצן ביי אים, ווי די דאָזיקע שרייענדיקע סתירה ווערט פאַרענטפערט אין זיין פערזענלעכקייט. ער האָט דעם בייזן סאַרקאַזם, וואָס שטאַמט פון דער ליטע, מיט דער געמיטלעכקייט

פון וואָלין, און נישט נאָר וואָס איינע שטערט נישט די צווייטע, רייסט זיך נישט אַריין ווי אַ דיסאָנאַנס, נאָר זיי דערגאַנצן זיך, זענען צוזאַמענגעגאָסן און רעדן צוזאַמען אַרויס האַרמאָניש פון יעדער שורה. נאָר ביי אַ שטאַרקער פערזענלעכקייט איז מעגלעך אַזאַ טיף איבעראַרבעטן פון פאַרשידענע עלעמענטן אויף אייגענעם שטאָף.

דעריבער איז מענדעלע אויך דער אָריגינעלסטער, דער וואָס האָט אַממיינסטן געשאַפן, דער אמתער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור. שלום-עליכמס סטיל איז אַ ווייטערע באַאַרבעטונג פון מענדעלעס סטיל; די באַציאונג פון אַ גאַנצן יונגען דור יידישע שרייבער, ווי: אַש, ווייסנבערג, צו אונזער פאָלקס-לעבן און צו אונזערע פאָלקס-מענטשן — איז שוין אָנגעטייט ביי מענדעלען. דער קלאַסיקער, וואָס איז דער סך-הכל פון זיין דור, דער וואָס האָט דעם האָניג געזאַמלט פון יעדן בלימל, איז דערביי אויך דער אָנהויב, די פתיחה צו דעם נייעם. אין זיין פערזענלעכקייט ליגן די צייטיקע פרוכטן פון דעם געוועזענעם און פאַראַנענעם און דאָרט ליגט שוין אויך דער זאָמען פון דעם, וואָס האָט צו שפּראָצן און צו בליען. ער איז אַ סוף און צוגלייך אויך אַן אָנהויב.

מענדעלע מוכר-ספרים

(צו זיין אכציק-יאָריקן יובילעום).

מענדעלע מוכר-ספרים איז דער „זיידע" פון דער יידישער ליטעראַטור שוין מער ווי איין ליטעראַרישער דור. עס וועט שוין זיין אַ מעשה פון אַ יאָר 20, ווי שלום-עליכם, זיין אייניקל, האָט אים געקרוינט מיט דעם נאָמען. אונזער זיידע האָט איצט שוין אין דער ליטעראַטור דערוואַקסענע אור-אייניקלעך, און אויפוואַקסנדיקע אור-אור-אייניקלעך, זיינע 80-יאָריקע אויגן קאָנען קוקן מיט נחת אויף די דורות, וואָס גייען אים נאָך. ער איז געווען איינער אין פעלד, ווען ער האָט געלייגט דעם ערשטן שטיין צו אַ מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, דער ערשטער, וואָס האָט דאָס יידישע וואָרט ליב באַקומען מיט יענער ליבע פון קינסטלער צו נאַטור און צום פרישן וואַסער פון קוואַל, וואָס זי אַליין נאָר איז אימשטאַנד צו באַפרוכטן און דורות אויפ-צושטעלן.

עס זענען פאַר מענדעלען אויך שוין געווען באַגאַבטע שרייבער אויף יידיש: ס'זענען שוין אַפילו געווען מיט אַ דור פאַר אים קעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער פאַרוואָרלאָזטער באַציאונג צו איר. און דאָך מאַכט מען קיין טעות נישט, אויב מען זאָגט, אַז אַ ליטע-ראַטור אויף יידיש, אין מאָדערנעם זין פון וואָרט, הויבט זיך אָן ערשט מיט מענדעלען. דער כּוח פון קינסטלער, און דאָס, וואָס שיידט אים אָפּ פון אַנדערע, ליגט טאַקע דערין, וואָס זיין אַרבעט בלייבט קיינמאָל נישט פאַריינצלט, אָפּגעזונדערט, — אַן עפּיזאָד און אַן איבערגאַנג. דאָס ווערק פון קינסטלער,

נאָך מער ווי עס איז אַליין, טראָגט עס אין זיך מעגלעכקייטן פון נייעם שאַפן. וואָס עס איז געשריבן געוואָרן פאַר מענדעלען אויף יידיש, שטייט מער אָפּגעריסן פון אונז, האָט אַ קנאַפּן צוזאַמענהאַנג מיט דעם גאַנצן זין פון אונזער קולטור־היסטאָריע, און די שטימען פאַר יידיש, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פאַר אים, זענען עפּיזאָדן, אין זייער צייט זענען דאָס געווען קוריאָזן, צופעליקייטן. דער פאָדעם הויבט אָן געשפּינט צו ווערן ערשט מיט מענדעלען.

דאָס ערשטע פון זיינע באַדייטנדיקע ווערק, און וואָס איז עד־היום געבליבן פאַרקניפּט מיט זיין נאָמען, איז „די קליאַטשע". נאָך היינט באַצויבערט אייך דאָס ווערק און נעמט אייך געפאַנ־גען מיט עפּעס אַ באַהאַלטענער שיינקייט. וואָס דעם פאַרשטענדיקן קריטיקער מוז אַממיינסטן אויפפאַלן איז, וואָס דעם אמת זאָגנדיק, אויב איר זאָלט „די קליאַטשע" נעמען מעסטן מיט דער מאָס פון ריינער קונסט, קומט עס כּלל נישט אַרויס אַזוי געוואַלטיק. בסך־הכּל איז עס אַן אַלעגאָריע אויף דער אָרעמער כּנסת־ישראל, אַ ברייט אַרומגעשריבענער משל, און דער נמשל דערפון איז די טרויעריקע האַרצרייסנדיקע און אָפּטמאָל אַזוי קאָמישע לאַגע פון אַ פאָלק. אַלעגאָריעס בכלל האָבן נישט קיין גרויסע שייכות מיט דעם, וואָס ס'רופט זיך קונסט. דער משל איז מער אַ פּראָדוקט פון אַ לאָגישן אַרט דענקען, דער תּמצית דערפון איז שטענדיק אַ קלאָרע, באַשטימטע, נאָך איידער איר ווייסט נאָך נישט קיין קינסטלע־רישע אידעע, וואָס באַקומט אַ לבוש, ווערט איינגעהילט אין אַ מאַנטל. בשעת אין דער קונסט קאָן די פאָרם און דער אינהאַלט נישט אָפּגעטיילט ווערן, בשעת דאָרטן זענען זיי אָרגאַניש צו־זאַמענגעוואַקסן, קאָנט איר דאַקעגן אין דער אַלעגאָריע גענוי ציען אַ גרענעץ צווישן פאָרם און אינהאַלט, צווישן דעם משל און נמשל. און דערביי איז דער נמשל די הויפּט־זאַך, דער משל — אַ מיטל אויף מקרב אל השכל צו זיין דעם נמשל, די מאָראַל פון דער געשיכטע.

אָבער טראָץ דעם, וואָס „די קליאַטשע" געהערט בעצם צו דעם מין אַלעגאָריע, איז עס און בלייבט אַ ווערק פון אַ מייַ־סטער און אַ קלאַסיקער. און נישט בלויז מיט די פאַריינצלטע

קינסטלערישע שילדערונגען פון דער „קליאַטשע" און איר באַלע־באָס; מיט דעם טיפן, ביז צו דער זיבעטער ריפּ דורכדרינגנדיקן ליריזם, וואָס גייט דורך דעם גאַנצן ווערק. עס ליגט דערין באַהאַלטן אַן אַנדערער סוד — דער סוד פון דער אייגנאַרט — פון אַ נייער באַציאונג צו דעם גאַנצן טרויעריקן ענין, וואָס מען רופט דאָס יידישע ביטערע מזל. עפּעס אַנדערש, פילט איר דאָ, האָט אַן אויג געקוקט אויף דעם אַלעם, אַנדערש איז עס פון די חושים און די געפילן אויפגענומען געוואָרן, און בעצם האָט איר דאָ אַ ניי־געשאַפענע וועלט.

דאָס קלאָגן זיך אויף די יידישע צרות איז אַן אַלטע גע־וואוינהייט, אַזוי אַלט כמעט, ווי דאָס יידישע פאָלק און זיינע צרות. מיר האָבן ליב דאָס האַרץ אויסצוגיסן. און פונדאַנען שטאַמט דער ליריזם פון אונזער ראַסע. אויך מענדעלע האָט געפונען דעם וועג צום האַרץ פון פאָלק מיט דעם, וואָס ער האָט באַרירט די אַלטע סטרונע, וואָס ער האָט זיך געקלאָגט אויף דעם אָרעמען גורל פון דער „בידנער קליאַטשע" מיט אירע אויסגעדאַרטע ביינער, נעבעך, וואָס אַ גאָטס רחמנות, ווי מען ציפּט איר אַ האָר נאָך אַ האָר. עס איז דאָך אַ לעבעדיק באַשעפעניש, און עס טוט איר וויי. דער דאָזיקער נוסח און שטייגער האָט אים געמאַכט צוגענגלעך צום פאָלק. אָבער וואָסער אומגעהויערער אונטערשיד ליגט צווישן דעם אַלטן שטייגער פון קלאָגן זיך אויף יידישע צרות און דעם נייעם, דעם אייגנאַרטיקן, דעם מענדעלישן! קלאָגן זיך איז בעצם גאָר נישט אַזאַ עסטעטישע זאַך, וואָס זאָל דערוועקן דאָס געפיל פון שיינקייט. ביי מענדעלען אָבער קומט צו דאָס קלוגע, רואיקע און לאַכנדיקע אויג, דער הומאָר פון אַ זון פון דעם אַלטן פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל שוין געזען, און אויך צרות און לייד זענען אַזוינע אַלטע איבערגעלעבטע זאַכן פאַר אים; איוב האָט ביי מענדעלען זיך פאַרייניקט מיט קוהלתן. דער ליריזם און דאָס קלאָגן זיך קומט אייך נישט מער פאָר פיינלעך; ווייל עס ווערט געשילדערט דורך דעם שמייכל פון אַ גערונצלט פנים, דורך דעם ווייטן רואיקן בליק פון קלאָרע אַלטע אויגן. ערשט די פאַרייניקונג פון דעם הומאָר מיט דער עלעגיע האָט

באַשאַפן דאָס געזאַנג – דאָס נייע און אייגנאַרטיקע – מענדעלען.
אַזוי האָבן מיר מיט אַ יאָר 40–50 צוריק באַקומען דאָס ערשטע יידישע מייסטער-ווערק – „די קליאַטשע״, און גלייכצייטיק מיט דעם ווערק – די התחלה פון אַ נייער עפּאָכע אין דער באַציאונג צום אייגענעם פאָלק און זיין גורל און צו זיין לשון.

מענדעלע איז געווען דער ערשטער קעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך אינסטינקטיוו, אפשר דאָס אַליין נישט צו וויסן. זיין גאַנצע באַציאונג צו דעם יידישן לעבן איז אַן אַנדערע, ווי די אָנגענומענע פאַר אים. ער איז געווען כמעט דער ערשטער, וואָס האָט געשטעלט דעם אַקצענט נישט אויף די ספרים פון פאָלק, אויף זיינע פירער, אויף זיינע תלמידי-חכמים, צי אויף זיין אינטעליגענץ, נישט אויף זיינע באַציאונגען צו דער אויסערלעכער נישט-יידישער וועלט, נאָר אויפן פאָלק גופא, אין זיינע מאַסן, אין זיין וואָכעדיקן אויסזעען. ער האָט דער ערשטער דערזען דאָס פאָלק, אַלס אַ קולטורעלע געמיינשאַפט אין דער קעגנוואַרט, און האָט עס ליב באַקומען, אַלס אַ שטיק נאַטור, און אַ שטיק א י י ג ע נ ע נאַטור.
און פונדאַנען שטאַמט דער אייגנאַרטיקער סטיל, וואָס איז אַזוי מעלאָדיש און שוואַרץ-חנעוודיק, ווי אַ פּראָווינציעלע יידישע יפת-תואר פון פאַר 50 יאָר. דאָס יידישע לשון האָט צום ערשטן מאָל באַקומען אַ קלאַנג פון אַן עכטער מטבע ביי מענדעלען.

מענדעלע און די יידישע שפּראַך

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז צווישן דעם יונגען ליטעראַרישן דור און דעם ערשטן אַרויספאָר פון מענדעלע מוכר-ספרים מיט זיין „קליין מענטשעלע" און די „קליאַטשע" ליגט כמעט שוין אַ האַלבער יאָרהונדערט; אַז 40—50 יאָר ליגן צווישן טשערנאָוויץ, וואָס האָט אָנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך דורך אַ רעזאָלוציע, און צווישן די ערשטע יידישע שורות, וואָס אונזער גרעסטער שפּראַך-קינסטלער האָט אויפגעשריבן, וואו די יידישע שפּראַך איז פאַקטיש „אָנערקענט" געוואָרן דורך דער באַציאונג פון מענדעלען צו איר, דורך זיין צוקלויבן און שלייפן און פיילן יעדעס וואָרט און יעדן זאַץ, — באַפאַלט אונז נישט-ווילנדיק דער רעספּעקט צו אים, ווי צו אַ גייסטיקן ריז, ווי צו אַ „זעער", וואָס אַפילו ווען ער טאַפּט אין דער פינסטערניש, געפינט ער דאָס וויכטיקע און ריכטיקע, בעסער ווי מיר מיט אונזערע אָפענע אויגן אין דער העלער ליכטיקייט.

און די פינסטערניש איז געווען נישט בלויז אַרום; זי איז געווען אין דעם גייסט פון מענדעלען אַליין. איך בין זייער מסופק, צי מענדעלע וואָלט דעמאָלט, אין יענע יאָרן, אַליין נישט אויסגעלאַכט דעם געדאַנק, אַז יידיש איז אַ שפּראַך, און אויף איר איז מעגלעך אַ קולטור; אַז זי האָט אַ גראַמאַטיק, וואָס לאָזט זיך נישט טרעטן; אַז זי האָט אַ פאַרדייאונגס-קראַפט פאַר די אָדער יענע סלאַווישע, העברעישע און גערמאַנישע ווערטער און ווענדונגען, און פאַר אַנדערע — נישט; מיט איין וואָרט: אַז דאָס איז אַ שפּראַך, און אַליין, וואָס איז גילטיק פאַר יעטוועדער שפּראַך אויף דער וועלט, איז פאַר איר אויך גילטיק. אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם „משכיל" אַבראַמאָוויטש האָט די באַציאונג צו דער שפּראַך געמוזט זיין

גאָר אַן אַנדערע, ווי אין יענער ספערע פון אונטער דעם באַוואוסטזיין, פונוואַנען יעדעס שאַפן קוועלט, אַזוי ווי פריש וואַסער פון אַן אונטערערדישן קוואַל. מען דערציילט אַפילו, אַז אין זיין פריוואַטן און היזלעכן לעבן באַנוצט מענדעלע מערסטנטייל די רוסישע שפּראַך; וואָס מענדעלע טראַכט וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, וועגן זיינע דערהאַלטונגס-מעגלעכקייטן, וועגן אַ קולטורעלן שאַפן אויף יידיש, צי אויף העברעיש — ווייסן מיר נישט. דאָך, אַז מען לייענט דורך דאָס ערשטע בעסטע זייטל פון מענדעלעס ביכער, ווייעט אויף אייך אַזאַ ליבע און אַזאַ אינערלעכע צוגעבונדנקייט צו דער שפּראַך, וואָס „אָנערקענט" זי מער פון אַלערליי רעזאָלוציעס.

די אָנערקענונג פון דער שפּראַך ווייזט זיך ביי מענדעלע מוכר-ספרים אי ביים אויסקלויב פון די ווערטער, אי ביי דעם בוי פון דער פּראָזע. אין ביידע פאַלן האָט איר דעם איינדרוק, ווי מענדעלע וואָלט זיך געהאַלטן אין עפּעס פעסטע פּרינציפּן, וואָס האָבן איין מאָל אויף אַלע מאָל געגעבן דעם פונדאַמענט פאַר דעם כאַראַקטער פון דער יידישער שפּראַך, און איינמאָל אויף אַלע מאָל אָנגעצייכנט די ליניעס פון איר מעגלעכער אַנטוויקלונג. מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז אַזוינע פעסטע פּרינציפּן זענען נאָך אַפילו ביז היינט דורך קיינעם נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן, און אַז מענדעלען האָט דאָ געפירט אַ אינערלעכער חוש, פאַר וועלכן ער אַליין וואָלט אפשר נישט געפונען קיין קלאָרע באַצייכענונג.

דער שאַנד-פלעק פון דער יידישער שפּראַך, אַז זי איז אַ „זשאַרגאָן", אַ מישמאַש פון דייטש, העברעיש, סלאַוויש א. אַ. וו., איז אין דער לעצטער צייט אַראָפּגענומען געוואָרן. די טעַנות, האָט זיך אויסגעוויזן, זענען פאַלשע. אַלע שפּראַכן זענען בעצם נישט מער ווי „זשאַרגאָן", וואָס דער גייסט פון פאָלק האָט קאָנסטרואירט, צוגעגעבן זיי דעם פאָלקס-כאַראַקטער, און קינסטלער און שריפטשטעלער האָבן זיי אַנטוויקלט ביז צו דער מדרגה פון קולטורעלע שפּראַכן. נאָר אויב יידיש איז נישט קיין זשאַרגאָן, איז די סכנה, אַז זי זאָל ווערן *אַ זשאַרגאָן* כלל נישט געוועזן איבערגעטריבן. און די סכנה שטאַמט פון דעם

זעלבן מקור, וואָס אַלע אַנדערע געפּאַר אונזער קיום: פון דער יידישער באַדנלאָזיקייט, פון דעם פאַקט, וואָס מיר זענען צעזייעט און צעשפּרייט צווישן פעלקער, און מיר זענען אומעטום די נ״ינדערהייט און די שוואַכע זייט. ווי לאַנג מיר האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט אין געטאָ, אין אונזערע קליינע שטעטלעך, ווייט פון אויסערלעכע השפּעות, האָט די געפאַר נישט עקזיסטירט. העכסטנס האָט די יידישע שפּראַך געקאָנט ווערן באַאיינפלוסט פון דעם אַרומיקן גויאישן דאָרף: איינציקע סלאַווישע ווערטער האָבן געקאָנט אַריינקומען אין דער יידישער שפּראַך און לייכט פאַרדייעט ווערן — פאַריידישט ווערן. דאָס רוסישע דאָרף איז קולטורעל אַזוי ווייט אָפּגעשטאַנען, אַז אַפילו דאָס יידישע געטאָ און די שפּראַך, וואָס ווערט דאָרט גערעדט, וואַקסט־אויס אַנטקעגן איר, ווי אַ ריזיקע קולטורעלע מאַכט.

די געפאַר הויבט זיך אָן ערשט, ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו צעפאַלן די מויערן פון דעם געטאָ, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן זיך אייראָפּעאיזירן, און אָנשטאָט דעם דאָרף האָט זיך די שטאָט אונז אַנטקעגן געשטעלט. אַ גאַנצער שטראָם פון נייע באַגריפן האָט זיך אַ לאָז געטון אויף אונז, און אונזער שפּראַך איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ גאַנץ „עשירות" פון סלאַווישע ווערטער, אויסדריקן און גאַנצע פראַזן, וואָס איז לחלוטין געווען אוממעגלעך, זיי זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דער שפּראַך און זיי נישט פאַרדאַרבן, נישט מאַכן פון איר אַ „זשאַרגאָן".

עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון דעם וויטעבסקער יידיש, וואָס דאַרף פונקט אַזוי באַרימט צו זיין, ווי דאָס בערדיטשעווער רוסיש.

און די מענטשן, וואָס האָבן געשריבן אין יענער צייט, האָבן זיך געלאָזט פירן פון דעם שטראָם. אייזיק־מאיר דיק און דערנאָך לינעצקי האָבן מיטגעמאַכט דעם פּראָצעס, וואָס דאַרף לויט זיין ריכטיקן אינהאַלט באַצייכנט צו ווערן מיט די ווערטער: „דאָס זשאַרגאָניזירן פון דער יידישער שפּראַך". ביי אייזיק־מאיר דיק געפינט איר נאָך די דייטשע השפּעה צוזאַמען מיט דער רוסישער. אַ נייער באַגריף, וואָס האָט נאָך נישט קיין אָפּגעשטעלטע

באַצייכענונג אויף יידיש, ווערט אויסגעדריקט דורך אַ ריין דייטשיש וואָרט, און אין רינגעלעך ווערט געשריבן דאָס רוסישע וואָרט. טיילמאָל פאַרקערט: קומט דאָס רוסישע וואָרט פריער, און דאָס דייטשע וואָרט איינגעשלאָסן אין די רינגעלעך. לינעצקי, מיט זיין פובליציסטישן טעמפּעראַמענט, פילט זיך שוין גאָר פריי אין דעם אויסקלויב פון די ווערטער און באַנוצט די רוסישע אויסדריקן נישט זשעניִרנדיק זיך. די ליטעראַטור, אָנשטאָט אָפּצושטעלן דעם פּראָצעס פון „זשאַרגאָניזאַציע", ווערט אַ מיטהעלפערין צו דעם פּראָצעס, לייגט צו איר שטעמפּל צו דעם געשעענעם.

דער ערשטער, וואָס לאָזט זיך נישט מיטרייסן פון דעם פּראָצעס, אויף וועמענס פעסטן רוקן דער שטראָם שלאָגט זיך אָן און ווערט צוריקגעוואָרפן, איז געווען מענדעלע מוכר-ספרים.

דער קולט פאַר דער שפּראַך באַמערקט זיך ביי מענדעלען נאָך אין זיינע ערשטע ווערק. ער איז נאָך אומבאַוואוסט פאַר אים אַליין, און די „זשאַרגאָניזאַציע" פילט זיך דאָ טיילמאָל, נאָר מיט יעדן נייעם ווערק ווערט דער קולט אַלץ מער קלאָר פאַר אים, דער אויסקלויב פון די ווערטער ווערט שוין שטרענגער, דער ריטם פון דער יידישער שפּראַך – מער אָפּגעהיט.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם ריטם פון דער יידישער שפּראַך, שטייט נאָך מענדעלע ביז היינט אין דער שפּיץ פון אַלערליי סטילן. דאָ האָט מיטגעווירקט אַ מוזיקאַלִיש אויער, דער קלאַנג פון וואָרט שפּילט ביי מענדעלען נישט קיין קליינע ראָלע. כאָטש מענדעלע, ווי אַן עכטער קענער פון יידיש, היט זיך געוויינלעך פון סלאַוויזמען, זעען מיר אים דאָך שטענדיק באַנוצן אַזוינע סלאַווישע ווערטער, וואָס קלינגען ווייך און מוזיקאַליש פאַרן אויער, אָדער זיי זענען ענלעך לויט זייער קלאַנג צו אַ יידיש וואָרט, און קאָנען דעריבער לייכט אַסימילירט ווערן.

ר' מענדעלע באַנוצט, למשל, זייער אָפט אַזוינע ווערטער, ווי „האָראָוואַניע", „ביסטרע", אַ „ביסטרע וואַסער" א. ד. גל. און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם בוי פון דער פּראָזע, זעען מיר אים, דעם קלאַסיקער, מיט דער נויגונג צו אַ געבונדענער שפּראַך, צו אַ לאַנגען פּעריאָד זאַגאַר. ווי ער קאָמבינירט און שטעלט צוזאַמען

די איינצלנע פראַזן אויף אַ ספּעציעלן יידישן שטייגער, וואָס קאָן נאָך היינט דינען אַלס דער בעסטער מוסטער פאַר דעם יידישן סינטאַקסיס.

פון אונזערע דריי יידישע דיאַלעקטן: דער פוילישער, דער ליטווישער און דער וואָלינער, האָט, דאַכט זיך, דער צווייטער, דער ליטווישער געגעבן דעם שטאָף, דער וואָלינער — די פאָרם, דעם כאַראַקטער. איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז דער ליטווישער דיאַלעקט האָט געליפערט די ווערטער, מיט וועלכע ער איז רייכער, ווייל דער אוצר פון באַגריפן אין דעם יידישן קליינשטעטלשן קאָפּ איז אין ליטע פון קדמונים אָן געווען רייכער, ווי אין וואָלין און אין פוילן; אָבער אין דעם כאַראַקטער פון דער שפּראַך, אין דער שטילער מעלאַנכאָלישער געמיטלעכקייט פון סטיל הערט זיך מער דער אָפּקלאַנג פון וואָלין, פונקט ווי מענדעלעס פּייזאַזש דאַכט זיך צו זיין מער פון דער קליין-רוסישער נאַטור, ווי פון ליטע. דער פוילישער דיאַלעקט האָט מיטגעווירקט (איבערהויפּט אין די לעצטע ווערק) אויף די גראַמאַטישע פאָרמען, אויף באַצייכענען דאָס געשלעכט, אויף די פאָרמען פון צייט-וואָרט א. אַ. וו. (דער פוילישער דיאַלעקט קאָן זיכער גערעכנט ווערן פאַר דעם גראַמאַטישסטן).

עס איז נישט דאָ מיין אויפגאַבע צו אַנאַליזירן גענוי מענדעלעס שפּראַך און צו אילוסטרירן מיינע אויבן-דערמאָנטע ווערטער מיט ביישפּילן פון מענדעלעס סטיל. דאָס וואָלט געווען אַ גוטע טעמע פאַר אַ גרעסערער אויספירלעכער אַרבעט, וואָס וואָלט זייער נוצלעך געווען פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך. עס איז אוממעגלעך עס צו טון אין אַ קליין אַרטיקל. עס איז מיר געלעגן דעריך, צו באַצייכענען די אומגעהויער-גרויסע באַדייטונג פאַר דער יידישער שפּראַך, וואָס מענדעלע, אַלס דער ערשטער יידישער סטיליסט, האָט געהאַט.

איך ווייס נישט, אין וועלכן זין מענדעלע קאָן מער גערעכנט ווערן פאַר דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור: אין דעם זין פון אינהאַלט, פון די קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס אויף זיי זענען אויפגעצויגן געוואָרן די נייע ליטעראַרישע דורות,

צי אין זין פון סטיל? וואָס ער איז מער: צי זיידע פון די יידישע ל י ט ע ר אַ ט ן, צי — פון דער יידישער ליטעראַטור? אַלס אַ גרינדער פון אַ ליטעראַרישער שול, אַלס אַ רבי, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ דור מיט תלמידים, האָט מענדעלע אַ שטאַרקן קאָנקורענט אין דער פערזאָן פון י. ל. פרץ. פרצס איינפלוס אויף דער יידישער ליטעראַטור איז געווען נישט קלענער, און אפשר נאָך גרעסער, ווי די השפעה פון מענדעלען. פרץ איז געווען מער באַן־ברעכער, מער וועג־ווייזער און וועג־זוכער צוזאַמען, ווי מענדעלע. מענדעלעס ליטעראַרישע השפעה פילט זיך שטאַרק ביי שלום־עליכמען, און ביי די יונגע פילט זי זיך ביי ביאַליקן אין זיינע פראָזאַישע ווערק; פון די יונגע יידישע שרייבער קאָן אַפילו שלום אַש, וואָס שטייט אַזוי נאָענט צו אים לויט דער אַרט פון זיין טאַלענט, דאָך נישט גערעכנט ווערן פאַר זיינס אַ תלמיד. פרצס השפעה אויף שלום אַש איז געווען פיל גרעסער בערך, כאָטש די צוויי טאַלענטן זענען פון גרונט אויס אַזוי פאַרשידן. אָבער אַלס גרינדער פון דער יידישער ליטעראַטור, אַלס דער ערשטער און גרעסטער יידישער סטיליסט, האָט נאָך מענדעלע ביז היינט קיין קאָנקורענט נישט. דאָ איז זיין השפעה לגמרי נאָך נישט אויסגעשעפט. מער נאָך: איך מיין, אַז די השפעה איז נאָך ביז אַהער נישט גענוג שטאַרק געווען, און זי דאַרף נאָך גרעסער צו ווערן. איבערהויפט — אין דער לעצטער צייט, בשעת די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך איז פלוצלינג איבערגע־גאַנגען פון דעם רשות פון דער ליטעראַטור אין דעם רשות פון דער פרעסע. דאָ, אין דעם איילעניש און קאָכעניש פון טאָג, אין די הענט פון באַרופענע און גאָר אַ גרויסער צאָל אומבאַרופענע: פון מענטשן אָן געשמאַק און זין פאַר סטיל, ווערט מיט דער יידישער שפּראַך געאַרבעט „טאַנדעט”. אָט אין אַזאַ צייט איז זייער וויכטיק, מען זאָל ווידער נעמען בלעטערן די ביכער פון מענדעלע, זיי זאָלן וואָס מער געלעזן ווערן פון עולם, און דער עיקר — פון די זשורנאַליסטן אַליין. דאָס וועט זיין אַ גוטע שול פאַר זיי.

איך וואָלט יעדן יידישן זשורנאַליסט געראָטן, אויב ער וויל

שרייבן אַ ריינעם און לייכטן יידיש, איידער ער שרייבט אָן זיין צייטונגס-אַרטיקל, פריער דורכצולייענען כאָטש אַ זייטל פון מענדעלע מוכר-ספרים.

שלום-עליכם

די דערשטיקטע ליריק

אַ שטריך צו דער כאַראַקטעריסטיק פון שלום-עליכם.

אַ צאַרטע, לירישע נאָטע, אַ ווייכע און אַ האַרציקע, קלינגט אַזוי אָפּט אַרויס פון שלום-עליכמס ווערק. קוים-קוים, וואָס זי הערט זיך. מען האָט דעם איינדרוק, אַז ער אַליין אַנטלויפט פון איר. עפּעס ווערט טרויעריק דערביי און קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן. דאָקטוירים אָבער זאָגן, אַז לאַכן איז געזונט, לאָמיר-זשע לאַכן, האַרציק און געזונט לאַכן.

ער האָט קאָמישע איינפאַלן אָן אַ שיעור; די יידישע שפּראַך אַליין אין זיין מויל איז אַזוי גלאַטיק און ריטמיש, און גיסט זיך, גיסט זיך, ווי אַ קלאָר רינעלע, און דערביי איז זי אַזוי קיצלדיק: איין וואָרט, איין אויסדרוק, און איר פּאַרקייכט אייך פאַר געלעכטער. צו וואָס טרויעריק זיין, אַז מען קאָן לאַכן? —

אָבער הערט אייך גוט איין צו די דאָזיקע לידלעך זיינע, וואָס ווערן געזונגען: דאָס „וויג-לידל", דער „בעל-עגלה" און אַנדערע. וואָסערע טענער! וואָס פאַראַ שטיל צניעותדיק געפיל! די לידלעך האָט ער געשריבן כלאחר-יד. איך וועל שווערן, אַז נישט צוליב ליטעראַטור, צוליב האָנאָראַר אַוודאי נישט... לידלעך? שלום-עליכם איז דאָך עפּעס אַ יידישער וועלט-מענטש, וואָס איז אויסגעקאָכט אויף דער בערזע, וואָס איז באַהאַוונט אין אַלערליי מסחרים און געשעפטן, — נישט ערגער ווי זיין קאָמיש באַשע-פעניש, מנחם-מענדל, — ווי קומט צו אַזאַ ייד אָפּצוגעבן זיך עפּעס מיט אַזוינע זאַכן, מיט שטראַם-גראַם? פוי! עס פּאַסט עפּעס נישט.

אין „סטעמפּעניו״ זיצט דער ווייכער ליריקער. און נישט בחנם זענען צווישן דעם יידישן אינטעליגענטן לעזער אַממיינסטן באַליבט די מעשיות פון „טביה דעם מילכיקן״, וואו די טרויעריקע נאָטע באַהערשט דאָס געלעכטער, וואו דאָס טיפע רחמנות-געפיל ליגט אויסגעגאָסן און פאַרגלעט דעם קיצלדיקן טאָן פון טביהס לשון-קודשדיקע פסוקים.

איך געדענק אַ פאַרלעזונג פון שלום-עליכם.

— וואָס זאָל איך לייענען? — האָט ער זיך כלומרשט מיישב געווען מיט עטלעכע פון די יונגע, בייטאָג נאָך, פאַר דער פאַרלעזונג. שלום-עליכם האָט ליב געהאַט זיך מיישב צו זיין, אָפּצוהאַלטן אַן עצה. דאָס איז ביי אים געווען אַ מין יידישע נאַטור. אַן עצה איז שטענדיק גוט, אַן עצה קאָסט קיין געלט נישט. כאָטש איך בין זייער מסופק, צי ער האָט אַמאָל אין זיין לעבן געפאָלגט אַן עצה, און צי האָט ער זי געדאַרפט צו האָבן, צי ס'איז אים געלעגן דערין. ער האָט פאַרמאָגט זייער פיל פון דער יידישער איבערגעשפּיצטקייט. אָבער ער האָט ליב געהאַט זיך דורכצורעדן: שמועסן איז אַ וואַזשנער ענין; אַ יידישע זאַך שמועסן.

פאַרשטייט זיך: אַלע אין איין קול האָבן מיר זיך אָנגערופן: „טביה דער מילכיקער״. צום צענטן און צום הונדערטסטן מאָל הערט מען אַזאַ זאַך מיט פאַרגעניגן און אַנטציקונג. ס'איז פון די זאַכן, וואָס וויפיל מאָל איר זאָלט זיך נישט צורירן צו זיי, האָבן זיי שטענדיק אויף זיך דעם פרישן טוי, און ווירקן ווי ניי.

צוגעגרייט ביי אים אויפן טיש צום לייענען איז געלעגן — „דער זעקס-און-זעכציק״, אַ גראַטעסקע מעשה, גראָד נישט זייער קיין עסטעטישע, אָבער זייער צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון אחינו בני ישראל, וואָס האָבן ליב אַ פעטן וויץ, עס נעמט פאַר דער זיבעטער ריפּ. שלום-עליכם האָט אויף אונז געוואָרפן איינעם פון זיינע מנחם-מענדלשע בליקן. אַ מאָדנער בליק איז דאָס געווען, עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען קוקט אייך אָן פון אַלע זייטן: קלוג ווי דער טאָג, און איבערגעשפּיצט ביז די עולמות

עליונים, און פול חשדים — און ווי יידיש דער בליק איז געווען!

אָבער מיר האָבן נישט אָפּגעלאָזט: טביה, טביה, איר מוזט לייענען טביה. איר מוזט דאָך עפּעס לייענען פאַר אונז אויך.

ער האָט אונז די טובה געטון און געלייענט „טביה". אין זאַל, צווישן דעם טויזנט-קעפּיקן פּובליקום, איז דער איינדרוק קענטיק, געווען אַ שוואַכער. דערנאָך באַלד איז געקומען דער „זעקס-און זעכציק", און וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין זאַל! ממש מען האָט זיך געהאַלטן פאַר די זייטן. יידן מיט בייכלעך, יידן מיט דיקע גאָלדענע קייטן, יידן וואָס האָבן צו דער יידישער ליטעראַטור אַזאַ שייכות, לאָמיר זאָגן, ווי צו דער אַלטער מעקסיקאַנישער קולטור, האָבן געלאַכט און געקייכט זיך פאַר געלעכטער, און האָבן זיך אַנטציקט און געקומען אין התפּעלות פון דעם גרויסן יידישן שרייבער.

דער „זעקס-און זעכציק", צווישן אונז זאָל עס בלייבן, איז נישט ווערט די פעדער פון דעם באמת גרויסן קינסטלער, וואָס האָט אַזוי פיל שיינע, הערלעך קינסטלערישע זאַכן אונז געגעבן.

דער דערפאָלג פון אָוונט איז געווען אַ געוואַלטיקער, אָבער ביי אונז האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ טרויעריקייט אין האַרצן. נישט אונזער טביה האָט געהאַט דעם דערפאָלג, נאָר דער וויץ פאַר קאָמי-וואָיאַזשאָרן.

דאָס איז אַ קליינער עפּיזאָד. אָבער ווער עס האָט פאַרפאָלגט דאָס שאַפן פון אונזער גרויסן הומאָריסט, דער ווייסט, ווי ווייט עס איז כאַראַקטעריסטיש.

צוליב דעם „זעקס-און זעכציק" האָט שלום-עליכם דער וועלט-מענטש, דער אויסגעקאָכטער און הונדערט מאָל דורכגעטרייבענער, באַהאַלטן טיף אין האַרצן דאָס ווייכע, פאַרבענקטע, די האַרציקע מעלאָדיע פון קליין-רוסלאַנד, וואָס האָט דאָך אַרויסגעזונגען פון אים.

מיר האָבן זי אַלע געהערט, כאָטש ער האָט זי באַהאַלטן, און — גאָט! — ער האָט זיך געשעמט מיט איר.

יר האָבן זיך נישט געקייכט פאַר געלעכטער ביים „זעקס-און זעכציק״, אָבער מיר האָבן שטענדיק שלום-עליכמס ליד זינגען געהערט, און מיר האָבן אים ליב געהאַט און גרויס געהאַלטן פאַר דעם.

שלום־עליכמס פאָרלעזונגען

ער איז דער מייסטער פון לאַכן און פון באַרעדעוודיקייט.

ווען ער לייענט, דאַכט זיך אייך, אַז אַ לעבעדיקער שפּרודלדיקער קוואַל קייקלט זיך פריידיק. יעדער טראָפּן פון דעם קוואַל שפּיגלט זיך און צירט. ביי שלום־עליכמען קאָקעטירט יעדעס איינציקע יידישע וואָרט מיט זיך אַליין, עס האָט אַ הנאה פון זיך. ער איז קיילעכדיק און גלאַטיק, אָגיל ואשמח.

אַ פּוילישער ייד פאַרשלינגט און פאַרכאַפּט די ווערטער, דער דיאַלעקט איז דאָ ווייך ווי אַ פּוטער, און דעריבער — אָן פאָרם אין אָפּגערונדקייט, ליטע זעגט ברעטער אָנשטאָט צו רעדן, די כלי־הדיבור טוען זייער אַרבעט בשלימות: „גע—גאַנ—גען", גוט — צום פאַרשטיין; שלעכט — פאַרן אויער. עס איז אַ דיאַלעקט פון קאָפּ־מענטשן, אָן זין פאַר מוזיק און פיינעם קלאַנג.

דער וואָלינער ייד רעדט און לייגט אויס אויף טעלערלעך, און עס זינגט יעדע פראַזע. דער וואָלינער איז דער ריטמישסטער און שענסטער פון די יידישע דיאַלעקטן, און דער וואָלינער ייד האָט ליב דאָס רעדן, אַוועקצולייגן אייך אַ מעשה, אויסדערציילט מיט אַלע פּליטערלעך. ער האָט פיינט צו כאַפּן (ווי דער פּוילישער), ער האָט פיינט דעם „פאַרשטייט איר מיך" פון ליטוואַק. וואַרט אָקאָרשט, ר' קרוב, זעצט אייך און הערט אויס אַ מעשה פּלא, איך וועל אייך דערציילן פון אַלף ביז תיו, און איר וועט האָבן אַ הנאה, אַן אמתן פאַרגעניגן; איר וועט אי"ה פילן אַ טעם גן־עדן, און עס וועט אייך וואויל באַקומען.

ביים וואָלינער איז דער ענין פון לעבן דערהויבן ביז צו דער מדרגה פון קונסט.

שלום־עליכם איז דער קינסטלער פון דער קונסט.

אויסער די פיגורן, וואָס ער גיט, אויסער די בילדער פון יידישן לעבן, וואָס ער מאָלט, און פריער פאַר אַלעם איז שטאַרקער פון אַלעם — איז ביי אים דאָס דערציילן אַליין קונסט און פּאָעזיע.

און דאָס דערקענט איר ערשט רעכט, ווען ער לייענט: ווי ער באַטאָנט יעדעס וואָרט און יעדן טראַף, ווי זיי וואָלטן געווען טענער פון אַ סימפאָניע.

אין צוויי זאַכן איז שלום-עליכם פאַרליבט: אין דער מוזיק פון דער שפּראַך און אין לאַכן: דאָס האַרציקע גוטע לאַכן, וואָס שיידט אָפּ דעם מענטש פון דער חיה.

ער האָט די לאַכנדיקע אויגן, און ער האָט ליב, אַז דער עולם אַרום זאָל לאַכן, און די וועלט זאָל לאַכן.

אַ לאַכנדיקער מענטש איז נישט קיין בעסטיע. היט אייך פאַר מענטשן, וואָס לאַכן נישט. נישט די ערנסטע זענען זיי, נאָר די פאַרדאָרבנסטע און שלעכטסטע.

היט אייך פאַר די מענטשן, וואָס שליידערן, ווי יופּיטער, מיט דונערן, זיי זענען על-פי-רוב די נביאי-השקר מיט די הערנער צום שטויסן.

אין לאַכן ווערט דער מענטש מענטשלעך. לאַכן איז אַ העכערע פונקציע פון מענטשלעכן גייסט.

שלום-עליכם האָט ליב דאָס לאַכן, און האָט ליב די וועלט, און פאַרגינט איר דאָס געלעכטער.

ער האָט דעם גוטן קינסטלערישן ווייץ פאַר דעם פיינעם געשמאַק; ער האָט דאָס טראַגי-קאָמישע לאַכן פאַר דעם מעלאַנכאָליקער, און האָט אַפילו פאַר דעם פּראָסטן געשמאַק אַ מעשה צום טויט-לאַכן מיט אַ זעקס-און-זעכציק אויף אַ שלאָפנדיקן גלח.

מיר טרינקען אַלע פון דעם שפּרודלדיקן קוואַל, די מיטן פיינערן געשמאַק און די מיטן פּראָסטן, און מיר בענטשן אים אַלע.

שלום־עליכם אין זומער־טעאַטער

„זאָל דאָך טוען בײַ אונז זײַן אויף לאַנגע יאָרן, וואָרום מיט זײַן פעדער גיט ער זײַנע לאַנדסלײַט געזונט און גליק פיל מער, ווי אַלע דאָקטוירים און אַפּטייקן צוזאַמען".

אַזוי שרײַבט וועגן דעם אַמעריקאַנער הומאָריסט אײנער פון זײַנע קריטיקער־לאַנדסלײַט. די אַמעריקאַנער זענען אַ פּראַקטיש פאָלק. און אויך די שײנקייט און די קונסט פאַר־שטײען זײ אַזוי פּשוט, וואָס בײַ אונז וואָלט מען עס אָנגערופן באַנאַלקייט. דער יענקי האָט געהאַט הנאה, אַן עסטעטישן געשמאַק, דערפילט אַ שטראָם פון לעבנס־לוסט לויפט דורך זײַנע אָדערן; דאָס לעבן איז אים געוואָרן לײַכטער, זײַן גײַסט — ווי לויטערער, און אָט מאַכט ער צו דאָס בוך און ווינטשט דעם מחבר גאַנץ פּשוט: „זאָל ער זײַן אויף לאַנגע יאָרן!"

וויפיל אַזעלכע ברכות זענען מיר שולדיק שלום־עליכמען, וויפיל „געזונט און גליק" האָט זײַן גײַסט אונז געגעבן!

מיר אָבער זענען ערנסט, שווערמוטיק, און שלום־עליכם איז דאָך עפּעס אַ „לײַכטזיניקער"; אַזוי האָבן מיר אַזאַ לײַכט־זיניקן דיכטער נישט געוואונטשן, און ערשט עטלעכע יאָר צוריק האָבן די פײַנשמעקער פאַרקרומט די נעז און אויסגעדריקט זיך וועגן אים: „שאַרזש", בדחנות".

רעדט מען דאָך אַזוי פיל וועגן דער יידישער אויפלעבונג, מיר ווײַזן אָן אַלס מוסטער אויף דער קונסט, וואָס אַנטוויקלט זיך בײַ אונז. מיר זענען די אויפלעבונגס־העלדן, און די קינסטלער און דיכטער — די פּיאָנערן. ווי ווײַט אמת עס ליגט אין דעם לויב־געזאַנג, וואָס מיר נעמען זיך אַלײן — ווײסט נאָר אײן גאָט!

הארכט אייך צו צו דער שטים פון אונזערע יונגע דיכטער

און קינסטלער — אַ חוץ איין אָדער צוויי אויסנאַמען, וועט איר בלויז דערהערן אַ געדעמפטן טאָן, וואָס דערגרייכט אָפט צום באַוואוסטזיניקן פעסימיזם. אַזאַ טאָן ווייזט נישט אָן די אויפלעבונג, דאָס איז גאָר אַנטי-אויפלעבונג. דיר דאַכט זיך, אַז דו הערסט גאָר אַ שטיל געוויין פון געפייניקטע נשמות, וואָס זענען נישט דערלייזט געוואָרן און האָבן זיך שוין לאַנג דערפון מיאש געווען.

וואָרום ווי דען קאָן דאָס הייסן, ווען שלום-עליכם שרייבט שוין אַזוי פיל יאָר, און מיר — מיר האָבן געלייענט, הנאה געהאַט, געלאַכט, געוואָרן פול „געזונט און גליק" — און נישט נאָר מיר האָבן אים נישט געוואונטשן, אַז ער זאָל זיין אויף לאַנגע יאָרן, נאָר מיר האָבן זיך אָנגענומען, כביכול, פאַר דער קונסט, וואָס ווערט דורך אים באַליידיקט.

אָבער וואָס דער פעסימיסטישער שכל האָט נישט געקאָנט טון, האָט שוין געטון די צייט. אויפגעקומען זענען די ערשטע יידישע צייטונגען, און דאָרט האָבן זיך גענומען דרוקן שלום-עליכמס שריפטן, און זענען געלייענט געוואָרן פון טויזנטער און צען-טויזנטער, פון יענע טויזנטער און צען-טויזנטער, וואָס קויפן און פאַרקויפן, וואָס יאָגן און פלאָגן, און טראָגן דעם עול פון גלות און די „קולטור" פון גלות מיט זייער לייב און לעבן, וואָס זייערע דאגות איז נישט איבערצוציילן, און האָבן כמעט קיין איין רגע נישט פון גליק און רו, זינט זייערע שבתים האָבן אויפגעהערט צו זיין, ווי פריער. און זיי האָבן געלייענט, הנאה געהאַט און געלעבט, זאָל זיין נאָר אַ פּאָר מינוט, אַן אַנדער לעבן, און געלאַכט. און ביסלעכווייז האָבן זיך צונויפגענומען אין די הערצער געפילן פון דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט צו דעם דאָזיקן מאַן, וואָס זיין פנים האָט ווי אַרויסגעלאַכט פון צווישן די געדרוקטע שורות. עס איז צוגעגרייט געוואָרן, ווי מען רופט עס, „שטימונג" פאַר שלום-עליכמען, און נאָך איר איז געקומען די ערנסטע קריטיק, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך מיט אים צו פאַרבעמען, דערגרונטעווען דעם תוך פון זיינע טיפן, און זיך רעכענען מיט זיי.

און די דאָזיקע דאַנקבאַרקייט- און ליבשאַפט-געפילן, וואָס
האָבן זיך פאַמעלעך אָנגעזאַמלט, אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, האָבן זיך
לעצטנס מיט אַ מעכטיקן שטראָם אויסגעגאָסן פון די הערצער פונם
פּובליקום פאַר זיין ליבלינג שלום-עליכם, אין דער פאָרם פון באַ-
גייסטערטע אויסרופן, שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, בוקעטן, הויט-
געוואַרפעריי און „בראַוואָ" (הידד-געשרייען און אומאויפהערלעכע
פּיס-געטופּעריי, דאָס לעצטע איז געווען שוין איבער דער מאָס).

די אַלע ליבשאַפט-געפילן שטעל איך אויפן חשבון פון
שלום-עליכמען, דעם ליבלינג פון פּובליקום און נישט אויפן חשבון
פון זיין פּיעסע „צעזייעט און צעשפּרייט" (אין פּויליש: Rodzina
żydowska). די עצם פּיעסע, נישט געקוקט אויף איינצלנע שיינע
סצענעס אירע, קאָן נישט אויסהאַלטן אַפילו די נישט-שטאַרק
פאָדערנדיקע קריטיק. די טעמע איז נישט ניי, דערמאָנט שטאַרק
אָן Dieti Waniuszyny און פאַרגלייכנדיק זי מיטן לעבן אונ-
זערס, האָט זי נישט נאָר דערפון פאַרדינט, נאָר אויך פול אָנגע-
וואוירן; הנאה האָט מען נאָר, זעענדיק דעם ערשטן אַקט, וואָס
גיט באמת אַ בילד פון אַ יידישער בורזשואַזער משפּחה, כאָטש
די טיפּן זענען נישט פולקאָמע, האַלב אָדער גאַנץ קאַריקאַטוראַלע.
די איבעריקע אַקטן, וואָס דאַרפן געבן דעם צושויער די אַנט-
וויקלונג פון דער אַקציע, דעם גאַנג-געוועב ביזן סוף, גיבן גאָר-
נישט צו. און נאָר דער הומאָר פון שלום-עליכמען, וואָס שפּרודלט
פון אַלע זייטן און ברענגט אַריין לעבן און לוסטיקייט אין די
איבעריקע און אומפאַרייניקטע טיילן (דער דריטער אַקט, ווי גרויס
ער איז), שיצט אונז פון אַן אומאָנגענעמען געפיל. דער אַלטער
גופא, דער העלד פון דער טראַגעדיע, מ א י ר, האָט אין זיך פיל
פּאָעטישן אמת. אָבער דעם מחבר'ס באַציאונג צו אים איז
אַ מטושטשדיקע, מאיר ווייזט זיך אונז נישט אַרויס באַלויכטן מיט
דער שיין פון א י י ן ג ע פ י ל. טיילמאָל דערפילסטו, ווי עס
שטייט פאַר דיר אַ ש י י ל אָ ק, וואָס שרייט „געלט, געלט — דאָס איז
אַלץ", וואָס וויל נישט פאַרשטיין מער ווי געלט, און דו פאַראַכטסט
אים, און — פלוצלינג דערזעסטו זיינע קינדער, וואָס זענען מיט
גאָרנישט בעסער פון אים און פירן זיך לגבי אים מיט פּשוטער

אכזריות, אָן שום געפיל (נישט דורך דעם, וואָס זיי טוען, נאָר ווי אַזוי זיי טוען, אין זייער אַרט רעדן און אין דער באַציאונג צו אים), און דו ביסט גרייט צו געבן אַ שריי אויס: „דו ביסט דער צדיק און דיינע קינדער — די רשעים!" און אַט דער מענטש ווערט אין דער רגע קאָמיש דורך עפּעס אַ נאַרישן זשעסט, דורך עפּעס אַ לעכערלעך וואָרט, און אַזוי וואַקלט זיך דעם צושויערס געפיל צווישן פאַראַכטונג, רחמנות און לעכערלעכקייט. עס וואַקלט זיך, נישט קאָנענדיק ווערן איינס, נישט קריגנדיק אַן איינדרוק אַ גאַנצן.

דאָס איז אַ חסרון, דער מאַנגל פון פולקאָמער באַציאונג. אָבער ביי דעם אַלעם איז מאיר אַ שטיק אמת, אויב נישט פּאָעטישער, איז לכל הפחות, אַ רעאַלער. און דער, וואָס האָט געשפּילט די דאָזיקע ראָלע, האָט אַרויסגעוויזן טאַלענט און דערפילט זיין אויפגאַבע אויפן בעסטן אופן, אייניקע מאָמענטן האָבן באמת געמאַכט אַן איינדרוק. גענוג איז צו דערמאָנען די לעצטע סצענע, ווען אינמיטן געוויין פון מאירן און זיין פרוי, דורך דעם, וואָס די קינדער פאַרלאָזן אים, ווערט ער פּלוצלינג געוואָר, אַז דער גראַף וואַרט אויף אים: מאיר ווערט פּלוצלינג אַן אַנדערער מענטש, ער האָט שוין פאַרגעסן דאָס געוויין און די טרערן, די קינדער, דאָס גאַנצע הויז, און ער לויפט שנעל זיך איבערטון, אויפצונעמען דעם גראַף. וואָס דער דאָזיקער איינדרוק ווערט קאַליע (ספּעציעל, ווי אויף צו להכעיס) דורך דער פּלוצלינגדיקער ענדערונג, וואָס קומט פאָר אין מאירס נשמה און וואָס האָט דאָך קיין שום סיבה נישט. (באַלד פאַרגעסט ער דעם גראַף און נעמט ווידער וויינען; געוויס, כּדי די פאָרשטעלונג זאָל זיך ענדיקן מיט געוויין און מאַכן אַן איינדרוק").

אָבער בנוגע די איבעריקע טיפּן, איז שוין גלייכער זיי צו פאַרשווייגן. זיי זענען אַזוי אויבערפלאַכלעך, נישט ביי, נישט שיין, און נישט מיאוס, און נישט אינטערעסאַנט. און דאָס ערגסטע איז, וואָס זיי זינדיקן קעגן זייער כאַראַקטער און קעגן גלייכן שכל. (מאַקס, למשל, וואָס זיין הויפּט-באַשעפטיקונג איז דער קאָרטן-שפּיל אין קלוב, האָט חתונה מיט עפּיס אַן אָרעם מיידל,

ווייל זי איז פון אים שוואַנגער געוואָרן. אַזעלכער, ווי מאַקס, וואָלט שוין זיכער אויסגעפונען אַן אַנדער אויסוועג פון אַזאַ גע-וויינלעכער „אומאָנגענעמלעכקייט”). און זאָל איך נאָך דערמאָנען דעם ציוניסטישן יונגענמאַן, וואָס וויל „באַאַרבעטן די ערד אין פּאַלעסטינע”, וואָס ביי זיין רעדן פאַלט די גאַלעריע אַריין אין אַזאַ גרויסער התפעלות?

אַך, די גאַלעריע, די גאַלעריע! דאָס הילצערנע זומער-טעאַטער האָט אינגאַנצן געציטערט פון די אויסרופן און פיס-געטופּעריי. און ווען די הילצערנע געביידע זאָל קאָנען רעדן, וואָלט זי זיך זיכער געקלאָגט: „אָט שטיי איך שוין דאָ אַזוי פיל יאָר, געזען האָב איך פארשידענע מענטשן און פאַרשידענע גאַלעריעס און קיינמאָל האָב איך נישט אַזוי געציטערט און מיינע ווענט האָבן זיך נישט געוואַקלט, און דאָ קומען די דאָזיקע „זשידקעס”, און איין גאָט ווייסט זיי! שוין-זשע ווילן זיי מיך חרוב מאַכן?” און מיינט איר, אַז דאָס אַלץ איז צוליב שלום-עליכמען, צוליב דער יודישער קונסט? עס הויבט זיך נישט אָן. דער ציוניסטישער בחור זאָגט: „איך וויל באַאַרבעטן די ערד אין פּאַלעסטינע!”, און די גאַלעריע לייגט איין וועלטן איבער דער דאָזיקער תורה. סאָניע אָדער אַננאַ זאָגט: „יעדער מענטש האָט דאָס רעכט צו לעבן לויט זיין פאַר-שטאַנד”, און די גאַלעריע לייגט נאָך מער איין וועלטן. אַזאַ מין באַציאונג וואָלט איך געקאָנט פאַרשטיין, ווען זיי וואָלטן געקומען הערן אַ ציוניסטישע דרשה אָדער וועלכע אַנדערע; כ'וואָלט פאַרשטאַנען, אָבער נישט באַרעכטיקט, וואָרום סוף-כל-סוף מוזן מיר דאָך וויסן, וואו מיר זענען אין דער וועלט און דער „חילול-השם” איז דאָך זייער גרויס, פיל גרעסער ווי עס שטעלן זיך פאָר די הערן און מאַדאַמען פון „פּועלי-ציון”. אָבער דאָ האָבן מיר דאָך בלויז אַ פאָרשטעלונג און נישט קיין דרשה, איז צו וואָס די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס?...

פון העברעיש: יצחק ווינטרויב.

ביי שלום-עליכמען אין באַדענווײַלער

דער שנעלצוג, וואָס פירט זיינע פּאַסאַזשירן קיין שווייץ, לויפט דורך היידלסבערג, קאַרלסרוהע און פרייבורג. און איידער נאָך מיר קומען צו צו דער שווייצאַרישער גרענעץ אין באַזעל, האָט די שווייץ אונז אַנטקעגן געשיקט שליחים מקבל-פּנים צו זיין און אַ גרוס אונז אָפּצוגעבן פון די אַלטע גריין-גראָע זיידעס, פון די אַלפּן אין זייערע ווייסע שלייערס.

קליינע באַהנטע בערגער האָבן מיר פון דער לינקער זייט, אויסגעגאָסן אין פיינע ווייכע ליניעס, און באַדעקטע מיט אַ פרישער גרינקייט, וואָס לאַשטשעט דאָס אויג און זאָגט צו נחת און רו.

שוואַרצוואַלד הייסט דער פּאַס בערגער. אַפּנים, אַז די פעלזיקע שנייאיקע שיינקייט פון די הויכע אַלפּן וויל אַריינ-נאַרן צו זיך און האָט פּאָרויס געשיקט אַזוינע ליבע אומשולדיקע בערגלעך, אַזוינע היימישע און גרינע, מיט רוישנדיקע וואַסערלעך און שאָטנדיקע וועלדער...

און איך דערמאָן זיך! אויב שוין יאָ שוואַרצוואַלד, הין איך דאָך עפּעס אַ מחותן, מען קאָן זאָגן: איך בין כמעט ווי אינדערהיים. ווייל וואו ווערט איר איצט געפינען אַ ייד אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט וויסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ געגנט (אין אפשר אַ מדינה אַזוינע?), וואָס הייסט שוואַרצוואַלד, און אַז דאָרט וואוינט שלום-עליכם?—

צוליב שלום-עליכמען און זיין קראַנקהייט האָט שוואַרצוואַלד זוכה געווען מפורסם צו ווערן בכל תפוצות ישראל, פון קאַבצאַנסק ביז כתרילעווקע און העט-העט ווייטער, ביז... קיין דרום-אַפריקע.

און אַ טשיקאַוועס, אויב איר זענט אין שוואַרצוואַלד, איך מיין: ביי שלום-עליכמען, וואַרט צו אַביסל, ביז מען ברענגט

די פּאָסט. אַ פּאָסט טאַקע ממש מכל תפוצות ישראל, פון אַלע העק-שטעטלעך, וואָס איר האָט זייער נאָמען נישט געהערט, יידן טוען און שרייבן פּאָסט-קאַרטלעך און בריוולעך.

וואָס מען שרייבט — איז נישט וויכטיק. אַ דאגה וואָס! וואָס אַ ייד קומט אין קאָפּ אַריין, שרייבט ער. מיט שלום-עליכמען פילט זיך אַ ייד היימיש, קנעפּל בקנעפּל, און אויב ער האָט צייט (און צייט, געלויבט השם יתברך, פעלט נישט אין די קליינע שטעטלעך), זשאַלעוועט ער נישט קיין פּאָסט-מאַרקע און שיקט אַ בריוול און לערנט זיך דערווייל שרייבן אַן אויסלענדישן אַדרעס מיט לאַטייניִשע אותיות.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון די אַלע בריוו איז פאַר מיר געווען — דעם אמת מוז איך זאָגן — די שיינע אויסגעטאָקטע אָדער מיט אַ ציטערדיקער האַנט געשריבענע אַדרעסן. קענטיק, יידן האָבן געשריבן מיט גרויס כוונה.

איך כאַפּ אַביסל פאַרויס און דערצייל נישט על-פּי הסדר. איך וועל באַלד צוריקקומען צו דער רייזע. איך מוז אָבער פריער באַמערקן בנוגע די בריוו, אַז שלום-עליכם! אַליין לייענט זיי מיטן גרעסטן אינטערעס, פאַרפעלט נישט, חלילה, קיין שורה. און אויב עס איז שוין שרעקלעך לאַנגווייליק, שרעקלעך פאַרדרייט און שרעקלעך נאַריש, נעמט ער זיי לייענען מיט אַ ניגון פון דער הפטורה, אָדער פון דער מגילה, אַבי נישט אַוועקצוואַרפן זיינמיטן.

און ער האָט נישט קיין טענות און קיין פּרעטענזיעס פאַר נאַרישקייטן, ווען אַ ייד צערעדט זיך און ווייסט אַליין נישט, וואו ער האַלט אין דער וועלט און מיט וואָס ער האָט אָנגעהויבן. מנחם-מענדל איז אַ גאַנץ אָנגענעמער גאַסט ביי שלום-עליכמען. ער האָט צו אים גאָר נישט. אַדרבא, זייט-זשע מוחל, ר׳ קרוב...

בכלל דאַכט זיך, האָט שלום-עליכם גאַנץ גערן זיינע פאַר-שוינען, ווען זיי זענען קאָמיש און לעבערלעך. ער איז דאָך דער גרויסער קינסטלער פון דעם קאָמישן פאָלק ישראל, און אַ קינסטלער זיין ווערק קיינמאָל נישט פיינט.

שלום-עליכם זעט נישט בלויז דאָס קאָמישע, באַאָבאַכטעט עס און באַשרייבט עס — ער באָדט זיך אין דעם קאָמישן און

שווימט אין אים, ווי אַ לויתן אין ים אוקינוס. דער דאָזיקער ים איז ז י י נ ע ר. זיין עלעמענט, זיין מלוכה.

שוואַרצוואַלד איז, אייגנטלעך, אויב איר ווילט, אַ לירישׁ געגנט, אַ ביסל סענטימענטאַל, און אַ ביסל כּלה־חן האָט עס און אַ צניעותדיקע שיינקייט, נאָר אַז איך בין אַרויס פון שנעלצוג, און די לאָקאַל־באַן האָט גענומען מיט זיג־זאַגן אַרויפקלעטערן קיין באַדענווײַלער, צו שלום־עליכמען הייסט עס, האָט זיך דער מנחם־מענדל אין מיר אָנגעהויבן צו וועקן (ווער פון אונז האָט דאָס נישט אַ שטיק מנחם־מענדל אין זיך?), און שוואַרצוואַלד, און די בוימער, און די בערגלעך, און די וואַסערלעך, און די אומגעלומפּערטע באַן, וואָס טוט אין קלינגט דעם גאַנצן וועג, און די מענטשן אַרום מיר, און ס׳פּאַרשטייט זיך, איך אַליין אויך בתוכם — האָבן מיר אָנגעהויבן אויסצוזעען קאָמיש. פונוואַנען איז עס געקומען צו מיר? צי ווייל איך האָב געדענקט, אַז איך פאָר צו שלום־עליכמען? אָדער אפשר איז דערין שולדיק געווען דאָס צען־יאָריקע פּויערשע מיידל, וואָס איז געפאָרן מיט דער זעלבער באַן צוריק אין שול אַריין און האָט געטראָגן אויפן קאָפּ דעם ברודערס רויטע היטעלע מיט אַן אָפּגעשניטענעם דאַשעק און האָט אויפן וועג געחזרט פון בוך אַרויס די פאַרדרייטע, קאָמישע דייטשע גראַמאַטיק? — די קליינע איז נעבעך געווען זייער ערנסט, פּויעריש ערנסט. איך מיין, אַז איר פאָטער, וואָס אַרבעט אין ווייַנגאָרטן אויף דעם שפּיץ פון באַרג און איז שעהען־לאַנג געבריט פון דער זון און מוז שעהען נאָכאַנאַנד קלעטערן אַרויף און אַראָפּ, האָט נישט אַזאַ שווערע מי ביי זיין ווייַנגאָרטן, ווי די קליינע ביי איר גראַמאַטיק. און דעם ברודערס היטעלע אויפן קאָפּ האָט נישט געהאָלפן. אַז די קליינע האָט אויסגעשטיגן, האָט זי געהאַט אַ שרעקלעך טראַגיש פּנים, און מיך האָט דאָס געשטימט נאָך קאָמישער.

איך פאָר צו שלום־עליכמען, צו דעם ייד פון יידנלאַנד, און איך וואַרף דורך אין זכּרון שלום־עליכמס קאָמישע העלדן, און וויל זיי צומעסטן צו מיין אייגענער פּערזאָן, און טראַכט, ווער עס קליידט מיר בעסער, און אינמיטן דערמאָן איך זיך שלום־עליכמס אויגן, וואָס איך האָב נאָר אַמאָל געזעען אין מיין לעבן,

און הויב אָן צו שמייכלען, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין צו שמייכלען.

מיט אַ היפּשער צייט צוריק איז עס געווען. שלום-עליכמען האָב איך דעמאָלט פּערזענלעך נאָך נישט געהאַט געקענט, נאָר איך האָב אים געלייענט און וועגן אים געלייענט, און פּלוצלינג איז מיר געקומען אין האַנט אַריין אַ פאָטאָגראַפיש בילד, דאַכט זיך, צוזאַמען מיט מ. ספּעקטאָר, און איך האָב אין שלום-עליכמס אויגן דעמאָלט מער נאָך אַרויסגעלייענט, ווי אין זיינע ביכער און אין די קריטיקעס וועגן אים.

אַ תהום פון יידישקייט און פון קאָמיזם ליגט אין די אויגן. היינע האָט אַמאָל געשריבן, אַז אויב דאָס יידישע פאָלק וואָלט אונטערגעגאַנגען, און עס וואָלט נאָר געבליבן איין איינציקער ייד אויף אַ וויטן אינזל, וואָלט גאַנץ אייראָפּע געפאָרן אַהין אים אָנצוקוקן. איך מיין: דער ייד וואָלט געווען שלום-עליכם, און עס וואָלט געגוג געווען זיינע אויגן ריכטיק אָפּצוקאָפּירן, אָט אַזוי ווי זיי זענען אויף דער דערמאָנטער פאָטאָגראַפיע.

* *
*

אין דער ווילע רופּפּערט האָט מיך מיין קאָמישע שטימונג פאַרלאָזן. איך האָב מיך דערמאָנט אָן שלום-עליכמס קראַנקהייט. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט היינט אַ קאַטאַר און ליגט אין בעט. אַ טרויעריקע זאַך די קראַנקהייט, כּלל נישט קיין קאָמישע. נאָר שלום-עליכמס הויז-אייגענע האָבן מיך באַרואיקט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיין געזונט האָט זיך אויף אַזוי פיל פאַרבעסערט, אַז קיין געפאַר פאַר זיין לעבן עקזיסטירט נישט, אויב ער וועט האָבן די ריכטיקע פלעגע און די ריכטיקע לופט. און דאָס האָט ער אין אַ גענוגנדיקער מאָס. דאָס היינטיקע ליגן אין בעט, ווייזט זיך אַרויס, איז נישט קיין מוז, נאָר פון פאָרזיכטס-וועגן.

איך האָב געטראָפן שלום-עליכמען ליגן אייגנטלעך נישט

אין בעט, נאָר צווישן אַ גאַנצן ים יידישע און העברעישע בלעטער: פון רוסלאַנד, פון אַמעריקע, פון אַפריקע, פון אַרגענטינע, אַ שטיק 20—30 בלעטער אין פאַרשידענע פאָרמאַטן, און פון זיי אַרויס האָט זיך דערהויבן דער קאָפּ פון שלום-עליכמען, און ער האָט געלייענט, אַלץ געלייענט, אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט, און פון ווסטן-טעשל (ער איז געלעגן אָנגעטוענערהייט) האָט ער אַרויסגענומען אַלע ווײַלע די אויטאָמאַטע פעדער מיט דער רויטער טינט, דאָ די צווייטע מיט דער בלאָער, און האָט אונטערגעשטריכן און צייכנס געמאַכט: ער האָט געפירט די קאָמאַנדע און דעם „סמאָטר״ איבער די חיילות.

איך האָב געטראָפן אין אַ גינסטיקן מאָמענט. אין עפּעס אַן אַמעריקאַנער צייטונג האָט ער גראָד ביי מיין אַריינקומען געפונען אַ ניי וואָרט. אָנשטאָט דער „צוקונפטיקער״, האָט דער שרייבער דאָרט באַנוצט „דער אם-ירצה-השמדיקער״. שלום-עליכם איז געווען אַנטציקט פון דעם אויפטו.

פאַראַן אַ גרויסע ליבע צו דער „זשאַרגאָנישער שפּראַך״ ביי אַלע די יידישע שרייבער, וואָס זענען אונז איבערגעוואַקסן מיט איין דור. אַ ליבע, וואָס האָט אין זיך נישט אַזוי פיל פּיעטעט, ווי רחמנות. אַן אָרעם שיין ממזרל האָבן זיי געפונען, נישט געצוואָגן, נישט געקעמט, פאַרנאַכלעסיקט איז עס געווען, האָבן זיי עס אויפגענומען, אַרומגעטראָגן זיך דערמיט און האָבן געוויזן דעם עולם, אַז עס האָט אַ לייטיש פּנים און אויסזעען, און אַז מען דאַרף זיך דערמיט נישט צו שעמען. מילא, אַ ממזר, וואָס איז דער מער? עס טרעפט אויף דער וועלט. אָבער קוקט: וואָסער שעלמישע אויגן עס האָט און וואָסער שיינע פאַרב פון די באַקן, וואָסער געזונטקייט און נאַטירלעכקייט.

און עס איז כאַראַקטעריסטיש: זי איז פאַר זיי נישט דער „זשאַרגאָן״ און אויך נישט, ווי די יונגע ווילן, „די יידישע שפּראַך״, נאָר טאַקע „די זשאַרגאָנישע שפּראַך״. לאָגיש איז עס אַ תרתי דסתרי, ווייל אַ זשאַרגאָן איז נישט קיין שפּראַך און אַ שפּראַך איז נישט קיין זשאַרגאָן. פּסיכאָלאָגיש אָבער שפּיגלט עס אָפּ (למשל, ביי מענדעלע-מוכר-ספרים) גאַנץ ריכטיק די

באַציאונג פון די שרייבער צו דער שפּראַך. עס איז אַזאַ מין פאַרהאַלטן זיך צו אַ יונג ממזרל, וואָס מען האָפט, אַז עס וועט ווערן אַ לייט און מען נייט אים אויף אַ בכּבודיק מלבּושל. שלום-עליכם האָט די זעלבע באַציאונג צו יידיש, וואָס ער איז דאָך איינער פון אירע גרעסטע מייסטערס און קענערס.

ער האָט טענות צו די העבּרעיסטן פון קלויזנערס שניט, אַז זיי ווערן נאָך מיט זייער פאַנאַטיזם שאָדן ברענגען דער „זשאַרגאָנישער שפּראַך".

פון דער צווייטער זייט קוקט ער מיט אַ קרום אויג אויף די טשערנאָוויצער מיט זייער באַקאַנטער רעזאָלוציע וועגן יידיש.

זיי לייקענען גאָר שטיין און ביין: דער ממזר איז גאָר קיין ממזר נישט.

נאָר סיי-ווי-סיי, כאָטש ביי שלום-עליכמען אין הויז ווערט גערעדט רוסיש און כאָטש די טשערנאָוויצער רעזאָלוציע האָט ער נישט אונטערגעשריבן, — פרייט אים די גאַנצע באַוועגונג פאַר יידיש, וואָס מערקט זיך אין תּחום און אַפילו אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס צווישן די יידישע סטודענטן, און עס פרייט אים די אַרבעט פון די יונגע, און ער שעפּט נחת, זעענדיק, ווי די שפּראַך אַנטוויקלט זיך. אַן אַלטע ליבע איז עס, וואָס ווערט נישט אויס.

צו מיין גרויס באַוואונדערונג בין איך געוואָר געוואָרן, אַז שלום-עליכם אַרבעט זעקס שעה אין טאָג, און די צייט פון לייענען איז נישט אַריינגערעכנט.

און אפשר דריי פערטל פון דער צייט ווערט באַנוצט אויף שלייפן און פיילן יעדעס וואָרט און יעדן זאַץ, אויסצופיינערן און אויסצוגלעטן די שפּראַך.

— אַז מען לייענט מיך, דאַכט זיך אויס, אַז דאָס קאָסט גאָר קיין אַרבעט נישט — האָט ער מיר געזאָגט — עס לייענט זיך ווי אַ וואַסער. איך שרייב, פאַרשטייט איר מיך, און לייען איבער, וואָס איך האָב געשריבן, און שרייב נאָך אַמאָל איבער, און לייען נאָך אַמאָל דורך, און שלייף און פייל, ביז וואַנען

עס קומט אַרויס אויסגעטאַקט אָט אַזוי, עס זאָל זיך לייענען ווי אַ וואַסער.

ער האָט אין זיין שרייבן כּלל נישט די נאַטור פון מנחם־מענדלען: ער האָט נישט ליב צו כאַפּן. אַפילו אין זיין אַרט רעדן האָט שלום־עליכם ליב דאָס געטאָקטע ווערטל, דעם עכט־יידישן אויסדרוק, און ער האָט ליב אין זיין רעדן אַריינצולייגן דעם באַזונדערן יידיש־וואָלינערישן טעם און נגינה. אַ יידיש אָן אַ באַזונדערער באַטאָנונג פון די ווערטער איז, דאַכט זיך, פאַר אים קיין יידיש נישט.

עס קומט אפילו אַרויס אַביסל געקינסטלט, אָבער דערפאַר מיט אַ באַזונדערן חן. די אַלטע גוטע געמיטלעכקייט און ווייכקייט פון וואָלין און פּאָדאָליע, דער קליין־שטעטישער ריטם פון אַ מיושבדיקן באַלעבאָס ווערט ווידער לעבעדיק אין דער לעבעדיקער שפּראַך פון שלום־עליכמען.

איך האָב אָנגעקוקט דאָס אייגנאַרטיקע אַרבעט־צימער פון שלום־עליכמען. דאָס איז דער לאַנגער גאַניק, וואָס האָט פאַר זיך אַ שיינע, הערלעכע אויסזיכט: גאַנץ באַדנווייַלער, די בערג אַרום, די רואינע פון דעם אַלטן (נאָך רוימישן) שלאָס. שלום־עליכם האָט זיך דאָרט איינגעריכט אַ „שרייב־טיש” אויך גאָר אויף אַן אייגנאַרטיקן אָרט. ער שרייבט אין אַ האַלב־ליגנדיקער פּאָזע, אָנשטאָט אַ טיש איז פאַראַן אַ פּאָלקע, און אויף אַ וואַלעקל איז אַרומגעוויקלט דאָס פּאַפּיר צום שרייבן.

עס איז היגיעניש אַזוי צו שרייבן, און אַביסל האָט שלום־עליכם די נאַטור פון קינסטלער און פון קינד: דאָס רויען און מייסטרעווען און פאַלן אויף המצאות.

מיר זענען געשטאַנען אויף דעם גאַניק און געקוקט אויף די בערג, וואָס זענען פאַרשלייערט געווען אין אַ דין־דין געוועב פון אַ בלאָלעכן נעפּל. עס אָטעמט זיך דאָ לייכט, און פריש איז, ליכטיק און פריי, און עס דאַכט זיך צו הערן דעם פּראָצעס פון לעבן אין זיך, און ווי אַ סעקונדע נאָך אַ סעקונדע רייסט זיך אָפּ און פליט אַוועק.

שלום־עליכם האָט זיך אָנגערופן:

— אַז מען איז דאָ און מען האָט אַרום זיך אַזאַ נאַטור, ווילט זיך ערשט רעכט נישט שטאַרבן.

נאָר קיין טראַגיזם איז נישט געווען אין די ווערטער, ווייל ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, איז אונזער שלום-עליכם איצט, גאָט זיי דאַנק, בקו-הבריאה, און פילט זיך לגמרי נישט שלעכט.

אויף צומאָרגנס האָט מען אים געקאָנט זען אַרומשפּאַצירן אין באַדענווייַלער אין ווייסע הויזן, קוקנדיק אַרום זיך מיט זיינע לאַכנדיקע און גוטע אויגן.

די געסט פון קור-אָרט רוימען איין איינער דעם אַנדערן:

— „דאָס איזט דער דיכטער אויס רוסלאַנד"...

שלום-עליכמס טויט

שלום-עליכם איז מער נישטאָ צווישן אונז!

דאָס צווייטע גרויסע נאַציאָנאַלע אומגליק טרעפט אונז שוין אין די דאָזיקע שווערע יאָרן. מיר האָבן נאָך נישט אויפגעהערט צו באַוויינען י. ל. פרצן, און דאָס מזל האָט אונז שוין צוגעגרייט אַ נייעם קלאַפּ: שלום-עליכם, דער ליב-סטער און פּאָפּולערסטער, וואָס איז געווען איינגעבאַקן ביי יעדן פון אונז אין האַרצן; וואָס לאַנגע, לאַנגע, יאָרן שוין, וואָס ער איז געווען דער אינטימסטער יידישער שרייבער, דער האַרציקסטער, אַ צירונג פאַר אונזער ליטעראַטור, אַן אמתער פריינט און אַן אייגענער אין יעדן יידישן הויז — איז געשטאָרבן.

ווייט פון אונז, אויף יענער זייט אוקינוס, אין דעם רוישיקן און קאָכיקן יידישן לעבן פון אַמעריקע, האָט אונזער גרויסער הומאָריסט געענדיקט זיין לעבן, אַ לעבן פול מיט מאַטערניש, מיט שווערן ראַנגלען זיך, מיט שטענדיקן נע-ונד זיין — דער ביטע-רער גורל פון אַ יידישן שרייבער.

געמאַטערט פון אַ לאַנגער קרענק, וואָס האָט יעדן טאָג געדראָט אַן עק צו מאַכן צו זיין לעבן, איז ער אַלץ גע-ווען דער לעבעדיקער הומאָר-פולער שלום-עליכם. נאָך פאַר עטלעכע יאָר, נישט לאַנג פאַר דער מלחמה, האָט ער געמאַכט אַ טורנעע איבער די יידישע שטעט און פאַרגע-לייענט זיינע זאַכן; ער איז געשטאַנען אויף דער בינע היי-טער און מונטער, זיינע קלוגע גוטע אויגן האָבן געלויכטן מיט הומאָר, דער עולם האָט האַרציק און געזונט געלאַכט. וויפיל מענטשן פון דעם גרויסן פובליקום האָבן געוואוסט, אַז דער גרויסער יידישער שרייבער איז אַ חולה מסוכן, אַז

דאָס שטרענגט ער זיך אָן מיט די לעצטע כּוחות פאַרצולייענען?
וויפיל האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער לאַכט מיט „יאַטשעקעס"?

די מלחמה האָט גענצלעך רואינירט זיין לאַגע און זיין געזונט. ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין קאָפּענהאַגען, פון דאָרט קיין ניו-יאָרק, וואו די לאַנג-מאַטערנדיקע קראַנקהייט איז אים בייגעקומען.

שלום-עליכמס טויט איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אַ שווערער קלאַפּ פאַרן יידישן פאָלק. שלום-עליכם האָט זיך פון אָנהויב זיין אַרבעט ביז צום סוף נישט געענדערט. ער איז געווען שטענדיק אַ לעבעדיקער קוואַל פון הומאָר, פריש און שפּרודלדיק איז געווען אַלץ, וואָס איז אַרויס פון זיין פעדער. זייענדיק אַ גרויסער קינסטלער, האָט ער דאָך אַריינגע- דרונגען אין ווייטע ברייטע קרייזן, שלום-עליכמען האָבן אַלע געקענט, אַלע ליב געהאַט, און דורך אים איז דאָס פאָלק נענטער געוואָרן צו זיין ליטעראַטור.

וואָס ער האָט געשאַפן פאַר אונזער ליטעראַטור, זיינע מעשיות, זיינע געשטאַלטן און טיפּן, דאַרפן נישט ערשט דורך דער קריטיק אָפּגעשאַצט צו ווערן. דאָס פאָלק האָט עס שוין לאַנג אָנערקענט, אַלס זיין אייגנטום, זיין קולטור-פאַרמעגן. קיין שום קינסטלער האָט נישט זוכה געווען, אַז זיינע ווערק זאָלן אַזוי אַריין אין בלוט פון פאָלק, ווי שלום-עליכם. ער איז געוואָרן אַ שטיק פון אונזער לעבן. ווען מען האָט געטראַכט און גערעדט וועגן אויסזעען פון יידישן לעבן, זענען אומגערנווילליק, פון זיך אַליין, שוין געקומען אויפן געדאַנק שלום-עליכמס מנחם- מענדלס און אַנדערע פאַרשוינען.

ער איז געווען אַ פאָלקס-דיכטער אין אמתן און בעסערן זין פון דעם וואָרט, און ווען ער איז איצט אַוועק, איז נישטאָ, ווער עס זאָל פאַרנעמען זיין אָרט.

וואָרהאַפטיק! שווערע נסיונות איז דעם יידישן פאָלק באַשערט געוואָרן אין די דאָזיקע שווערע טעג.

מכּוח לאַכן

(צום אָנדענק פון שלום-עליכמען)

מכּוח דעם, וואָס איר זאָגט לאַכן. לאַכן צו לאַכן, רבותי, איז נישט גלייך, און נישט יעדער, וואָס לאַכט, קאָן לאַכן. נישט יעטוועדער מענטש נעמט זיך גראָד צו זיין זאַך. ס'איז אַ סברה, אַז פּונקט פאַרקערט: איינער פון צען געפינט זיין מזל, און ניין טוען נישט, וואָס זיי דאַרפן. בפרט נאָך אַ ייד, וואָס טויג, כּידוע, צו אַלע מלאכות אויף דער וועלט, אָדער ווער שמועסט גאָר אַ ליטוואַק, וואָס ווען ער דאַרף פּרנסה, קאָן ער ווערן אַפילו אַן אַם.

ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַ מאַרשאַלעק, זיין אומנות איז געווען משמח צו זיין די געסט אויף חתונות און צו קיצלען דעם עולם. אַ קליין דאַר יידל איז דאָס געווען, און אַ פּלינקס און אַ גיכס, אַ קונציקער בדחן. און איז דאָס געווען אַ מאַרשאַלעק, שוין איינמאָל אַ מאַרשאַלעק. וואָס ער האָט אָפּגעאַרבעט אויף איין חתונה, וואָלט פאַר אַן אַנדערן געקלעקט אויף צען. ער איז שטענדיק אַוועקגעגאַנגען אַ הייזעריקער און אַ טויט-מידער, און געקאָנט האָט ער כּלערליי שטיק: קרייען ווי אַ האָן, הירזשען ווי אַ פערד, און דאָס גלייכן. און איך געדענק, אַ קינד בין איך געווען, אָבער לאַכנדיק האָט ער מיך קיינמאָל נישט געמאַכט. איך פלעג שטיין און קוקן אויף זיינע קעצישע, אויסגעלאָשענע אויגן, און טראַכטן און טראַכטן: פון גהינום, פון פייערדיקע צוואַנגען, פון מיין קראַנק שוועסטערל, און פון טויט, און איך בין געווען טרויעריק.

לויט זיין מזל איז דאָס אַוודאי געווען אַ צווזעער ביי

קראַנקע, אַ מצבה-קריצער, אַ בעל-נעילה, און ער האָט זיך פאַרנומען נישט מיט דעם, וואָס אים איז באַשערט געווען.

לאַכן, רבותי, איז אַ גרויסע זאַך. לאַכן לאַכט די אומשולדיקייט, די נשמה, וואָס האָט קיין פגימה נישט; אַ קינד קאָן לאַכן. זעט איר, שמייכלען, קלוג און טיף שמייכלען, קאָן אַ וועלט-חכם, אַ קוהלת, אַ גרויסער פילאָזאָף: אויסלאַכן קאָן אַ שטאַרקער גייסט, אַ מוכיח און אַ שפעטער פון אַלערליי נאַרישקייטן און אומזין, אָבער לאַכן, האַרציק און געזונט לאַכן, אָט דאָס לאַכן, וואָס דאָקטוירים זאָגן דערויף, אַז לאַכן איז געזונט — דאָס קאָן נאָר זעלטן-זעלטן איינער, אַ פון גאָט-געבענטשטער.

איר קאָנט דעם טיפּישן וויצלער, דעם אַנעקדאָטן-דערציילער? די וויצן און די אַנעקדאָטן זענען ביי אים אַ מיטל פאַר געזעלשאַפטלעכן פאַרקער, צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט. ער איז אַ געוואונטשענער גאַסט אומעטום, דורך זיינע וויצן מאַכט ער זיך אַ וועג, קניפּט אָן פעדעם פון באַציאונגען.

שלום-עליכם, כאָטש ער איז שטענדיק געווען אַ בעלן אויף וויצן, און בעצם, אין רוב פון זיינע זאַכן, איז ער אַן אַנעקדאָטן-דערציילער, איז דאָך אַזוי ווייט פון דעם דאָזיקן טיפּ, אַזוי ווייט, ווי עס איז די אומשולדיקייט פון קינד פון דער פאַרדאָרבענער איבערגעשפּיצטקייט. שלום-עליכם האָט ליב דעם וויץ צוליב אים אַליין, צוליב דעם הילכיקן לויטערן כאַ-כאַ, צוליב דעם לאַכן אַליין. ער האָט ליב די וועלט, ווען זי איז פול געלעכטער; די גרימאַסע און דער קלאַנג פון לאַכן — זענען דער ציל פאַר אים.

הויבט אייך אויף, זייט מוחל, אין אַ מאַי-טאָג באַגינען; גייט-אַרויס אויפן וועג, ווען די זון גייט אויף איינגעהילט אין די דאַמפן, וואָס שטייגן אויף פון די פעלדער — וועט זיך אייך דאַכטן, אַז איר הערט אַ הילכיק געלעכטער אַרום, אַז די גרויסע אויפגייענדיקע זון לאַכט, און הימל און ערד און פעלדער און וועלדער לאַכן, דעמאָלט וועט איר פאַרשטיין, אַז עס זענען פאַראַן נשמות אַזוינע, וואָס אָט-דאָס געלעכטער איז זייער גרונט-טאָן, זייער עלעמענט.

און אָט וואָס דאָס גרעסטע וואונדער איז : שלום-עליכם, דער ייד פון יידנלאַנד, דער איבערגעשפּיצטער און צעדולטער מנחם-מענדל, די צעטראָגנקייט אַליין, פאַרייניקט אין זיך די נשמה פון אַ קינד, די אמתע אומשולדיקייט.

דאָס איז דער גרויסער סוד פון דעם קינסטלערס נשמה, וואָס פאַרייניקט אין זיך די סתירות.

ש. פרוג

(נעקראָלאָג)

ער האָט געהאַט דעם הערלעכסטן פרילינג, אָבער זיין זומער איז געווען וואָלקנדיק, און זיין האַרבסט — אַזוי טרויעריק און עלנט.

ער האָט אויפגעטראָטן אין דער ליטעראַטור כמעט אַ פאַרטיקער זשעני. זיינע ערשטע רוסישע לידער זענען געווען לויטער קליינע מייסטער־ווערק, לויטער טרייע גע־זאַנגען מיט אַ פול־קלאַנג און קראַפט פון דער שפּראַך, וואָס האָט געפאַנגען און פאַרכישופט. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער ליטעראַטור מיט אַ לאָרבער־קראַנץ אויפן קאָפּ. אַוועק פון דער וועלט איז ער איצט — עפּעס אַן אומבאַשטימטער, — זאָל זיין דערלויבט אַזוי זיך אויסצודריקן.

פון פרוגן זענען פאַרבליבן זיינע יוגנט־ווערק, נאָר ז י י. דאָס גרויסע גייסטיקע ווערק פון דעם דערוואַקסענעם און באַגאַבטן פּאָעט איז געבליבן נישט געשריבן. באַלד נאָך זיינע ערשטע און הערלעכסטע נצחונות האָט זיך אויף אים געלייגט אַ מידיקייט.

אַ מאָדנע זאַך: פרוג לאָזט זיך דענקען נאָר אַלס יונגער פּאָעט. אַזוי פיגורירט ער אין דער פאָרשטעלונג פון לעזער, אַזוי האָט אים דער לעזער געפילט. דער צייטיקער, דער דערוואַקסענער פרוג — וועגן אים האָט דער לעזער קיין אַנונג נישט געהאַט.

פרוג דער דערוואַקסענער איז געווען אַ מייסטער אויף אַלע הענט. ער האָט געשריבן וויציקע פעליעטאָנען און לידער אויף יידיש, ער האָט פאַר די פּעטערבורגער בולוואַר־צייטונגען,

זיי „פעט. גאַז״, געשריבן וואָכן-פעליעטאָנען אין גראַמען וועגן אַ שיכּורן „סטוזש״, וועגן די טראַמווייען און וועגן יעטוועדן סקאַנדאַל. זיין זומער-ווערק אָבער האָט ער נישט געשריבן. זיינע פעלדער האָבן הערלעך געבליט, אָבער דער שניט איז געווען אָרעם.

זיין זשעני איז געפאַלן אַ קרבן פון דער יידישער באָדנ-לאָזיקייט.

ער האָט זיך, טראָץ זיינע דערפאָלגן, מיט דער רוסישער ליטעראַטור נישט פאַרקניפּט און איז נישט צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער נישט-יידישער סביבה. ער איז צופיל ייד געווען אינערלעך, ער האָט צופיל יידיש געפילט אויף „איינצופונדעווען זיך אויף פעסט אין דער רוסישער ליטעראַטור. פון דער צווייטער זייט אָבער, איז ער געווען אַ זון פון זיין דור: פון דער השׂכּלה-עפּאָכע. זיין לעבן איז דורך אין פעטערבורג אין דער סביבה פון געשיקטע צייטונגס-מיטאַרבעטער, וואָס האָבן געקאָנט איבערנאַכט ווערן רוסיש-שרייבער, און דער באַלאַסט פון זייער יידישקייט האָט זיי נישט געקוועלט. אויך פאַר פרוגן איז דאָס יידישקייט, דער אמתער מהות פון זיין אינערלעך וועזן, געווען נאָר אַ דערינערונג, אַ פּאָעטישע פאַרגאַנגענהייט, אָבער מיט אַ הווה, וואָס דערוועקט נאָר וויצן און חוזק, און גאָר לגמרי אָן צוקונפט. דאָ ליגט דער סוד דערפון, וואָס ער איז באַלד נאָך זיין פריילינג געבליבן מאַט און כּמעט אָן אינהאַלט.

ער איז אַלץ נאָך געבליבן דער מייסטער פון דער שפּראַך און דעם קלאַנג. אין זיינע יידישע פעליעטאָנען ליגט אויסגעגאָסן אַ גאַנץ עשירות פון אמת-יידישע געלונגענע אויסדריקן, זיין גראַם און זיין ריטם זענען נאָך אומעטום צו באַוואונדערן, אין רוסישן, אַזוי אויך אין יידישן, אָבער די נשמה, וואָס שוועבט איבער זיי, איז אַ פאַרוועלקטע. וואו איז אַהינגעקומען די גאַנצקייט און אינערלעכקייט פון „כּוס-הדמעות״? די אויפריכטיקייט און געפיל-קראַפט פון דעם „יידישן קינד״? —

פרוג איז געווען יונג, און נאָר יונג.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס ער

האָט אויף מיר געמאַכט פאַר אַ יאָר זיבן, ווען איך האָב אים געזען אין ווילנע: אין מיין פאַנטאַזיע, ווי ביי יעדן לעזער, האָט זיך פרוג אויסגעמאָלט אַ יונגער פּאָעט, מיט פייערדיקע אויגן, מיט אַן אומגעהויערן גלויבן אין זיך, אַ זיסער זינגער, אַ פאַנטאַזיאָר און אַ טרוימער. דערזען האָב איך אַן אומגעהויער ניכטערן מענטש, מיט פיל וויימוט און איידלקייט. אַן אַנטוישטער, אָן פאַרביטערונג, און אַן אייז-קאַלטער. אַ וויסטער שמערץ האָט געקלונגען אין זיין שטים און אין זיין גאַנצן באַנעמען. הזה פרוג? —

מען זאָגט: דער יאָך פון פריוואַטן לעבן האָט זיך אויף אים געלייגט שווער. איך מיין: נישט דאָס איז געווען די אמתע סיבה.

זיין דור איז געווען אַן עקר, און ער האָט אין אים געלעבט. דער פרוכטבאַרער האָט דאָ קיין אָרט און קיין באָדן נישט געפונען, און די יונגע קראַפט איז אויסגעגאַנגען אָן מעגלעכקייט פון שלאָגן וואָרצלען און פונאַנדערבליען.

פרוג איז געבליבן בלויז אַ יונגער פּאָעט. אָבער אויך אַלס אַזעלכער איז זיין ווערט גרויס, די עטלעכע קליינע מייסטערווערק בלייבן אַ צירונג פון אונזער ליטעראַטור.

יעקב דינעזאָן

מלחמה-צייטן האָבן אויך זייער גוטע זייט.

זיי רייסן אַרויס די מענטשן פון זייערע טאָג-טעגלעכע געוואוינהייטן, און טרייסלען אָפּ פון זיי דעם שימל פון באַנאַליטעט און וואָכעדיקייט. נישט איין פאַרגעסענער אָפיציר האָט זיך אַרויסגעוויזן אין פאַרלויף פון אַ מלחמה פאַר אַ טויגלעכן גענעראַל, און אין בירגערלעכן לעבן האָט נישט איין באַדייטנדער מאַן, וואָס איז געווען פאַררוקט אין אַ ווינקעלע, צוליב מלחמה באַקומען די מעגלעכקייט צו אַנטדעקן, פאַר זיך און פאַר דער וועלט, זיינע באַהאַלטענע כוחות.

ווען עמעצער וואָלט פאַר דער מלחמה נביאות זאָגן, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער שטיל-ליבער און שטיל-ליבלעכער יעקב דינעזאָן וועט ווערן אַ מענטש פון דער עפנטלעכקייט, אַ קוראַטאָר פון אַ גאַנץ שולן, אַ קעמפער פאַר דער פאָלקסזאַך — וואָלט מען אים אויסגעלאַכט. דינעזאָן אַליין וואָלט געשמייכלט. דינעזאָן האָט ליב געהאַט זיין רואיק ווינקעלע און האָט ליב געהאַט פּרצן, דאָס איז געווען די גרויסע ליבע לאַנגע, לאַנגע יאָרן — דער אימפּולס פון זיין לעבן. דער ייִנגערער דור שרייבער, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום פּרצן, האָט געגאָסן זיין קליינע ליבע. פאַר פּרצן איז ער געווען אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ שוועסטער און אַלע אַנדערע ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט אין צוזאַמענהאַנג מיט איבערגעגעבנקייט, טרייקייט; פאַר דעם ייִנגערן דור שרייבער — דער געבוירענער גוטער פעטער.

און אָט איז געקומען די מלחמה, און דינעזאָן איז געוואָרן אַ פאָטער פון אַן ערך טויזנט קינדערלעך, אַ פאַרטרעטער פון אַ גאַנצן סיסטעם, אַ קעמפער פאַר דער ייִדישער פאָלקסטימלעכער שול...

אומגעריכט פאַר אים אַליין איז ער אַריין אין דער ראָלע.

אין די שווערע ביטערע טעג, ווען דער שטראָם הײמלאָזע האָט זיך געלאָזט קיין וואַרשע, און די ערשטע יידישע פאָלקס-טימלעכע קינדער-היים איז געגרינדעט געוואָרן, האָט אים פּרץ גענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט: „דינעזאָן, זיי אַ קוראַ-טאָר!"

דינעזאָן האָט זיך געקרימט, אָבער פּרץ האָט דווקא פאַר-לאַנגט, און דינעזאָן האָט געמוזט דערפילן דעם דאָזיקן „קאַפּריז" פון גרויסן יידישן דיכטער.

אָבער אײנציקווײז איז ער אַרײנגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט, און זי האָט אים אײנגאַנצן אײנגעשלונגען, — אים און זײן גאַנצע ליבע, וואָס איז נאָך פּרצס טויט געבליבן אָן אַן אָביעקט.

און די דינעזאָן-שולן זענען געוואָרן אַ פאַרקערפּערונג פון אַן אידעע.

די יידישע שולן אין וואַרשע זענען איצט צעטיילט צווישן דרײ מלוכות: די אַסימילאַטאָרישע — אונטער דער קאָמאַנדע פון פרוי אָדערפעלד, די ציוניסטישע — אונטער ה' פּאָרבשטײן, און די פּשוט יידישע — פון דינעזאָן.

די ערשטע צוויי זענען נאָענט צו דער קהלישער שיסל. מען קאָן איצט גאַנץ באַשטימט רעדן פון אַ ציוניסטיש-אַסימילאַ-טאָרישן אָפּמאַך, וואָס קומט פאָר אין שטיל-שווײגעניש מיט עפּעס אַ מין נאַטירלעכער צוציונגס-קראַפט פון איין גרופּע צו דער צווייטער. בײ די חובבי שפת-עבר ווערט געלערנט העברעיש און פּויליש, ד"ר נוסבוים זינגט שבחים פאַר העברעיש. „די עקסטרעמען באַרירן זיך" — די ערשטע צוויי האָבן די געלט-מיטלען און זענען אָרגאַניזירט; די לעצטע — האָט אירע אָנהענגער אין די צענדליקער טויזנטער, אָבער מען האַלט זיי ווײט פון דער קהלישער שיסל, און זיי זענען דערצו נישט אָרגאַניזירט, און זײער קאַמף פאַר דער גערעכטער פאָלקס-זאַך ווערט געפירט פּאַרטיזאַניש.

און יעקב דינעזאָן איז אויך אויף דער עלטער געוואָרן

אַ פּאַרטיזאַנער – און דער ערשטער צווישן די פּאַרטיזאַנער.

ער קעמפט זעלטן מיט ווערטער: ער קעמפט מיט מעשים. ווען נישט דינעזאָן, וואָלט שוין לאַנג די ציוניסטיש-אַסימילאַטאָרישע קאָאַליציע געלייגט איר שווערע האַנט אויף די קינדער-היימען.

אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר דער יידישער פאָלקס-שול וועט דינעזאָנס נאָמען פיגורירן צווישן די ערשטע און טע-טיקסטע.

קיינער קאָן נישט וויסן, צו וואָס דאָס מזל האָט אים באַשטימט אויסצונוצן.

אין זיין נייער ראָלע איז יעקב דינעזאָן, פאַר זיך און פאַר אונז אַלע, באמת – אַן איבערראַשונג.

ר׳ מרדכילע

(חיים טשעמערינסקי)

דאָס לעבן פון אַ ייד איז, לויט דעם תלמוד, נאָר אַ פּרחדור, אַ פאָדערהויז, אַ צוגרייט אויף אַריינצוגיין אין זאַל. אָבער דאָס איז נישט געזאָגט בלויז אַנטקעגן עולם-הבא. אַ ייד לעבט בכלל נאָר אויף דערווייל. אַזוי ווייניק וועט איר ביי אונז טרעפן די איינגעפונדעוועטקייט, די מענטשן, וואָס האָבן געשטייערט צו אַ ברעג און פילן זיך אויף דער פעסטער יבשה. דער גרעסטער טייל ביי אונז לעבט אין הו-האַ, אַבי אָפּצופּטרן. ער פילט כלל נישט, אַז ער לעבט, אַז ער איז אין טרקלין, אין זאַל, דאָס טאַפּט ער אין דער טונקלקייט פון פאָדערהויז. ער גרייט זיך. מאָרגן, איבערמאָרגן, אין אַ וואָך אַרום וועט ער ערשט אָנהויבן. אַזוי קינדלט מען ביי אונז, אַזוי עלטערט מען זיך, אַזוי שטאַרבט מען.

ר׳ מרדכילע איז געשטאָרבן. עס קלינגט משונה. ווען איז דער מענטש אַלט געוואָרן, ווען האָט ער געלעבט? אמת, פאַר עטלעכע יאָר האָט מען אין אַן ענג קרייזל אים געפּראַוועט אַ 50-יאָריקן יובילעום. אָבער אויך דעמאָלט האָט געמוזט זיין אַ טעות אין חשבון. דאָס פּנים, די באָרד, דאָס אויסערלעכע אויסזעען האָט נישט דערציילט נישט פון זיין עלטער, נישט פון יונגקייט, און אַליין איז ער געווען ממש אַ יונגערמאַנטשיק לויט דעם גאַנצן באַנעמען זיך, לויט דעם טעמפּעראַמענט, רירעוודיקייט און שטענדיק ווייטגייענדיקע פּלענער. ערשט, ערשט, האָט ער זיך גענומען גרייטן, און איך אַליין בין שטענדיק זיכער געווען, אַז ר׳ מרדכילע „וואָס האָט אַלץ נאָך נישט אָנגעהויבן״, וועט געפינען די מעגלעכקייט אָנצווענדן זיינע אמת-גאונישע פעיקייטן. אַמאָל האָט אים געפעלט פאַפּיר אין זיין צימערל, וואו ער האָט געוואוינט

פאַרשטעקט, אויף צו געבן אונז אַ יידישן קרילאָוו; אַמאָל האָט אים געפעלט נאָר אַ פּראַק אויף צו פאָרן קיין פּעטערבורג, פאַר-צושטעלן זיך דעם מיניסטער און אים דערלאַנגען דעם ריזיקן פּלאַן אויף צו רעאָרגאַניזירן די רוסישע פינאַנסן (ער האָט די לעצטע יאָרן געהאַט אויסגעאַרבעט עפּעס אַ פּלאַן, און מבינים זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אַ יסוד); אַ צוויי-דריי הילף-ביכער האָט ער גראָד נישט געהאַט אונטער דער האַנט, און ער האָט נישט פאַר-טיק געמאַכט דאָס בוך וועגן דער יידישער שפּראַך...

און אַזוי זענען אַוועק טעג, וואָכן, יאָרן. בינו-לבינו האָט זיך ר׳ מרדכילע געוויצלט, געחכמהט מיט קלענערע, צי מיט גרעסערער גע-שיקטקייט; בינו-לבינו האָט ער פאַרן „פּנקס” צוגעשיקט אַן אַרבעט וועגן דער קאָנסטרוקציע פון דער יידישער שפּראַך, און אין די פּאָר בלעטלעך איז פאַראַן מער פאַרשטענדעניש פון ענין, ווי אין אַלעם דעם, וואָס פאַרשידענע פּאַכלייט האָבן אָנ-געשריבן; בינו-לבינו האָט ער, שטיפנדיק, אָנגעשריבן עטלעכע משלים, און זיי זענען פון די פּערלען אין אונזער ליטעראַטור. אָבער די אַלע זאַכן האָט ער נישט געטון אופן רעכטן אמת, ווי אַ מענטש, וואָס טוט זיין לעבנס-אַרבעט; דאָס איז געווען אויף דערוייל, גראָד האָט ער געהאַט טינט און פעדער איינדערהיים און גראָד האָט זיך אים געגלוסט. אונטער זיין ווייט אַרויס-גערוקטן שטערן האָבן זיך מסתמא געוועבט ריזיקע פּלענער, אָבער דאָס אַלץ האָט ער אָפּגעלייגט אויף שפּעטער: די צייט איז נאָך נישט געקומען.

ר׳ מרדכילע איז געווען ביי אונז אַ מוסטער פון אַ גאונישן קאָפּ, וועמען עס האָט געפעלט ריטם און מאָס. אַן אמתער ייד פון יידנלאַנד איז ער געווען אין דעם פּרט. דאָס איז געווען דער סוד פון זיין נישט-פּראָדוקטיווקייט. איך קאָן נישט קיין צווייטן, וואָס האָט אַזוי געקאָנט יידיש. אַלע מעגלעכע ניואַנסן, אַלע פאַרבאָרגנסטע אוצרות פון אונזער לשון. נישטאָ ביי אים קיין באַנאַלע אָפּגענוצטע פראַזע. אַלץ בלאַנקט מיט שפּאָגל-ניי, געשאַפן, געשעפּט פון קוואַל, אַן עשירות פון ווערטער און אַן עשירות פון פאָרמען, און דערביי איז דער זאַץ אַזוי לאָגיש

אויסגעהאַלטן. ער האָט פאַרמאָגט די אמת „יאָדערדיקע״ שפּראַך. דערביי איז ער געווען אַ דענקענדיקער קאָפּ, אויסגעצייכנט זיך אָריענטירט אין אַלע פאַרפּלאָנטערטע און „פאַרשאָלטענע״ פראַגן פון אונזער לעבן. און ער איז געווען, דאַכט זיך, אַ טעריטאָריאַליסט לויט זיינע איבערצייגונגען. אָבער אין פאַרלויף פון דער צייט, וואָס איך האָב מיט אים געאַרבעט צוזאַמען אין „פריינד״, קאָן איך מיך דערמאָנען קוים איין קליין אַרטיקעלע צו פאַרטיידיקן דעם טעריטאָריאַליסטישן שטאַנדפונקט, וואָס האָט געהאַט אַן אָנהויב און אַ סוף און וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער דערמאָנ- טער צייטונג. געוויינלעך אָבער פלעגט ער אָנהויבן און פאַרקריכן אין אַ געדיכטן וואַלד, און די אַרבעט איז געבליבן נישט געענדיקט.

איבעריקנס, וואָסער ווערט האָבן די אַרטיקלען געקאָנט האָבן קעגן די פּלענער, וואָס האָבן זיך געוועבט אונטער זיין ווייט-אַרויסגערוקטן שטערן!

ר׳ מרדכילע פלעגט ליב צו האָבן צו ענטפערן מיט אַן „עי״ פון ביטול. ער איז בטבע כּלל נישט געווען קיין סקעפּטיקער, אָבער אַנטקעגן דעם פאַרבאָרגענעם, וואָס איז געווען ביי אים, האָט קיין זאַך באמת נישט געהאַט קיין באַדייטונג.

און פּלוצלינג, ר׳ מרדכילע איז געשטאָרבן. פון די גרויסע פּלענער ־ ווייסט קיינער נישט, און דאָס פאַרבליבענע פון אים זאָגט באַר עדות אויף געוואַלטיקע פעיקייטן, וואָס זענען געבליבן נישט אויסגענוצט, אויף אַ ריזיק ליטעראַרישע עשירות, וואָס איז נישט אָנגעווענדט געוואָרן.

ר׳ מרדכילע האָט זיין ליטעראַרישע אַרבעט צו-שפּעט אָנגעהויבן. איך מיין, ער האָט שוין געמוזט אַלט זיין אַ יאָר 40, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן אין „פריינד״, און צו-פרי איז ער געשטאָרבן. אָבער אין דעם קורצן פּעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט שטעלט ער פאַר אַן אייגנאַרטיקע אמת- יידישע דערשיינונג, אַ ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט, אַן אייגנאַרט. דאָס ביסל פאַרבליבענע דאַרף געזאַמלט ווערן, און עס וועט אומ- באַדינגט זיין אַ צירונג פאַר אונזער ליטעראַטור.

אברהם רייזן

(צו זיין פופציק-יאָריקן יובילעום)

אברהם רייזינס פופציק-יאָריקער יובילעום איז אַן אמתער פאָלקס-יום-טוב. איך האָב דעם יום-טוב מיטגעלעבט אין ניו-יאָרק און אין פּאַריז, וואו גראַנדיעזע פייערונגען זענען פאָרגעקומען, רייזין-אָוונטן, וואָס האָבן צוגעצויגן פיל טויזנטער מענטשן, און אומעטום האָט דער עולם זיך געפילט, ווי אויף זיין אייגענער שמחה. רייזין — אַן אייגענער מענטש.

ער איז — דער נאָענטסטער.

אין לעבן זענען פאַראַן אַ סך טרויעריקע זאַכן: די מאַמע אין געשטאָרבן און ליגט אויסגעצויגן מיט די פיס צו דער טיר. וויינט מען, זיפצט מען, און רייזין שרייבט דערויף אַ לידל, נעמט עס ביים האַרץ. עס איז נישטאָ צו עסן צו דער זעט, מען איז איינזאַם אין אַ קליין צימערל, און עס ווילט זיך אַ נאָענטן מענטש און אַביסל ליבע, — רייזין זינגט דאָס אויס אין גראַמען, טראַכט זיך יעדעס מיידל און איר אייגענער איינזאַמקייט: וואָסער גאָלדן האַרץ. וואָס פילט אַזוי מיין האַרץ!

אַזוי זעען אויס די באַציאונגען: נאָענטע, היימישע, אַביסל פּראָווינציעלע, אָבער אמתע און נישט געקינסטלטע.

ער איז אַ זינגער און ער איז אַ טרייסטער.

די מערסטע פון זיינע בעסערע לידלעך, דאַרפן צו באַקומען מעלאָדיעס און אויסגעזונגען צו ווערן צום טאַקט פון אַ שטעפּ-מאַשין אָדער פון שוסטערס העמערל.

העמערל, העמערל, קלאַפּ —

דאָס איז רייזינס ריטם, זיין אָטעם.

ער איז שטאַרק באַגרענעצט, דער פאָלקס-זינגער. „מיר-

אינטעליגענטן" הערן אים נישט שטענדיק מיט אַנטציקונג. און נאָר באַזונדער ווערט ער אונז פרעמד, ווען ער פאַרלירט די דערמאָנטע נאָענטקייט, און רעדט וועגן ווייטע און העכערע זאַכן. ביאַליק האָט געשריבן דעם „מתמיד": „הוי הוי אמר אביי, הוי הוי אמר רבא" און עס קלינגען מיט אין די ווערטער ווייטע וועלטן, הימלען ציטערן. אַ מענטש גיט אַוועק זיין לעבן פאַר אַלטע ביכער, פאַר אַ גאַנצער רעליגיעזער וועלט, פאַר דורות און דורות און דורות, פאַר אביין און פאַר רבאן און פאַר ריזיקע שאָטנס. און דאָס לעבן פון „מתמיד" איז ביי ביאַליקן אַ גרויסע און שרעקלעכע מיסטעריע, און איבער דער מיסטעריע איז פאַראַן נאָך אַ גרעסערע — די מיסטעריע פון אַ פאָלק, פאַרפענטעט אין שפּינוועבס פון אַלטע שמות.

ביי רייזינען אין „מאי קא משמע לן" (אַ נאָך-דיכטונג פון ביאַליקן) זענען אַלע מיסטעריעס פאַרשוואונדן: אַן אָרעמער בחור און ער האָט נישט צו עסן צו דער זעט, און שלאָפט אויף דער האַרטער באַנק און ווערט אַלט, — מאַכט ער דערויף אַ לידל.

דאָס בילד פון אָרעמען בחור האָט שטאַרק פאַרלוירן אין זיין טיפקייט, אָבער דערפאַר איז עס געוואָרן נאָענטער, און עס ווערט געשמאַק געזונגען אין יעדן יידיש הויז.

אַ לידל צו זינגען איז זייער אַ טייערע זאַך. פרעגט די מענטשן פון פאָלק, די, וואָס אַרבעטן און קוואַרן און דאַרן, וועלן זיי אייך זאָגן, וואָסער נחת דאָס איז, ווען מען זינגט אַראָפּ די צרות פון האַרץ. טויזנטער און הונדערטער-טויזנטער ברכות אויף דעם פּופּציק-יאָריקן קאָפּ פון אברהם רייזין, וואָס האָט געזונגען דער ערשטער און אַ פאָלק האָט מיטגעזונגען.

עס איז אַ גאַנצער דור, וואָס אברהם רייזין האָט באַזונגען, און עס איז אַ גאַנצער דור, וואָס האָט אברהם רייזינען געזונגען.

ווען ער האָט אָנגעהויבן, איז קיין יידישער פּראָלעטאַריער כמעט נאָך נישט געווען. די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג האָט דעמאָלט — מיט אַ יאָר 25—30 צוריק, — ערשט אויפגעבראָכן די שאָל, ערשט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. אָרעמע לייט זענען געווען, אַ דערשלאָגענע מאַסע, מיט געפילן פון הכנעה און

נידערגעשלאָגנקייט און מיט אַ בלינדער שנאה (אַ פּאָטענציאָנעלער כּוח, אָבער נישט געלייטערט און אָן ציל) צו דעם גביר. דחקות, נויט, אַביסעלע קנאה, אַ שוואַכמוטיקע גוטקייט — דאָס זענען די מאָטיוון, וואָס די מאַסע האָט געגעבן. דערצו איז צוגעקומען אַ ליכטיקער הומאָר פון רייזינס פערזענלעכקייט, דער הומאָר פון אַ לוסטיקן אביון, אַ הומאָר אַ מענטשלעכער, וואָס דאָס איז רייזינס גרעסטע מתנה אין זיין גאָט-געבענטשטקייט.

ער איז פריילעך, דער זינגער, וואָס קלאָגט אַזוי אויף דער טרויעריקייט פון לעבן, אויף די מאַטערנישן, און וואָס ער איז אַזוי אַליין און אַליין, און קיין מיידל קלאַפּט נישט אָן דער טיר פון זיין איינזאַם צימערל.

ער איז אינערלעך אַ לוסטיקער, ווייל אַנדערש איז דאָס לעבן נישט געמאָלט, אָן אינערלעכער לוסטיקייט און גליסטונג. פּאָעזיע — אַוודאי און אַוודאי נישט געמאָלט.

דער הומאָר — דאָס איז רייזינס שענסטע און גרעסטע דיכטערישע מעלה. דאָס איז אַ הומאָר אָן הומאָריסטיק. איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז ער מאַכט נישט קיין הומאָר, דערציילט נישט קיין וויציקע זאַכן, און ער וויל אייך נישט מאַכן לאַכנדיק. פאַרקערט: ער וויל אייך דווקא דערציילן, ווי שווער און ביטער דאָס לעבן איז, און עס האָט אַ פּנים, אַז ער וויל אייך דווקא מאַכן טרויעריק, אָבער דער הומאָר ליגט צעגאָסן אין זיין גאַנץ וועזן, אַ לוסטיקייט אָן אַ פאַרוואָס, אַ פּאָר גוטמוטיק-שמייכלדיקע אויגן קוקן אַרויס פון אומעטום.

ס׳איז טרויעריק, און דער אביון איז נישט געהייצט, און אויף קיין מיטאָג איז נישטאָ, צרות אַ ים און דאגות אַ וואַלד, וואָס-זשע טוט מען?

אפשר מיינט איר, אַז מיר וועלן פאַרשעלטן די וועלט, מיר וועלן זיך וואַרפן אין דער ווייסל אַריין, צי מיר וועלן פאַרברעכן די הענט? — ניין, מיר וועלן בעסער זינגען אַ לידל.

וואָס איז? נישטאָ קיין טינט און פעדער? צי האָט דער מוח אויסגעטריקנט, און צי קומען נישט די גראַמען און שטעלן זיך אויס ריטמיש, צום סוף פון די שורות?

לאָמיר-זשע פּרואוון:

„אַ געזינד זאַלבע אַכט
און בעטן נאָר צוויי,
און קומט אָן די נאַכט —
וואו שלאָפן דאַן זיי?"

וואָס-זשע זאָגט איר! האַ? אַ שיין לידל? שיין? שיין?

אָ, שיין, שיין, ליבער, האַרציקער רייזין. און מיר וועלן עס זינגען צוזאַמען.

אָט אַזוי האָט ער געזונגען צו אַ דור. און אַזוי האָט אַ דור מיט אים מיטגעזונגען.

זיין פופציק-יאָריקער יובילעום איז געוואָרן אומעטום אַ פאָלקס-פייערונג, — אַ נאָענטע, אַן אייגענע זאַך.

דוד איינהאָרן

אין קיניגרייך פון די נעפּלען

היט אייך פאַר צופיל ליכט און פאַר קלאָרער באַטראַכטונג!

אייערע אויגן זענען אויפגעריסן און מיט אַן אומבאַשיי־דענעם בליק, מיט אַ בליק פון אַן אַלטן בעל־עבירהניק, וואָס זיין תאווה איז שוין פאַרגאַנגען, קוקט איר אויף דער אַרומיקער וועלט און איר פאָרשט זי, מעסט זי, טאַפּט זי און שמעקט זי, איר ווילט דערגיין איר כאַראַקטער. איז גאָר אַ וואונדער, ווען זי ווערט אייך באַלד וואָכעדיק, לאַנגווייליק, נישט אינטערעסאַנט און נישט שיין, ווי אַ פאַרעלטערטע פאַרוועלקטע קאָקעטע?

דאָך זענט איר אינטעליגענטן, מענטשן פונם באַוואוסטזיניקן דור, און איר גייט דורך די בילדער־וועלט און צעטרייבערט זי, צעגלידערט זי חלקימווייז, און אַנטפּלעקט זייער שורש און קוועטשט פון זיי אַרויס די „נאַטור־געזעצן". דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס איר האָט געבראַכט: קלאָרע און פעסטע הונדערט און איין פאָרמולע, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר א. ד. גל., איז טרוקן, און אַפילו דאָס איז אויך פאַרביי, און איר בלייבט זיצן פאַרלייגט די הענט און קלאָגט:

„אונד בין זאָ קלוג אַלס וויע צופאָר".

אָבער וואויל איז די נעפּל־מענטשן!

די וועלט איז באַדעקט מיט אַ דינעם שלייער, ווי אַ נעץ פון אַ זיפּ, ווי אַ לייכט געוועב אויף די ברוסטן פון אַ האַלבּ־דעקאָלטירטער שיינהייט. אַלץ זעט זיך און זעט זיך נישט. אָפן און פאַרשטעלט, און אַלץ איז פול געהיימנישן, און צו דעם אַלעם שטרעבט די נשמה, זי לעכצט אַזוי!

די סטיכיע פון די דאָזיקע מענטשן איז דער בין־השמשות: זייער פּייזאַזש איז נעפּל און שאָטנס, און אַן אַלטע חורבה,

און אַ פּאַרצייטישער פּאַרוואָרלאָזטער פּאַלאַץ. דאָס אויג זעט און ווייסט נישט, וואָס עס זעט, און די נשמה ווערט פול בענקעניש, נישט ווייסנדיק, נאָך וואָס זי בענקט. און ווי גרויס איז די פרייד, ווי גרויס איז דאָס פאַרגעניגן, ווען עס געלינגט אַרויסצוציען אַן איינצלנעם שטריך פונם דאָזיקן נעפּל, צו געפינען דאָרט אַ ענדע־רונג און – אַ בילד! ווער קאָן גאָר באַגרייפן די טיפקייט פון באַטס נחת, ווען ער האָט אַרויסדערזען פונם תוהו־ובוהו די ערשטע פאָרם ביי איר געבורט!

די יונגע טשערקעסין פונם האַרעם פאָרט אַדורך אויף איר רייטוואָגן די שטורעמדיקע גאַס און זעט זי דורכן שלייער, וואָס פאַרדעקט איר געזיכט. ווי שיין איז דאַן די גאַס, ווי אָנגענעם און ליבלעך זענען די דורכגייענדיקע מענטשן! און איר קוקט אויף דער גאַס מיט איירע אָפענע אויגן און זעט דאָרט אָרעמ־קייט און נידעריקייט, מינדערווערטיקייט און שווינדל און אַלערליי חסרונות. דאַרפט איר נישט אַמאָל האָבן אַ שלייער, כדי נישט צו האָבן צופיל ליכט?

און איר קאָנט דאָך דאָס קריגן – לכל הפּחות, אויף אַ קורצע דורכלויפנדיקע ווייל – ביי די פּאָעטן.

דוד איינהאָרן 2) זעט די וועלט דורך די נעפּלען, און דער נעפּל איז פיל־פאַרביק, פול־קאָלירנדיק, און דעריבער איז זיין וועלט אַזוי שיין.

„נעפּל" „שלייער" „טול" – אָט דאָס זענען זיינע באַליבטע ווערטער, און דאָס איז נישט קיין צופאַל און נישט קיין קאַפּריז. דער נעפּל איז זיין און דער שלייער איז זיין, אַפילו דער „טול" – איז אַ ניי וואָרט, וואָס, איינהאָרן האָט עס אַריינגעבראַכט אין דער שפּראַך. ווי פּשוט און ווי שיין איז דאָס – „זיידענע טולן"! ווי אַזוי איז קיינעם נישט איינגעפאַלן דאָס צו באַנוצן?

„עס האָט מיך געפאַנגען דער אומעט, וואָס שוועבט
אויף די טונקעלע פעלדער.

---

2) שטילע געזאַנגען, געדיכטע פון דוד איינהאָרן, ווילנא, תרס"ט.

און רוט אויף די איינזאַמע בוימלעך, וואָס שטייען
צעוואָרפן אויף זיי;
דער בלאָער פאַרטרויערטער הימל, וואָס קוקט
אַ פאַרוויינטער אַרונטער
דורך ווייסלעכע זיידענע נעפּלען, דערפילט מיט
אַ צערטלעכן וויי".

אַ שאָד, וואָס איך קאָן דאָ נישט ברענגען דאָס גאַנצע געדיכט „ליטע", די צירנדיקע קרוין פונם גאַנצן ביכל געדיכטן. יעדעס וואָרט אין דעם דאָזיקן געדיכט איז שיין און אויפן אָרט, און יעדע שורה — אַ בילד פול געפיל און אויסדרוק. צוזאַמען איז דאָס אַ שיינע און הערלעכע שאַפונג, וואָס דו קאָנסט זי לייענען און הנאה האָבן און נאָך אַמאָל הנאה האָבן. ווען איינהאָרן זאָל האָבן געשריבן נישט מער, ווי דאָס דאָזיקע געדיכט, איז ער אויך שוין ווערט, מען זאָל אים זעצן אויף דער גאָלדענער שטול פון די פּאָעטן.

אָבער די ברכה פון גאָט רוט און שפּרודלט נישט נאָר אין זיינע געראָטענע געדיכטן, וואָס זענען ריין פון זייטיקע השפּעות און גראַמאַטיקאַלישע גרייזן. אַפילו אין די חסרונות דער־קענט זיך אויך דער מענטש. איינהאָרן איז אַ פּאָעט, אַפילו ווען זיין פאַרלאַנג גייט איבער די מעגלעכקייט; אַפילו, ווען ער בלאָנדזשעט אויף פונם גלייכן וועג, און דער פערד זיינער שלעפּט זיך שווערלעך.

פּאַר אים און הינטער אים שוועבט תמיד אַ מאַסע לייכטע און פיל־קאָלירנדיקע וואָלקנס. ער לעבט אין קיניגרייך פון נעפּלען, פון שטילע ווינטלעך און אָפּקלאַנגען, וואָס דאָס אויער כאַפּט אויף דורך גרויס אָנשטרענגונג. ער פאַרפאָלגט זיי, אַמאָל דערכאַפּט ער זיי און ווייזט זיי אונז, און אַמאָל — נעמט ער אָן ווינט אין די גרויפן, אָבער שטענדיק דערקענט זיך בולט דער מענטש, זיין סטיל און זין געשמאַק.

„אין לופט האָט געציטערט אַ צערטלעכע ווייסקייט
פון בענקונג און טרויער און שטילן פאַרדרוס".

און די דאָזיקע „צערטלעכע ווייסקייט פון בענקונג און טרויער און שטילן פּאַרדרוס" וויבּרירט אין יעדער שורה און אין יעדן וואָרט פונם דאָזיקן ביכל.

דער פערז און דער ריטם, ווי די אויסדרוקן און דער אינהאַלט, זענען כמעט שטענדיק ניי און ווייזן אַרויס דאָס פּ נ י ם ח ד ש ו ת, די אָריגינאַליטעט, וואָס טרעט אויף אין דער ליטעראַטור צוזאַמען מיטן נאָמען ד ו ד א י י נ ה אָ ר ן.

נישט ווייניק זענען פאַראַן געדיכטן, וואָס די פרעמדע השפּעה דערקענט זיך אין זיי, און צו אַלעם ערשטן די השפּעה פון דער יונגער רוסישער, פּעלערהאַפטער און געקינצלטער דיכטונג, אַט דער וואָס איז געקומען אַלס טאָג־מאָדע, צוזאַמען מיט דער מאַרקסיסטישער שיטה און מיט רעליגיעזע בענקעניש. די „בת־מלכּה", וואָס דוד איינהאָרן זוכט, הגם ער ווייסט זיכער, אַז ער וועט זי קיינמאָל נישט אָנקוקן (אין דעם ערשטן געדיכט), איז אַ נישט־גוטע איבּערזעצונג פון דער „פּרעקראַסנאַיאַ דאַמאַ" אָדער „דיעוואַ", מיט די נייע רוסישע געשמאַקלאָזע פערזן. דאָס הערלעכע געדיכט „אמר אביי" דערמאָנט צופיל ביאַליקן. די „לעגענדע", איינס פון די אויסגעצייכנטסטע געדיכטן אינם דאָזיקן ביכל, דערציילט וועגן אַ הויך־געוויקסיקן און בלינדן מאַן מיט עטוואָס אויסגעשטרעקטע ליפּן, וואָס זוכט אַ באַשייד צו עפּעס אַ סוד אין דער נאַכט־פינסטערניש, און קלאַפּט אָן אין די לאָדנס פון אַ פאַרצייטיקער חורבה, און זוכט אַן ענטפער אינם ווידערקלאַנג פון זיין שטים, און ווי עס ווערט נאָר טאָג, ווערט ער

„אַ קליינעס, אַ שוואַכעס, אַ זעעדיק מענטשל,
וואָס וואַנדערט אַרום מיט אַ פּעקעלע סחורה,
און האַנדלט און קויפט און פאַרקויפט"

און אַז די נאַכט קומט ווידער אָן —

„דאַן וואַקסט ער אויס ווידער אַ הויכער, אַ בלאַסער
מיט אָפענע בלינדע פאַרצויגענע אויגן

און זוכט עפּעס שטיל מיט צעצויגענע פינגער
און זוכט אָן אַן אויפהער און זוכט".

דאָס דאָזיקע געדיכט מאַכט אַ טיפן איינדרוק, הגם זיין אינהאַלט איז אַרויסגענומען ביי היינען, פונם פרינץ, וואָס איז געוואָרן אַ הונט. אַפילו ווען איינהאָרן איז באַאיינפלוסט פון אַנדערע, ווייסט ער צוצוגעבן אַ באַזונדערע פאָרם און באַזונדערן חן זיינע געדיכטן — אַ חן פון בין־השמשות און דורכזיכטיקע געפלען.

אַלס צייטיקע פּרוכט קאָן מען דאָס דאָזיקע ביכל נישט רעכענען. ווי געזאָגט, זענען דאָרט דאָ פיל געדיכטן, וואָס איינהאָרנען וואָלט גאָרנישט אָפּגעקומען, ווען זיי וואָלטן נישט געזען די שיין פון דרוק. פאַר אונז ליגט אַ ריי פּרוּוון, און פּרוּוון, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מערסטנטייל מיט פאַרנאַכ־לעסיקונג. אויפן חשבון פון פאַרנאַכלעסיקונג קאָן מען געוויס שטעלן דעם פאַקט, וואָס דער פּאָעט באַגניגנט זיך כמעט שטענדיק מיט ווייסע פערזן, ווי אויך דעם שווערן און גרייזיקן סטיל אין פיל שטעלן. אָבער בכלל האָט איינהאָרנס סטיל אַ באַזונדערע שיינקייט. געשטעלט האָט ער זיך אויפן גוטן וועג פון פ אָ ל ק ס ט י מ ל ע כ ן סטיל, פון אים שעפּט ער דאָס זיינע אויסדריקן, וואָס נויטיקן זיך, נאַטירלעך, אין פיל אויסבעסערונגען און פיל קולטור־אַרבעט, כדי זיי צו דערהויבן צו דער הויך פון אַ פּאָעטישן סטיל. און אויב נישט שטענדיק האָט דעם פּאָעט געגליקט צו דערגרייכן דעם ציל: צו מאַכן פון פאָלקס־מאַטעריאַל אַ געניען, פּאָעטישן, פיל־קאָלירנדיקן סטיל, מוז מען אָבער געדענקען, אַז דאָס דאָזיקע געביט איז ביז איצט געווען פאַר־וואָרלאָזט. אויסער מענדעלע מוכר־ספרים, דאַכט זיך, האָט קיינער זיך נישט באַמיט א ו י ס צ ו פ י י נ ע ר ן די פאָלקס־שפּראַך, און דאָס אַלץ וואָס איז געטון געוואָרן אויף דעם געביט, איז על־פּי־רוב געשען א ו מ ב א ו ו א ו ס ט ז י נ י ק. י י ד י ש ע ר ס ט י ל — דערווייל איז ער נישטאָ נאָך, וואָרום ביז היינט האָט געפעלט דער נויטיקער באַדינג צו אַזאַ סטיל — דער קולט פאַר דער שפּראַך, די ליבע צו דער שפּראַך.

און אויך אויף דעם געביט האָט דאָס ביכל אַ באַזונדערן ווערט. אויב אַפילו ס'איז נאָך נישט פאַראַן קיין סטיל, איז פאַראַן אָבער אַ שטרעבונג צו אַ סטיל און פּרואוון צו שאַפן אַ סטיל, און די פּרואוון זענען אָפטמאָל געלונגענע, בעראָטענע.

פון העברעיש: יצחק ווײנטרויב.

אורי ניסן גנעסין

„שטילע טריט"

(צום טויט פון אורי ניסן גנעסין).

אברהם רייזין דערציילט ערגעץ די מעשה פון אַן אָרעמען יונגעגנמאַן, וואָס האָט קיינמאָל נישט קיין זוילן אויף די שטיוול. וואָס מיינט איר אינטערעסירט אים? די אָרעמקייט? די נויט? קליינינקייטן! און אַז מען גייט נישט אין גאַנצע שיך וואָס איז? און אַז מען האָט נישט אויף אַ מיטאָג וואָס איז? — מאַלע מענטשן זענען פאַראַן אויף דער וועלט, וואָס גייען אין צעריסענע שיך און האָבן נישט אויף קיין מיטאָג? — מיליאָנען גאַנצע. עס איז אַ סברא, אַז די מיט גאַנצע שיך און מיט מיטאָג יעדן טאָג זענען די אויסנאַמען, זענען אַ קליינער פּראָצענט, וועלכע עס האָט אָפּגעגליקט צו געווינען אויף דער לאָטעריי פון לעבן.

אָט איז דער „העלד" זייער טרויעריק, וואָס מען הערט נישט זיינע טריט. מיט שטילע טריט גייט ער. מענטשן שפּאַנען פאַרביי אים, און מען הערט ווי זיי גייען. איר קאָנט ציילן איינס און צוויי און דריי און פיר... ער, דער העלד, רוקט זיך, ווי אַ שאָטן. די שטיוול אָן זוילן — פאַרשאָלטן זאָל ווערן זייער שטומקייט, זייער צניעותדיקע צוריקגעהאַלטנקייט!

פאַראַן מענטשן אַזוינע, ס'איז אַ גאַנצער טיפּ אַ מענטשלעכער, אַ קאַטעגאָריע אַזוינע פון נישט-באַזוילטע שטיוול-גייער, באַשיידענע, פרומע, צוריקגעהאַלטענע, קלוגע, ערנסטע, פיל מאָל הויך-טאַלענטירטע. וואָס העלפט דאָס אַלץ? — מיר נעמען אויף דאָס לעבן דורך אונזערע פינף חושים, און אָט איז די צרה, וואָס זיי קאָנען נישט ווירקן אויף חוש-השמע, אויפן אויער.

זיי קאָנען נישט רוישן. עס פעלט זיי זוילן, האַרטע זוילן, און פון אַלע זייערע אברים אַרבעטן די פיס גראָד נישט־ענערגיש.

געוויס, מיר האָבן געהאַט פילאָזאָפן און פּאָעטן און לערער פון רעליגיע און זיי האָבן מיט אונז איינשטודירט דרך־ארץ צו האָבן פאַר ערנסטקייט און קלוגשאַפט, פאַר צניעות און פרומקייט; צו שעצן הויך דעם גייסט פון אַ מענטש; צו בוקן זיך פאַר טאַלענט; ליב האָבן בכלל דאָס גוטע און דאָס שיינע.

פונדעסטוועגן האָבן מיר ליב, עס זאָל טומלען, מען זאָל פויקן אויף דעם אָנגעצויגענעם הייטל פון אונזער אויער, פּאָרט פריילעכער. גייט אַ מענטש פאַרביי און האָט אַן „אויפטרעטן", אַ פּאָר גאַנצע האַרטע זוילן און געזונטע פיס, הערט מען אים, ווייסט מען, אַז ער איז אַ מענטש. וואָס טויגן מיר די געשעפטן!

ווער שמועסט נאָך, אַז ער האָט דערצו אַ טיפע ברוסט־שטים און קאָן שרייען הויך „בראַוואָ" און „הידד", אָדער אַ קוויטשנדיקע סאָפּראַנאָ און קאָן זיך צעכליפּן הויך „אוי זה מה היה לנו!" אַז וואויל איז אים, וואויל די מיטמענטשן זיינע, ער איז דער באַראַבאַנשטשיק, און זיי לויפן אים נאָך, ווי די חברה קונדסים. ער באַראַבאַנעוועט, און זיי גייען אויס פון מתיקות, פון עסטעטישן פאַרגעניגן און מאָראַלישער באַפרידיקונג.

די מענטשן מיט די שטילע טריט דרייען זיך אַרום, ווי אבלים אויף דער חתונה.

זייער גאַנץ לעבן איז אַ מין לאַנגע שבעה. עס דאַכט זיך, זיי גייען אין זאָקן, דער קאָפּ איז איינגעבויגן, דער בליק אָנגעשטרענגט און טרויעריק, און איינגעהילט זענען זיי שטענדיק אין צער, אַ שטומער צער, מערסטנטייל — אַ גרויסער און באַדייטנדיקער.

נישט לאַנג האָט זיך אין ציריך גענומען דאָס לעבן אַ יונגער סטודענט, אַ פאַרמעגלעכער. וואָס האָט אים געפעלט? קיינער ווייסט נישט. ער איז נעמלעך געגאַנגען דורכן לעבן מיט שטילע טריט. מען האָט אים געזען אין דער לעזע־האַלע, אַריינגע־קומען, גענומען אַ צייטונג אין האַנט, געלייענט, אויפגעהויבן

זיך און אַוועקגעגאַנגען. אין האַרץ האָט אפשר דער יונגער מענטש — וואָס לויט ווי די צייטונגען דערציילן, זעט אויס, אַז פון מאָראַלישע ליידן איז ער געשטאָרבן — געטראָגן אַ באַדייטנ־דיקע מענטשלעכע טראַגעדיע, אפשר די טראַגעדיע פון זיין פאָלק. ווער קאָן זאָגן? ער אַליין האָט נישט דערציילט. געשטאָרבן אַפילו איז ער אין די זאָקן, אָן שום געוויש, נישט איבערגעלאָזט קיין צעטעלע, אויף קיינעם נישט געזוכט צו מאַכן אַן איינדרוק.

פאַראַיאָרן האָט זיך אין בערן גענומען דאָס לעבן דער העברעישער שרייבער בן־ישראל, אויך פון מאָראַלישע ליידן. איך האָב אים גראָד געקאָנט. אַמאָל פאַרנאַכט האָב איך אים געטראָפן זיצן אויף דעם „קליינעם שענצלי״, אַ פּרעכטיק שפּאַציר־אָרט מיט אַן אויסזיכט אויף די אַלפּן. אונטן פליסט דער באַרג־שטראָם, פון וויטן גליען די בערג אין רויזיקן אָפּגלאַנץ, און ער האָט מיר שטיל, כמעט שעמעוודיק, דערציילט, אַז בכלל דער ענין פון לעבן, פאַרשטייט איר, האָט קיין ממשות נישט...

דער שאָטן פון טויט האָט שוין דעמאָלט מיטשפּאַצירט מיט אים,ביידע מיט שטילע טריט.

* *

*

דער פאַרשטאָרבענער יונגער העברעישער שרייבער אורי גנעסין איז אויך געגאַנגען אין זאָקן זיין גאַנץ לעבן. ער געהערט אויך צו דער קאַטעגאָריע פון די שטילע, מיט דעם אונטערשיד, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל טאַלענט און האָט געשריבן ווערטפולע בעלעטריסטישע זאַכן, שטילע, ציכטיקע און טיף־ערנסטע, ווי ער אַליין איז געווען.

איך וויל דאָ מאַכן אַ באַמערקונג, וואָס איז אפשר נישט שייך צום ענין, אָבער דאָך דאַרף זי געמאַכט צו ווערן. אויב די העברעישע בעלעטריסטיק איז איצט די צייט פון פּאָעטן, און זיי האָבן אינגאַנצן פאַרטונקלט די בעלעטריסטן און פאַר־

רוקט זיי אויך אַ זייט. און דאָך ווייס איך בנאמנות נישט, אויב די העברעישע בעלעטריסטיק האָט נישט אויפצווייזן פיל מער עכטן טאַלענט, ווי די פּאָעזיע. בערדיטשעווסקי, ברענער, שאָפמאַן, גנעסין. די לעצטע דריי האָבן אַלע שלעכטע זילן, און האָבן ווייניק געבאַראַבאַנעוועט, אָבער אַלע טראָגן זיי דעם צייכן פון עכטן און וואָרהאַפטיקן אויף זייער שטערן. ברענערן קאָן דאָס ברייטע פּובליקום זייער, ווייל ער האָט זיך אין לעבן נישט איינמאָל אַרומגעקריגט און האָט, ווי דער שטייגער איז, באַקומען גוט אויסגעזידלט דערפאַר, ממילא איז זיין נאָמען נישט פאַרגעסן געוואָרן. די לעצטע צוויי האָבן זיך מיט קיינעם נישט געקריגט, זיי האָבן געשריבן שטילע, טיף-דורכגעפילטע נאָוועלן, האָט מען אָנגעשריבן שטילע רעצענזיעס וועגן זיי, און אורי גנעסין האָט דערצו שטיל געזוכט אַ דערלייזונג פאַר זיך אין פּאַלעסטינע, שטיל אָפּגעריכט גלות אין זיין היים-שטעטל, שטיל קראַנק געוואָרן, שטיל געשטאָרבן... אָך, ווי שטיל!

שטיל — אַזוי ווי איך האָב אים געזען דאָס ערשטע מאָל.

אַ יונגע יידישע באָהעמע, אַ ציגיינער-חברה זענען מיר דעמאָלט געווען אין וואַרשע. שלום אַש, אברהם רייזין און נאָך אַנדערע. מיר האָבן דעמאָלט שוין פאַרדינט מיט ליטעראַטור. אויב פּרץ האָט נישט געהייסן פאַרברענען דעם מאַנוסקריפּט, וואָס מיר האָבן פאָרגעלייענט, האָבן מיר אים אָפּגעזעצט אין אַ רע-דאַקציע פאַר 2 און פאַר 3 רובל, און רייזין, דער בריה, האָט געקאָנט כאַפּן אַ גאַנץ פינפערל. מען האָט צוגעהונגערט, אָבער פריילעך איז געווען אויפן האַרץ. די יוגנט איז פריילעך, און דער גלויבן אין דער צוקונפט איז פריילעך.

אַ הויכער יונגערמאַן איז אַרויפגעקומען מיט אַ מאָדנעם שטאָלענעם בליק — ער שרייבט העברעיש. מען אַגיטירט אים און מען וויל אים „אָפּשמדן" אויף יידיש, ער ענטפערט אויף איין פראַגע און פאַרשווייגט צען. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיינס, אויב איך האָב קיין טעות נישט, מיט אומצופרידנהייט. „לשמחה מה זו עושה?" ווי קאָן אַ מענטש לאַכן אויף דער וועלט? ווי קאָן מען לוסטיק זיין? פאַרדינען געלט מיט דער ליטעראַטור?

און ווי איז די גרויסע פראַגע פון יידנטום? פון אויספילן דעם תהום פון דער חרוב-געוואָרענער רעליגיעזער וועלט-אַנשויאונג? —

דער פאַרשטאָרבענער יונגער שרייבער איז בעצם דאָך געווען אַ רעליגיעזע נאַטור! דער פאָטער זיינער איז אַ רב און אַ חסיד אַ חב"דניק מיטן גאַנצן ברען. דער זון איז געוואָרן אַ נישט-גלויביקער, אָבער ווי יעדע טיפע נאַטור האָט ער געזוכט אין לעבן עפּעס אַ גלויבן, וואָס זאָל זיין אַזוי שטאַרק ווי זיין פאָטערס, אַזאַ אָנלען ווי זיין פאָטערס, אַזוי וויכטיק און אימפּאָנירנדיק ווי זיין פאָטערס. ער האָט געזוכט און לאַנג געזוכט, ביז צום טויט.

אָבער געזוכט שטיל.

איין תנאי:

צו מענטשן, ווי גנעסין, מוזט איר אייך צוהערן; ווען איר לייענט אים, זאָל זיין שטיל אין צימער, און גוט, איר זאָלט אַראָפּלאָזן די ראָלעטן, דעמאָלט וועט איר דערהערן זייער שטים, דעמאָלט וועלן זיי אַריינקומען צו אייך מיט זייער שטילע טריט און וועלן אייך האָבן פיל וויכטיקס צו זאָגן.

א. ווייטער

(א. דעווענישסקי)

ווען איך האָב אים געזען מיט אַ יאָר 12 צוריק אין ווילנע, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ בעל־תשובה. מיר האָט זיך טיילמאָל געדאַכט, אַז אָט וועט ער פאַרבויגן זיין שיין־געבויטן הערלעכן קאָפּ און וועט זיך נעמען שלאָגן אין האַרצן „אָשמנו".

און ווען איך האָב דערזען אויף דער סצענע „דעם שטומען", האָט עס מיר אויסגעזען, אַז אָט איז דאָס טאַקע געשען אַזוי.

אַ געבראָכנקייט, אַ שולדיקייט, אַ געפיל פון חרטה הענגט אין דער לופטן. אַלע שלאָגן זיך „על חטא".

אויף וועלכע זינד ? —

די פאַבולע דערציילט אונז די מעשה. אַ בחור איז אַוועק פון דער היים, פון דער יידישער סביבה, ער איז געבליבן הענגען אין דער לופט, אָן באָדן אונטער די פיס... ניין, נישט דאָס אין די טראַגעדיע. די טראַגעדיע איז געווען ווייטערס גורל. איך האָב אים געזען ווי לעבעדיק פאַר מיינע אויגן.

ער האָט אונטער זיך געהאַט אַ לעבן פון אַ יונגען רעוואָלוציאָנער, אַ לעבן, וואָס איז פול מיט סכנות, פול מיט אָפּזאָגן זיך, און עס ווערט באַלוינט נאָר מיט טורמע און מיט סיביר. ער האָט זיך אָנגעליטן, ווי אַלע זיינסגלייכן, און דאָך איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ בעל־תשובה. זיין טאָן איז געווען אַזאַ שטילער, אַזאַ נישט זיכערער: עס קומט דעם מזל ביי אים אַ רעשט.

ער האָט אין זיך געטראָגן די גייסטיקע קראַנקהייט, וואָס איז אַזוי טיפּיש פאַר דעם רוסישן, און אויך פאַר דעם יידישן אינטעליגענט פון יענער צייט — די אינערלעכע געבראָכנקייט. אַג־

דערע פון זייז שניט זענען פאַרזונקען געוואָרן איבער די אויערן אין דער אומלעגאַלער אַרבעט, האָבן זיך אין איר פאַרגעסן, האָבן געלעבט און געאָטעמט אין דער קעלער-אַטמאָספער, און האָבן קיין צייט, קיין לוסט און קיין זין נישט געהאַט פאַר נשמה-גריבלענישן.

ווייטער האָט געהאַט אַ פערזענלעך לעבן. אָט דאָ הויבט זיך אָן דער קאָנפליקט. ער איז לויט זיינע פערזענלעכע מעלות געבוירן געוואָרן פאַר אַ סאַלאָן. ער האָט פאַרמאָגט אַ לייבן-קאָפּ, אַ פעסטן און איידעלן אָרגאַניזם, אַ פאָרנעמקייט אין זיינע מאַנירן — אַ געבוירענער העלד פאַר אַ ראָמאַן. געלעבט האָט ער אָבער אין די פאַרשטיקטע ווינקעלעך פון בונדיסטישע קרייזלעך, וואו צוזאַמען מיט אידעאַליזם און מסירות-נפש איז דאָך פאַראַן אַ גאַנצע וועלט פון קליינע טאָג-טעגלעכע איבערלעבענישן און באַציאונגען, און אָט די לעצטע געהערן גראָד נישט צו דער געהויבנקייט פון לעבן.

אַן ענג אָפּגעזונדערט קרייזל מוז ברענגען ענגע, שמאָלע באַציאונגען, מענטשן קענען זיך צו גוט איינער דעם צווייטן, קענען זיך ביז צו איבערדריסיקייט, ביז צום דערעסן. על-פּי-רוב ליידט מען זיך נישט, אָדער גאָר מען פאַראַכט זיך קעגנזייטיק. דער מענטש ווערט זויער און גאַליק, ווען ער פאַרקערט טאָג-טעגלעך מיט די זעלבע פערזאָנען און רעדט אָן אויפהער וועגן דעם זעלבן. די אַטמאָספער פון אומלעגאַלקייט האָט אַ באַזונדערן ריח, און ער הערט זיך פון אַלע פערזאָנען, וואָס זענען אין איר אויסגעהאָדעוועט געוואָרן.

ווייטער האָט געהאַט צופיל געפיל פאַר זיין פערזענלעך לעבן, און פונדאַנען נעמט זיך דער אינערלעכער קאָנפליקט, די אומצופרידנקייט, דאָס זוכעניש, די הרהורי-תשובה.

געהייסן האָט עס אינדיווידואַליזם, דער וועג צו זיך אַליין, די בענקשאַפט נאָך דעם שיינעם, אָדער ווי מען רופט דאָס אָן. עס איז נישט וויכטיק, ווי דאָס הייסט און ווי אַזוי דאָס גיסט זיך אויס אין דעם באַוואוסטזיין. די פאַקטישע זייט איז דאָס דער-מאָנטע! די ענגקייט און קליינקייט פון דעם פערזענלעכן לעבן אין קעלער.

איך געדענק, איך האָב מיט ווייטערן געשמועסט וועגן די געשרייען, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געהערט פון אַלע זייטן: פאַרוואָס מאָלן נישט די יידישע קינסטלער דעם נייעם דור, דעם קעמפער, דעם שטורמער? פאַרוואָס שטעקן זיי אַלץ אין דער אַלטער אָפּגעלעבטער וועלט? איך האָב ווייטערן געזאָגט, אַז די דאָזיקע מאָנער לעבן אין אַ גרויסן טעות. זיי מיינען, אַז ווען דער קינסטלער זאָל זיך צורירן צו דעם לעבן, וועלן רויזן בליען אויף זיין גאָרטן, ער וועט האָבן העלדן, גרויסע מעשים, שטאַרקע כאַראַקטערן, דראַמאַטישע מאָמענטן. דאָס איז נישט ריכטיק, ווייל דער קינסטלער קאָן דאָך נישט אָנהויבן פון דעם מאָמענט, ווען דער רעוואָלוציאָנער וואַרפט די באָמבע, אָדער האַלט אַ באַגייס־טערטע רעדע. ער מוז אָנהויבן פון דעם פּערזענלעכן, קליינעם, טאָג־טעגלעכן און געוויינלעכן, אויב ער וויל באמת מאָלן, נישט פּאַטעטיש דעקלאַמירן. ער מוז אָנהויבן פון אַ פּאַרליבעניש, צי פון אַ מאָלצייט, וואָס באַשטייט פון הערינג, רעטעך און ברויט אפשר גאָר פון אַביסל רכילות, וואָס מען רעדט אויף אַ נישט־אָנוועזנדיקן חבר. קורץ: ער וועט קיין העלדן אַלץ נישט האָבן, דער קינסטלער, וואָס וועט נעמען באַשרייבן די קעלער־אַטמאָספער, און וועט אַליין נישט האָבן קיין נחת. העכסטנס קאָן מען באַשאַפן עטוואָס שיינס אין זין פון קאָנטראַסט: צווישן די גרויסע צילן און שווערע מאַראַלישע מעשים און דעם שמאָלן ענגען פּאָן פון לעבן.

ווייטער האָט זיך אַזוי אָנגעכאַפּט פאַר דעם אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, אַז ער איז געוואָרן אינגאַנצן אויפגעקאָכט. אָט אַזאַ ראָמאַן צו שרייבן, אָט וואָס!

איך האָב אים אין יענעם מאָמענט דערקענט.

ער האָט אין זיין ווערק „פּאַרטאָג" (שטאַרק באַאיינפלוסט פון וויספּיאַנסקיס „חתונה") געפונען אַן אויסדרוק, און זייער אַ פיינעם, פאַר די פּערזענלעכע איבערלעבענישן פון אַ העלדין פון קעלער. איך מיין, דאָס איז דאָס שענסטע, וואָס ווייטער האָט געשריבן. דאָס מיידל פון „פּאַרטאָג" פילאָזאָפירט ווייניק, נאָר לעבט און פילט. די ענגקייט פון לעבן האָט זיך אויף איר נישט געלייגט — אַ צעבליטע רויז אין קעלער.

דאָס איז די איינציקע געשטאַלט פון דעם מין אין דער יידישער ליטעראַטור, און אַ געשטאַלט אַ רייצנדיקע, פול לעבן און פּאָעזיע.

אָבער דער בעל-תשובה איז צו-פאַרטיפט אין זיין אייגענעם איך, אַז ער זאָל קאָנען זעען די וועלט. ווייטער נעמט רעדן מיט זיך אַליין. „דער שטומער" איז אַ מוסטער פון אַליין-אַנאַליז, וואָס פירט צו נירוואַנאַ, אָדער אין בית-מדרש אַריין אין גע-שטאַלט פון אַן אייביקן שווייגער.

נאָכגייענדיק זיך טריט ביי טריט, כאַפּנדיק זיך אַליין שטענדיק פאַר דער האַנט, אַזוי ווי אַ גנב, באַפאַלט אים אַ פינסטערע אומצופרידנקייט. אַלע מעשים זענען נישטיק, נישט ערלעך, יעדעס אַרויסגעזאָגטע וואָרט איז אַ ליגן, אַ מיאוסקייט, אַ נישט-ערלעכקייט. „נישט דאָס, נישט דאָס" — זאָגט דער רוסישער אינטעליגענט.

אָט דער דאָזיקער אויסגעשריי „נישט דאָס!" הערט זיך פון יעדער שורה אין „שטומען". עס איז אַ דאָקומענט פון אַ מענטש-לעכער איבערלעבונג, אַ מצבה פון אַ פּערזענלעכקייט.

און דאָס שטיק, אויב איר ווילט, איז אויך „נישט דאָס", נישט די ריכטיקע פאָרם פאַר דעם אינהאַלט. אָנשטאָט דעם פּערזענלעכן מאָמענט ווערט אַרויסגערוקט דער נאַציאָנאַלער. דער העלד קאָן זיך נישט אויסלעבן. דאָס איז דער פאַקט, דער ריכטיקער: דער פירוש, וואָס ווערט דערצו געגעבן אין „שטומען", שמעקט מיט ליטעראַטור. די שטימונג אָבער איז ריכטיק איבער-געגעבן, און אָט די שטימונג, וואָס איז סוף-כל-סוף אַזוי נאָענט דעם יידישן אינטעליגענט פון דור, וואָס געהערט שוין האַלב צו דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרכאַפּט דעם צושויער, טראָגט דעם וואָס די פּאַבולע אַליין קלינגט אַזוי פרעמד, אַזוי צוגעטראַכט.

אַן אָפּקלאַנג, אַ ווייטע עכאָ פון ווירקלעכע ליידן הערט זיך אין „שטומען"; עס וויקלט נישט פונאַנדער אַ שטיק לעבן און ווייזט נישט קיין מהות. אָבער דער אָפּקלאַנג אַליין פאַרכאַפּט אייך, רייצט און מאָנט, ווי אַלץ, וואָס איז נישט דערזאָגט.

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי

זשיטלאָווסקי געהער צו די מענטשן פון דער גראָדער ליניע. און די גראָדע ליניע איז אַ ריינער ענין פון שכל, פון לאָגישן טראַכטן.

די נאַטור האָט ליב אַלערליי ליניעס, און נישט די גראָדע. זי שאַפט רונדיק, עליפּסיש. דער גאַנצער גאַנג פון דער וועלט־מאַשין וויסט נישט די גראָדע. און ווען די לערע פון איינשטיינען וועט האָבן אַריינגעדרונגען אין די שול־ביכער, אין דער פּאָפּולערער מאַטעמאַטיק (אַן אַרבעט פאַר עטלעכע דורות!), וועט די גראָדע ליניע מוזן פאַרשווינדן, אַלס אַ פאָרורטייל, אַלס אַן אויסנאַרעניש פון די חושים. דאָס, וואָס מיר רופן איצט די גראָדע ליניע, וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אַ ברוך־טייל פון אַ ראָד פון אַן אומענדלעך גרויסן ראַדיוס.

צי וועט דעמאָלט אויך דאָס פאָרמעלע לאָגישע טראַכטן פאַרשווינדן?

אונזערע געדאַנקען, אונזערע אַרגומענטן, וועלן דעמאָלט זיין רונדיק, עליפּסיש, ענלעך צו דעם שאַפן פון דער נאַטור? —

דערווייל אָבער, מוז איך מודה זיין, האָב איך צו דער גראָדער ליניע אַ געוואַלטיקן רעספּעקט. פאַרוואָס קאָן איך נישט מיינע געדאַנקען אויסבויען אַזוי ווי אַ געאָמעטרישע טעאָרעמע, מיט אַן אָנהויב, מיט אַ סוף, מיט אַ מיטן, אָט אַזוי ווי זשיטלאָווסקי קאָן דאָס מייסטעריש?

שטימונגען, ברעקלעך געפילן, שוואַכקייטן און שטאַרקייטן, הענגען ביי אונז אַלע, — געווינלעכע בשר־ודמס, נאַטור־קינדער, — נאָך אַזוי ווי צויטן.

אין בעסטן פאַל, ווען מיר דענקען שוין לאָגיש, לאָזן

מיר איבער אַ באַוואָרעניש, אַן „אָבער" און אַ „ס'פאַרשטייט-זיך".
אין שלעכטן פאַל ווילן מיר בכלל נישט נאָכגיין דעם שטרענגען באַפעל פון דער גראָדער ליניע, פון די לאָגישע קאָנסעקווענצן.

דעמאָלט, זאָגט מען, מיר האָבן נישט דערטראַכט ביז צום סוף.

מיר זענען געבליבן שטיין אינמיטן וועג, — מיר האָבן מורא באַקומען.

אַלע שוואַכקייטן פון דער נאַטור לאַסטן אויף אונז: שוואַכע מענטשן-קינדער.

זשיטלאָווסקי טראַכט לאָגיש, קאָנסעקווענט און ביז צום סוף.

ער איז ווייניקער פאַר אַלץ פילאָזאָף, נאָר גראָד אַ סאָציאַלער דענקער, און זיין גראָדע ליניע האָט נישט קיין וויטן לויף-וועג — — — בסך-הכל אונזער יידיש וועלטל מיט זיינע פּראָבלעמען פון עק ביז עק!

אָבער דאָ איז ער שטאַרק, אויסגעהאַלטן, דורכזיכטיק, קלאָר — גראָד-ליניק.

זיינע לעקציעס וועגן די יידישע פּראָבלעמען זענען געבויט אַזוי ווי געאָמעטרישע טעאָרעמעס.

דער פילאָזאָף, דער מאָדערנער, דער, וואָס פאַרטיפט אונזער שייכות מיט דער וועלט, האָט געוויינלעך אַ סך פינסטערע ווינקעלעך אין זיך. די אויסערלעכע, פאָרמעלע, לאָגישע ליניע לויפט ביי אים איבער חושכדיקע לאַבירינטן, אָפּגרונטן, פינסטערנישן.
זשיטלאָווסקי איז נישט קיין מעטאַפיזישע נאַטור; גראָד אַ פּאָזיטיווע, פּראַקטישע.

אָבער די גראָדע ליניע האָט (אין אונזערע דורות, ווען איינשטיינס טעאָריע איז נאָך נישט אַריין אין די לערנביכער) אַ גרויסע מעלה: זי גיט זיכערקייט, זי איז אַ קוואַל פון מאָראַלישן כוח, פון גרייטקייט צו קרבנות, פון אויסדויער.

און אין דעם פּרט איז ד"ר זשיטלאָווסקי אַ פירער, אַ לערער, אַ רבי.

ער קאָן פירן נאָך זיך, ווייל ער האָט די פעסטקייט און די זיכערקייט פון צוויי מאָל צוויי איז פיר.

אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, געדענק איך, איז מיר אָט דער ענין קלאָר געוואָרן.

י. ל. פרץ האָט מיט אַלע כוחות פון זיין נשמה ליב גע-האַט יידיש און די יידישע קולטור, און שלום אַש האָט זי ליב, און ד"ר בירנבוים האָט געקעמפט פאַר יידיש זייער געשיקט און מיט טאַלענט.

אָבער די באַשטימטקייט, די נישט-אָנוועגדבאַרקייט, אָט די גראָדע ליניע פאַר יידיש — איז געווען ביי זשיטלאָווסקין אַליין.

אָט אַזוי איז עס און אַנדערש קאָן נישט זיין און וועט נישט זיין.

זשיטלאָווסקי האָט פ אַ ר ק נ י פ ט דאָס בינטל. ער האָט דער באַוועגונג פאַר יידישע קולטור, פאַר אַ מאָדערן יידיש-וועלטלעך לעבן צוגעגעבן סאָלידקייט. אויסדויער.

די גראָדע ליניע, זי איז נישט די שאַפנדיקע — זי צעמענ-טירט, זי גיט דעם מאָראַלישן אָנהאַלט און אויסדויער.

זשיטלאָווסקין געהער דער טיטול — — פירער.

ד"ר זשיטלאָווסקיס יובילעום.

גערענקט איר נאָך דעם אַלטן צונזערס לידל:

„וואָס זע איך דורך די שויבן

זיי פליען ווי די טויבן

זיי קומען צוריק צו מיר?" —

פאַר אַ יאָר צען־פופצן האָבן מיר געהאַט אַזאַ צייט. ביי אונז אינדערהיים, אין סאַמע געדיכטן פון געטאָ און פון גלות, האָט זיך געוועקט דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין, און פון דרויסן זענען געקומען איינער נאָכן אַנדערן די צוריקגעקערטע: הערצל, נאָרדוי, זאַנגוויל, פּראָפעסאָר איקס, ד"ר זעט און גאַנצע, גאַנצע לעגיאָנען.

אַ פרייליכע צייט געווען, כמעט יעדער טאָג האָט געבראַכט אַ געווינס. אויך דער איז אונזערער! אויך דער איז מיט אונז!

און דאָס האַרץ איז געוואַקסן פון פרייד, און די האָפענונג און די זיכערהייט.

ווייל זיכערהייט האָט אונז געפעלט, זיכערהייט אין אונז אַליין, זיכערהייט, אַז וואָס מיר רעדן, איז טאַקע ממש גערעדט, האָט אַ ממשות. דער ביטול צום יידישן לעבן, וואָס אַ גאַנצער פריערדיקער דור פון „משכילים" האָט עס געפלאַנצט און אַנט־וויקלט, האָט געשטעקט אין אונזער גאַנצן וועזן; און אונזערע פייערדיקסטע רעדעס האָט דער ביטול דורכגעקוקט.

ביז „זיי" זענען געקומען, זיי — די ריכטיקע, די פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים און שריפטשטעלער און באַדייטנדע מענער פון דעם סאַמע־ראָדנעם אייראָפּע. דעמאָלט ערשט האָבן מיר אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז „מען מיינט עס טאַקע אויף ערנסט".

צו יענער צייט, און אפשר גאָר אַביסל פריער, איז גע־

ועסן אין בערן אַ יונגער דאָקטאָר, אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער, פון די באַדייטנדע טעאָרעטיקער, אַ מענטש מיט אַ צייכן פון טיפן ערנסט אויף זיין גאַנצער פערזענלעכקייט און פון גרויסן רום צווישן זיינע חברים — סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. און ער האָט אָנגעשריבן אַ קליין ביכל אויף דייטש — איך געדענק נישט דעם נאָמען פון דעם ביכל — דער אינהאַלט איז געווען: אַז יידן זענען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, האָבן אַ שפּראַך, און האָבן דאָס רעכט אויף אַן אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

אויך אַ צוריקגעקומענער? אויך אַ גר? — ניין. זיין שעה האָט דעמאָלט נאָך נישט געהאַט געשלאָגן. ער האָט נישט גע־האַט צו ווען צוריקצוקומען, דער באָדן איז נאָך נישט געווען גרייט.

אַ יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָבן אויפגעבויט אַנדערע, פון אַן אַנדער חדר; מענטשן, וואָס קוקן אויף דער מענטשלעכער היסטאָריע ווי אויף אַ געאָמעטרישע פיגור, אַ מאַטעמאַטישע פאָר־מול צו לייזן; אַן יענעם דערהויבענעם אידעאַליזם אין דער וועלט־אָנשויאונג פון אַ גליעב אוספּענסקי, מיכאַילאָווסקי און אַנדערע, וואָס צו זייער חדר האָט זשיטלאָווסקי געהערט. נאַציאָנאַליזם איז נישט געווען גלאַט־כשר (און איז עס נישט ביז היינט) אין דעם לאַגער פון די עקאָנאָמישע מאַטעריאַליסטן.

שפּעטער אַביסל האָט אויך דער לאַגער זיינע גרים און צוריקגעקומענע. דער ערשט־פּאַרשטאָרבענער, אַזאַ יונגער און אַזאַ טאַלענטירטער, גראָסער איז איינער פון זיי. אָבער דאָס יידישקייט פון זיי מוז שטענדיק זוכן „הכשרים", מאַכן אָנמער־קונגען און אויסרעדעניש, און ביז צום היינטיקן טאָג מוז עס צו־געגייט ווערן צום פּראָגראַם, טיילמאָל מיט גראָבן פאָדעם.

זשיטלאָווסקי אָבער איז אַ ראָמאַנטיקער, אַ תושב און אַן אַלטגעזעסענער אין דער וועלט פון געפילן און זעלבשטענדיקע ווערטן, און ווען ער זאָגט נאַציאָנאַליזם, זאָגט ער עס מיטן פולן מויל, און פאַרהיקעט זיך נישט דערביי, און האָט קיין שום פחד נישט צו פאַרלעצן דעם עקאָנאָמישן פּרינציפּ, דעם אַלמעכ־טיקן גאָט פון פערטן שטאַנד.

ער איז געבליבן כמעט אומבאַקאַנט אין דער יידישער וועלט און כמעט אָן השפּעה. אַ רבי אָן תּלמידים, אַ צוריקגעקומענער, וואָס האָט קיין היים נישט געפונען.

ערשט דאָס רוישיקע, קאָכיקע יידישע לעבן אין אַמעריקע, די איסט-סייד פון ניו-יאָרק, האָט אים די היים געגעבן.

אָנשטאָט צו גרינדן אַ קלייזל, האָט ער גענומען רעדן צום פּאָלק, צו די הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער, און אין אַ קורצער צייט האָט ער אויפגעטון פאַר דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער גרויסער ברייטער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע מער אפשר, ווי ער אַליין האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן.

זשיטלאָווסקי האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין ניו-יאָרק. ער איז דער פאָטער פון דער ראַדיקאַלער יידישער יוגנט אין אַמעריקע. נישט איר פירער, נאָר טאַקע איר פאָטער.

ווייל אַ פירער איז זשיטלאָווסקי אַ שלעכטער. דאָס רעדל פירן די „פּאָליטישנס" — די פאַרדאָרבנקייט זיצט אויבן-אָן און פירט כלומרשט די ממשלה. ס'איז אַ מין דיקטאַטור פון געוויסנלאָזיקייט, וואָס הערשט איבער דעם ראַדיקאַלן לאַגער פון דער איסט-סייד, און די דיקטאַטור האָט שוין לאַנג פאַרורטיילט זשיטלאָווסקין צום פאַרניכטן, נאָר דער ביסן איז געווען צו האַרט, און זשיטלאָווסקי איז געבליבן זשיטלאָווסקי, און דער עיקר — זיין השפּעה איז געבליבן נישט אויסגעראָטן, און דאָס לעבעדיקע וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט — לעבט.

* *

*

אין אַמעריקע האָט דער צוריקגעקומענער געפונען זיין היים, אַ פעלד פאַר אַרבעט, אַ יידישע אַטמאָספער, און דאָ האָט ער דערפילט אַ גלענצנדע אויפגאַבע: ער האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַראָפּגענומען דאָס צעטעלע „רעאַקציע" פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, און האָט דעם „גענאָסע" גאַנץ איינפאַך אויסגעלערנט דענקען, אַז ער איז אַ ייד.

די אַלטע „אינטעליגענטן" און די „פּאָליטישנס" אויף די פּעטע ערטער האָבן זיך געכאַפּט פאַר די האָר, דערהערנדיק אַזאַ מין אפּיקורסות, און זיי קאָנען נאָר ביז היינט דערמיט נישט שלום מאַכן, און לאָזן אויס זייער כּעס אויף דעם שטענדיק גוט־מוטיקן און שטענדיק אַזוי פרידלעך־געשטימטן זשיטלאָווסקי. ער איז פון די געיאָגטע אין ניו־יאָרק, זיינע אַקציעס שטייען זייער־זייער נישט הויך, זיין זשורנאַל שלעפּט זיך און פאַלט, און נאָך דעם אַלעם לעבט דער מענטש אין ניו־יאָרק, און זיין נאָמען לעבט, און זיין לעבנס־ווערק לעבט, ווייל זשיטלאָווסקי איז פון די זאַכן, וואָס ס'איז אַזוי שווער בייצוקומען, וואָס פאַלן הונדערט מאָל און שטייען ווידער אויף. ער איז געמלעך — אַ פערזענלעכקייט פון די זעלטענע עקזעמפּלאַרן ביי אונז.

און אַ באַצויבערנדע פּערזענלעכקייט דערצו. עס פעלט אים אינגאַנצן די זויערקייט, וואָס הערט זיך אַזוי אָפט ביי מענטשן פון אַזאַ פאַרגאַנגענהייט ווי ער; יענער גערייצטער פּאָלעמיטטי־שער טאָן פון פאַראַכטונג צו קעגנער, וואָס כאַראַקטעריזירט זיינס גלייכן.

איך האָב אים צום ערשטן מאָל געהערט רעדן אין טשער־נאָוויץ, און מיר אַלע האָבן געפילט, אַז דאָס איז געווען די בעסטע דעמאָנסטראַציע פאַר דער יידישער שפּראַך: לויט איר ערנסטן אינהאַלט נאָך, לויט דער שיינער פאָרם נאָך. מיר האָבן זיך אין יענער צייט נישט פאָרגעשטעלט, אַז מען קאָן אַזוי שיין, אַזוי איראָפּעאיש, אַזוי לאָגיש און זאַכלעך רעדן יידיש, אָן חכמות און קונצן, אָן שיינע מעשהלעך און וויצן, ווי דער שטייגער איז. אַ פּראָפעסאָרישע רעדע: רואיק, געלאַסן, געשלאָסן און גאַנץ ווי אַ קונסט־ווערק, האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דעמאָלט אויף יידיש.

אָט איז אַ גר! אָט איז אַ צוריקגעקומענער!

נאָך עד־היום באַשטייט דער צויבער און די קראַפט פון זשיטלאָווסקיס פּערזענלעכקייט אין זיינע אמת מייסטערהאַפטע רעדעס.

דאָס גאַנצע מין זשיטלאָווסקי איז אייגנטלעך מער פּראָפעסאָ־

ריש. ווי עפּעס אַנדערש. ווען עס וואָלט געווען אַ יידישער אוני־ווערזיטעט, וואָלט זשיטלאָווסקי געווען אויפן ריכטיקן אָרט. דער זאַל, וואו ער וואָלט געלעזן, וואָלט שטענדיק געווען געפּאַקט, די סטודענטן וואָלטן געמאַכט פאַקל־צוגן פאַר אים און פרייליכע דעמאָנסטראַציעס.

איצט באַשטייט זיין אודיטאָריום פון דעם קלינגטאָן־האָל אויף איסט־סייד, פול געפּאַקט מיט פאַבריק־מיידלעך און יונגע אַרבעטער, וואָס זענען שטענדיק גרייט אים צו הערן און עפּעס צו לערנען ביי אים.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער „מאַסע” אין ניו־יאָרק (וואָס מען רעכנט געוויינלעך פאַר אַ זייער גראָבע), וואָס זשיטלאָווסקי האָט שטענדיק צוהערער, טראָץ דעם ערנסטן אינהאַלט פון זיינע „לעקטשורס”; וואָס ער איז נאָך עד־היום אַזוי באַליבט, כאָטש ער איז כמעט צען יאָר אין ניו־יאָרק, און אַמעריקע האָט דאָך אַזוי ליב נייאיקייטן, און וואַרפט אַזוי שנעל אַרונטער אַלערליי גדולים און אָפּגעטער.

זשיטלאָווסקיס יובילעום איצט איז אַ דעמאָנסטראַציע פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אין ראַדיקאַלן לאַגער פון יידישן אַמעריקע, און דער יום־טוב, וואָס דער יידישער שרייבער־קלוב אין ניו־יאָרק וועט איצט פראַוועז, איז אַן אמתער, וואָרהאַפטער און פאַרדינטער, ווי זעלטן אַ יום־טוב.

י. ח. ברענער

ברענערס טויט.

פון אַן אַראַבישער, צי אַן ענגלישער קויל (מיר ווייסן נישט די פּרטים) איז ער אומגעקומען — דער קעמפער פון פאַר־צווייפלונג, דער העלד פון יאוש.

ער איז די טראַגישסטע פיגור. אַזוינע מענטשן, ווי ער, שטאַרבן נישט. אויף זיי איז דאָס געזאָגט געוואָרן: זיי ווערן באַפרייט פון עול פון לעבן.

אַ שטיק קראַנק געוויסן, וואָס מאָנט, וואָס לאָזט נישט רוען. שטענדיק פּראָטעסטירט ער, שטענדיק אומצופרידן — „איש ריב ואיש מדון".

עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס נישט נאָר די יידישע קריטיק, נאָר אַפילו די העברעישע האָט אים פאַרשוויגן, פאַררוקט אָן אַ זייט. ער האָט נישט געהערט צו יענע, וואָס וועגן זיי לאָזט זיך פּלוידערן און רעדן, פאַר פייער און פאַר וואַסער. ברענער! דער נאָמען האָט געשמעקט מיט ערנסט און מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס איז נישט קיין טעמע פאַר פּלוידערזעק, מען האָט פּשוט מורא זיך צוצורירן.

אין דער געזעלשאַפט פון די „סופרים", וואָס קיצלען איינער דעם אַנדערן — וואָסער פּנים האָט ער דאָרט געהאַט!

אַ היסטאָריקער פון אונזער ליטעראַטור, אַ היסטאָריקער פון אונזער גייסטיקן לעבן וועט זיך מוזן מיט אים גרינטלעך באַקענען. ער איז דער שפּיגל פון אַ גאַנצן דור יונגעלייט, וואָס האָבן זייער אינערלעכע אויסלייזונג פאַרקניפּט מיט ציון.

אַלע ספקות און אינערלעכע מאַטערנישן, וואָס אַזאַ יונגער־מאַן האָט דורכגעלעבט, זעט איר ביי אים — און אַ ליבע צו די דאָזיקע מאַטערנישן וועט איר געפינען ביי אים — אַ ווידערקלאַנג

און אַ ירושה פון דעם בעסטן און איידלסטן טיפּ פון דער רוסישער אינטעליגענץ — פון די נאַראָדניקעס.

זיין גאַנצער גערדאַנקען-גאַנג, זיין גאַנצע גייסטיקע פיזיאָנאָמיע איז די רוסישע „נאַראָדניטשעסטוואָ", איבערגעטראָגן אויפן יידישן באָדן און — מיט ציון פאַרייניקט.

די פּועלי-ציון האָבן די בריק צווישן דעם מענטשלעכן און נאַציאָנאַליסטישן מאָמענט געבויט אויף טעאָריעס, פּאַרפּלאָנ-טערטע און פּאַרשפּיצטע: פון די טאָג-טעגלעכע גראָע אינטערעסן פון די „מאַסן" ביז צום אַלטן האַלב-רעליגיעזן חלום פון דער „נאַציאָן" — פּירט נישט קיין גלייכער וועג.

ברענער האָט דעם תהום נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אויספּילן מיט געשטוקעוועטע טעאָריעס, מיט מאַרקסיסטישע פּסוקים און פּירושים, און — ער האָט געליטן. געליטן און געלעבט און געשטאָרבן אויף דעם ברוק.

ברענער האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געשריבן יידיש. ער איז געווען קאָנסעקווענט, אויסגעהאַלטן. ער האָט זיין שרייבעריי נישט געמאַכט פאַר קיין פּרנסה. ער האָט זיך מיט דעם דאָזיקן כּמעט אומפאַרמיידלעכן גורל פון אַ שרייבער געראַנגלט, בשום אופן זיך נישט אונטערגעגעבן. אין לאָנדאָן האָט ער זיך געלערנט זיין אַ זעצער. די לעצטע צייט, דערציילן זיינע באַקאַנטע, האָט ער געהאַקט שטיינער אויף אַ שאָסיי. און דאָך שטייט קיינער פון די העברעישע שרייבער נישט אַזוי נאָענט צו די יידישע מאַסן, איז נישט אַזוי אמת פאָלקסטימלעך, ווי ברענער.

און נישט נאָר בלויז מיטן געפיל און אמתער נישט-גע-פעלשטער צוגעבונדנקייט צו די מאַסן; נישט נאָר מיט זיין איינגעבאַקענער שנאה צו די תּקיפים און געלט-זעק: אַפילו זיין העברעישע שפּראַך, וואָס קלינגט, ווי אַן איבערזעצונג פון יידיש, זאָגט עדות דערויף. אָט דאַכט זיך, קומט ער נישט לאַנג פון מאַרק, פון בית-המדרש, פון ערגעץ אַ קעלער-שטוב, וואו דער דער דלות עסט און נאָגט און ציט אַרויס דאָס חיות. די בילדער זענען ביי אים שטענדיק צאַפּלדיק-לעבעדיק, דורכגעפּילט ביז צום שורש; ער זעט די מענטשן און הערט זיי רעדן.

ברענער האָט זאַכן פון גאָר אַ גרויסן קינסטלערישן ווערט. אויסער די שילדערונגען פון דער יידישער נויט, געפינט איר ביי אים אַזאַ פערל, ווי „מסביב לנקודה״, וואו עס אָטעמט מיט דער לופט פון בערג. עס איז די פראָבע צו געבן דעם גייסטיקן פרצוף פון אַ העלד פון דור און זיינע העכסטע און שענסטע באַגערן און באַקאַנטשאַפטן. זעלטן אַ זאַך דערשיטערט אַזוי און לאָזט איבער אַזאַ ווידערקלאַנג אין דער נשמה, ווי אָט די נאָוועלע. אָבער ברענער האָט נישט געהערט צו די, וואָס די קונסט באַפרידיקט זיי. אויף יעדן פאַל האָט ז י י ן קונסט נישט געדעקט זיין גייסטיקן אינהאַלט. ער האָט זיך נישט באַרואיקט ביי דעם פינטעלע, און זיין געוויסן איז נישט איינגעשלאָפן, פאַרוויגט פון לויב, צי איינרעדעניש, אַזוי ווי דאָס פּאַסירט אָפט אויף דער וועלט ביי די גייסטער, וואָס האָבן נישט קיין חוט-השדרה.

וויפיל יופיטערס טרעטן היינט אויף אין דער העברעיִשער ליטעראַטור מיט זשעסטן פון געטער, און מינעס און רייד פון קליינלעכע נאַרישע מענטשן!

ברענער האָט אַפילו מיט אַ קליינעם באַשיידענעם קראַנץ פון „איך בין אַ קינסטלער״ זיך נישט געוויזן. אים איז מער גיחא געווען צו בלייבן אין דער ראָלע פון אַ צעבראָכענעם, אַ זוכער, אַ יידישן אינטעליגענט.

איך האָב אים געזען פּאָר אַ יאָר 18 אין וואַרשע. צי איז ער נישט געווען פון האָמעל, אָדער פון יענע מקומות? עפּעס אַן אַלטע דערינערונג ליגט אין מיין קאָפּ: אַלע יידישע דענקענדיקע יונגעלייט פון יענעם קאַנט זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט אַ מיסטיציזם פון טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי. מיסטיציזם איז אפשר נישט דאָס ריכטיקע וואָרט. גנעסין, שאָפּמאַן און הלל צייטלין ביי זייער ערשטן אַרויסטרעטן האָבן אַלע אויף זיך געטראָגן דעם צייכן פון אַ שווער געמיט. זיי זענען אַלע געשטאַנען שטאַרק אונטער דער השפעה פון די רוסישע זוכערס, אין קעגנזאַץ צום מאַרקסיזם, וואָס האָט דעמאָלט געפונען אַ גרויסע פאַרשפרייטונג ביי יידן. איך האָב זיי אַלע קלאַסיפיצירט אין מיין זכרון אונטער דער אויפשריפט „האָמעל״. זיינע חברים,

וואָס ווייסן זיין ביאָגראַפיע און גייסטיקע אַנטוויקלונג, וועלן אפשר קלאָרער מאַכן דעם ענין.

ברענער האָט שוין דעמאָלט זיך אויסגעצייכנט, אַלס פערזענלעכקייט. אַ וועגעטאַריאַנער, אַ נזיר, אַן אָפּגעהיטענער, אַ האַלבער הייליקער, און דערביי אַזאַ האַרציק, קינדיש-לאַכנדיק, קיילעכדיק פּנים. און אַזאַ גרינגער, פּשוטער אין פּאַרקער און אין געשפּרעך איז ער געווען.

און ער איז געשטאָרבן אויפן פּאָסטן, ביי אַ פּאָגראָם אין יפו. דורך די 18 יאָר האָט ער זיך אַרומגעקריגט מיט דער גאַנצער וועלט און מיט זיין אייגן האַרץ. די קליינלעכקייט פון לעבן האָט אים געשטיקט. מען האָט געקאָנט באַמערקן, ווי ער זעט אַלע שוואַכקייטן, פּיל-פּיל מיאוסענישן אַרום זיך, און ער ראַנגלט זיך, כּדי אין זיי נישט דערטרונקען צו ווערן איבער די אויערן. אָבער קיין פאַרביטערונג, קיין גאַל און קיין ביטול האָט איר ביי אים נישט געפונען. איך גלויב, דאָס קיילעכדיקע גוטמוטיקע פּנים איז געבליבן גוטמוטיק ביז צום טראַגישן סוף...

נאָך ברענערס טויט.

(וועגן שרייבער און שרייבעריי).

צוליב מיין קליין אַרטיקל וועגן ברענערן האָב איך באַקומען פּראָטעסטן, שריפטלעכע און מינדלעכע: איך האָב אָנגערירט דעם כבוד פון דער העברעישער ליטעראַטור!

עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אין מיין אַרטיקל אַרויס-געלייענט, וואָס דאָרט איז נישט געשטאַנען. איך האָב געזאָגט, אַז די העברעישע (און אויך די יידישע) קריטיק האָט אַ נייגונג צו לייכטע זאַכן, אָן וואָג און שווערקייט, צו זאַכן און מענטשן, וועגן וועלכע עס לאָזט זיך פלוידערן. „ברענער איז פאַררוקט געוואָרן אין אַ זייט" א. אַ. וו. אָבער די פּראָטעסטאַנטן האָבן אַרויסגעלייענט מיינע מחשבות, און האָבן זיי אויסגעלייגט אויף זייערע טעלערלעך. די העברעיסטן זענען שרעקלעך עמפינד-לעכע מענטשן. פון אונטער די שורות אַרויס גראָבן זיי אויף זייער באַהאַלטענעם מיין, און צען אויגן קוקן אויף דיר: „ייד! לעסטערער!"

מיט מענטשן, וואָס פאַרטיידיקן אַ הייליקייט, איז נישט צו האָבן צו טון. זיי מעגן אַלץ, דו טאָרסט גאָרנישט. אין ארץ-ישראל וועט מען דיר ברעכן די ביינער, אויב דו וועסט עפנט-לעך רעדן יידיש. דאָס איז רעכט. אַ מיידל אין יפו קומט אַהיים פון שול, הערט טאַטע-מאַמע רעדן צווישן זיך יידיש, און באַמערקט מיט דעם ציטערדיקן קולכל: „אסור לדבר ז׳רגונית" (אויטענטיש!). דאָס איז אין אָרדענונג. אוסישקין, אַ ציוניסטישער פירער, פּריידיקט זיין לעבנלאַנג: „העברעיש אָדער רוסיש". דאָס מאַכט נישט אויס. אַן אָנהענגער פון יידיש רעדט דעלי-

קאַט, גיט אַ ווייט אָנצוהערעניש, אַז אין דער העברעישער ליטעראַטור ווערט אַ פּערזענלעכקייט נישט געאַכטעט, אַז דעם אויבן-אָן דאָרט פאַרנעמען „סופרים", נישט קיין מענטשן — ווערט אַ ויצעקו.

ער האָט אונז געשאָלטן, ער האָט געלעסטערט, געזאָגט, אַז מיר זענען „רעאַקציע", קעגן אַלע פרייע געדאַנקען! (איינער אַ לעזער אין אַ פּריוואַטן בריוו זידלט מיך, אַז איך האָב געזאָגט „אַלע העברעישע שרייבער זענען בטלנים"). איך פּרואוו זוכן אין מיין אַרטיקל די אַלע צאַצקעדיקע ווערטער, איך געפין זיי נישט. די באַשיצער פון אַ הייליקייט האָבן אַ גערייצטע פאַנטאַזיע.

זאָל איך מיך פאַרענטפערן, אַז איך האָב נישט געזאָגט און נישט געמיינט? — עס פאַלט מיר נישט איין דאָס צו טון. עס האַנדלט זיך אויך נישט פאַר מיר, צי דאָ און דאָרט איז געווען אַ קריטישע נאָטיץ וועגן ברענערן. איך שטעל פעסט: ברענער איז געווען פאַררוקט אָן אַ זייט, ער האָט אַפילו נישט פאַרנומען אַזויפיל פּלאַץ, ווי למשל, אַ ד"ר קלויזנער. שמענוביץ אָדער שטיינמאַן זענען געווען אַזוינע מיוחסים ווי ברענער. טראָץ דעם, וואָס פאַר מיר (און צו נאָר פאַר מיר?) איז ברענער אַ שטיק לעבעדיק געוויסן, אַ מענטש, וואָס האָט געצוואונגען מיט זיין מאָראַלישן כוח זיך צוצוהערן צו אים. וויפיל אַזוינע „מאָראַלישע כוחות" ווירקן אין דער ליטעראַטור (די יידישע אויך געמיינט) ? !

איך וויל נישט מאַכן קיין אָנשטעל, אַז איך האָב „גאָרנישט געמיינט". ניעכאַי האָט אין מיינע ווערטער געקלונגען אַ פאַרוואורף אַנטקעגן די „סופרים", וואָס זיצן אַזוי ווי די צדיקים מיט קרוינען אויף די קעפּ און „שאַפן פאַר דער אייביקייט". אָבער טאַקע אויף דעם פּונקט לוינט זיך אָפּצושטעלן: איך וויל דערגאַנצן דאָס נישט-דערזאָגטע.

איך האָב נישט ליב קיין שרייבערס. אָט האָט איר אַ ווידוי פון אַ שרייבער. אַלץ איינס, צי ער שרייבערעוועט אויף העברעיש, צי אויף יידיש, צי אויף דייטש. און איך האָב אויך נישט ליב קיין

שוסטערס, קיין שניידערס, קיין בעקערס (פון בורזשויען איז דאָך אָפּגערעדט!). הייסט דאָס, אַז איך בין אַ מיזאַנטראָפּ, אַ מענטשן־פיינט? זעט איר, פונקט פאַרקערט: איך האָב ליב מענטשן, ווייל פון אַלערליי חיות, בהמות און עופות איז דאָך סוף־כּל־סוף דער מענטש דאָס אינטערעסאַנטסטע און שענסטע באַשעפעניש. פאַר אַלטע פריילינס זענען קעץ און הינט אינטערעסאַנטער פאַר מענטשן. מען קאָן נישט זאָגן, אַז זיי האָבן דעם בעסטן געשמאַק.

ווען אַ שניידער פאַרזינקט אין זיין מלאכה און זיין גאַנץ לעבן ווערט שניידעריי, זיינע מחשבות שניידערישע און זיינע געפילן שניידערישע, דעמאָלט הערט ער אויף צו זיין מענטש און ווערט נאָר אַ טייל פון זיין מלאכה. ער קאָן אייך אויפנייען אַ פּאָר גוטע הויזן, אָבער חברן זיך מיט אים, אים ליב האָבן — קאָנט איר נישט.

דאָס זעלבע איז מיט די שרייבערס, ווען זיי ווערן פאַר־זונקען אין זייער פּראָפעסיע, און דער מענטש זעט זיך מער נישט אַרויס. דאָס זעלבע פּאַסירט מיט אַלע פאַכלייט.

שרייבעריי איז אַ פּראָפעסיע; אַ מענטש גיט זיך איר איבער אויף דעם גאַנצן לעבן, און פאַרדינט מיט איר זיין עקזיסטענץ. מען דאַרף אָבער פאָדערן פון שרייבער, אַז די דאָזיקע פּראָ־פעסיע זאָל דאָס מענטשלעכע אין אים, דאָס פרייע און אומ־אָפּהענגיקע, נישט פאַרדעקן. מען דאַרף פאָדערן פון אַ שרייבער, ער זאָל מיט מיר רעדן ווי אַ מענטש צו אַ מענטש, נישט פון אונטן־אַרויף (ווי דאָס האָט אַמאָל געטון דער בעל־מלאכה, ווען ער האָט גערעדט מיטן באַלעבאָס) און אויך נישט פון אויבן־אַראָפּ. מען דאַרף פאָדערן פון אים, ער זאָל דערציילן זיינע מענטשלעכע איבערלעבענישן, נישט זיינע שרייבערישע. ליידער, ווערט אַזויפיל געזינדיקט אויף דעם געביט, און פונ־דאַנען נעמט זיך די גאַנצע קליינקעפּלדיקייט און ענגהאַרציקייט, וואָס מען באַגעגנט אין דער ליטעראַרישער משפחה נישט ווייניקער, אויב נישט מער, ווי צווישן אַ שניידערישער, שוסטערישער, בעקערישער, צי אַנדערער פּראָפעסיאָנעלער געזעלשאַפט.

די העברעישע „סופרים" זינדיקן אין דעם פרט מער, ווי זייערע קאָלעגן אין אַנדערע ליטעראַטורן. אַ העברעישער שרייבער האָט אַ קליין פּובליקום, ער איז בטבע נוטה צו פאַראַכטן די ברייטע מאַסע, די גאַס. ווייל זי קען אים נישט, ווייל ער זי אויך נישט קענען. די גאַס, דער המון, דאָס איז פאַר אים דער סימבאָל פון דעם גראָבן, נישט-מענטשלעכן. פרעגט אים, וועט ער אייך זאָגן, אַז ער שרייבט פאַר דער „אינטעלי-גענץ", און דערמיט איז געמיינט מענטשן פון זיין גאַטונג און שניט; אָדער גאָר, ווען ער איז אַ פּאָעט, וועט ער אייך געבן די קלאָרע תשובה, אַז ער שאַפט פאַר דער אייביקייט, נישט אַזוי ווי די לאָבוזעס, די „זשאַרגאָניסטן", וואָס שרייבן פאַרן מאַרק. קורץ, דער העברעישער שרייבער איז מער פאַרזונקען איבער די אויערן אין זיין פאַך, ווי זיין קאָלעגע אין אַן אַנ-דערער ליטעראַטור.

זאָל מען זאָגן אויף דער מאַסע, אויף דעם המון, וואָס מען וויל. זאָל מען אויפווייזן, אַז שיינקייט, דערהויבנקייט און אמת איז צו געפינען נאָר ביי די יחידים, די אויסדערוויילטע, די איינציקע. איינס אָבער מוז מען מודה זיין, דער המון איז אַ סטיכישער כוח, אַ שטיק נאַטור, אַ ברייטער ים. דער אינ-טעליגענטערער המון אָבער איז אַ שטייענדיקער זומפּ. די דאָ-זיקע איינגעגלויבטע אין זיך, באַגרענעצטע און קליינקעפּלדיקע, וואָס זעען די גאַנצע וועלט דורך דער פּריזמע פון זייער שרייבעריי; די כלומרשטע פיינשמעקער, וואָס קאָנען אַזוי פיין קרימען מיט די נעז, און קיין שאַפערישער געדאַנק האָט זיך באַך קיינמאָל נישט גערירט אין זייערע געהירן — זיי שטייען (מינדסטנס אין עסטעטישן זין) פיל נידעריקער פאַר די מאַסן.

די מאַסן האָבן געזונטע אינסטינקטן, ווייל דאָרטן ווירקן באַך פּרימיטיווע כוחות פון דער נאַטור. דאָ אָבער איז אַלץ פאַר-קרומט, פאַרוויאַנעט, אומנאַטירלעך.

דער טיפּ „אינטעליגענט" פעלט אויך נישט אין דער יידי-שער, צי אין וועלכער-עס-איז אַנדערער אייראָפּעישער ליטעראַטור. אָבער דער צוזאַמענהאַנג מיט אַ ברייט פּובליקום האָט דאָרט

אַ געזונטע, קאָרעגירנדיקע ווירקונג. אַ יידישער שרייבער פילט זיך אויך זעלטענער פאַר אַ הייליקן, אויסגעוויילטן, אָפּגעזונדערטן, ווי זיין העברעישער קאָלעגע.

אָט וואָס איך האָב געמיינט מיט דעם וואָרט „סופרים".

און ברענערן האָב איך באַצייכנט אַלס אויסנאַם, אַלס איינעם פון די, וואָס איז נישט דערטרונקען געוואָרן אין שריי-בעריי, וואָס דאָס לעבעדיקע האַרץ פון אַ לעבעדיקן מענטש האָט ביי אים שטענדיק גערעדט.

די פראַגע וועגן העברעיש און יידיש לאָמיר לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל. ס'איז איצט נישט די צייט דערויף.

איבער די קעפּ פון יידישן עולם הענגט אַ געדיכטע אַטמאָספער. מיר זענען אַלע אַזוי ווי קראַנקע אין אַ געשטייגער-טער טעמפּעראַטור. די גרויסע צרות האָבן אונז צערייצט, די גרויסע האָפענונגען האָבן אונז פאַרשיכורט. ניכטערע, וואָכעדיקע ווערטער וועלן איצט נישט זיין אויפן פּלאַץ.

די מילן פון לעבן מאָלן. זיי מאָלן פּלעוועס און זיי מאָלן מעל.

אונזער אַלטן וויכוח העברעיש-יידיש וועלן מיר דערוויי-ל אָפּלייגן.

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי*

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי איז פיל מער ווי אַ שרייבער, ער איז אַ קולטור-היסטאָרישע פיגור, אַ „רינג" (אויב נישט די לעצטע) אין דער גאָלדענער קייט, וואָס ציט זיך פון די פאַר-צייטיקע נאָך אַלטע גאונים און גדולים, איבער קראָכמאַל און אחד-העם, ביז צו אים.

אויב ער האָט נישט באַוויזן צו באַשאַפן אַרום זיך אַזאַ אַטמאָספער, אַזאַ פּעריפעריע, ווי די לעצטע צוויי, רעכן איך, אַז דאָס שטאַמט פון זיינע מעלות, נישט פון זיינע חסרונות. ער איז געווען צו פילזייטיק אויף צו האָדעווען תלמידים. ער איז געווען אַ קינסטלער, פאַר וועמען דער קורצסטער וועג איז נישט די גראָדע ליניע; אַ קינסטלער, וואָס בלייבט ביי זיין גרעסטער פשטות נישט דורכזיכטיק (אַ ראיה: טאָלסטאָי). עפּעס בלייבט ביי זיי אַלע שטענדיק העגנען, נישט דערזאָגט, צי נישט דערטראַכט. תלמידים אָבער זוכן דעם קורצסטן וועג אין דער גראָדער ליניע, אין דורכזיכטיקייט.

בערדיטשעווסקיס טאַלענט אַלס קינסטלער האָט זיך ערשט אין דער לעצטער צייט אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער קראַפט. אַלס בעלעטריסט לעבט ער איבער אַ צווייטע יוגנט. אַ זאַך, וואָס טרעפט אַזוי זעלטן. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 56 יאָר, און ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט, זייענדיק שוין איבער 50, האָט ער אָנגעשריבן זיינע באַדייטנדסטע בעלעטריסטישע ווערק: „בסתר רעם" און „מרים" (ביידע אין די זאַמל-ביכער „התקופה"), וואו עס שפּרודלט נאָך מיט פרישער, צאַפּלדיקער יוגנטלעכער אינטואיציע. די מאָלערישע קראַפט איז נאָך שטאַרקער דאָ, ווי אין זיינע פריערדיקע קורצע נאָוועלן. ס'איז אַ זאַפטיקער זשאַנר,

פול מיט הומאָר און לעבעדיקייט. די געשעעענישן — אַזוי ווי ערשט נעכטן פּאַסירט, די מענטשן, הימל און ערד, פעלדער און וועלדער און וואַסערן — אַזוי ווי ערשט נעכטן געזען. עס איז אַ בלאָנקעניש אין פרישקייט אין די לעצטע שאַפונגען זיינע.

און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם סטיל, האָט ער אים דאָ דער-פירט צו אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט, וואָס איז ביי יעדן קינסטלער די צירונג און דער שטאָלץ פון די עלטערע יאָרן. נישטאָ קיין שפראַך, וואו אַזוי פיל סטילן זענען מעגלעך, ווי די העברעיִשע שפּראַך מיט אירע קולטור-אוצרות פון טויזנטער יאָרן. איר שעפט פון טויזנטער ברונעמס צוזאַמען: פון שיר השירים, איוב, ר׳ יהודה הנשיא, ביז צו די לעצטע חסידישע ספרים, און דערביי איז אויך מעגלעך די סטיללאָזיקייט, אַן ערב-רב פון פאַרשידענע וועלטן. בערדיטשעווסקיס סטיל, וואָס האָט אין זיינע ערשטע אַרבעטן געהאַט אַביסל דעם ביי-געשמאַק פון עפּעס נישט-פאַרטיקס (טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַזוי פערזענלעך, און אַזוי פאַרקניפּט מיטן אינהאַלט), ווערט אין די לעצטע זאַכן זיינע אינערלעך באַהאַפטן, ווי פון אַ פאָרם אויסגעגאָסן. עס איז אַ לעבעדיקע שפּראַך, אַ שטיק נאַטור, רירעוודיק און פליסיק, אַ באר מים חיים.

ער איז געווען אַ קינסטלער און האָט געוואָלט זיין פיל מער ווי אַ קינסטלער. און נישט נאָר געוואָלט האָט ער דאָס. ער איז עס געווען מיט אַ יאָר פופצן צוריק. אַ רעוואָלטירטער ישיבה-בחור, אַ זון פון רבנים, איז ער געקומען קיין אייראָפּע און געבראַכט האָט ער מיט זיך אַ גרויסע פרומקייט און צניעות, אַ ירושה פון זיינע אבות, די גרייטקייט צו פאַסטן תעניתים און עוסק צו זיין בתורה לשמה. מיט מסירת-נפש גיט ער זיך איבער דער אייראָפּעישער „תורה“, דער מאָדערנער קולטור און פילאָ-זאָפיע. ער ווערט פון אַלעם נתפעל און אַלץ איז פאַר אים הייליק. די וואָכעדיקייט פון לעבן רירט אים נישט אָן. ער לעבט אין אַ וועלט פון ביכער און אידעען. אויך דער לאָזונג „חיים“, דאָס געשריי צוריקצוקערן צו לעבן און צו נאַטור, צו געוונט און צו שיינקייט, איז און בלייבט ביי אים אַן אידעע, אַ שטיק

תורה. אָבער די תורה זיינע איז אַן אַנדערע, ווי די תורה פון זיינע עלטערן. ער וויל זיין אַן אחר, אַן איבערקערער, שאַפן אַנדערע ווערטן (שנוי ערכין). ער רופט צו „חיים" און פאַסט און הונגערט און לעבט אין אַ ווינקעלע מיט אַ מינימום באַגערן. ער פּראָטע-סטירט קעגן בוך („הספר והסייף") און פאַרהערלעכט די שווערד: דאָס בוך האָט אונז פאַרקרימט, אָפּגעטויט די פרישקייט פון לעבן, געמאַכט אונז אומנאַטירלעך, פאַרקריפּלט און צעבראָכן, מאַכטלאָז און אומעסטעטיש, בשעת די גויים, וואָס האָבן פאַר-היילִיקט די שווערד, זענען געגאַנגען מיט דער נאַטור, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אַ קלאָר אויג, און זייערע חושים זענען געווען געשאַרפט און זיי האָבן שיינקייט באַשאַפן אויף אַלע געביטן.

ס'איז אַ פלאַמיקער אויסברוך פון אַ רעוואָלוציאָנערן טעמ-פעראַמענט, אָבער — די רעוואָלוציע איז אַליין אַ שטיק בוך, ווייל בערדיטשעווסקי איז געווען צופיל באַהאָפטן מיט דער וועלט פון ביכער און מחשבות. עס זעט אויס אַזוי, און זיין גאַנצער שטייגער לעבן פון דער לעצטע צייט האָט עס באַוויזן, אַז בערדיטשעווסקי האָט זיינע באַציאונגען צום לעבן געהאַט כמעט אויסשליסלעך דורכן בוך, ד. ה. דורך דעם געשריבענעם וואָרט. ער האָט זייער ווייניק פאַרקערט מיט מענטשן, געלעבט אָפּגע-זונדערט, און ווען ער האָט זיך שוין יאָ מיט וועמען געטראָפן, האָט ער זעלטן געפירט אַ לעבעדיקן, וואָכעדיקן, צי פריינטלעכן שמועס. זיין פאַרקער מיט מענטשן איז געווען איינגעשטעלט בעיקר דורך ביכער און בריוו, וואָס ער האָט געשריבן גאַנץ אָפט. ער איז געווען דער טיפּישער „איש הספר" — קעמפנדיק קעגן בוך.

אין זיין אָפּגעזונדערטער וואוינונג אין פרידענוי האָט ער געהאַט אַ גרויס ביבליאָטעק-צימער און אַ שטענדער איז דאָרט געשטאַנען. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי ביי אַ גרויסן גאון, אַ צנא מלא ספרא. און דאָ האָט ער פאַרבראַכט זיינע טעג און יאָרן — אָט דער קעמפער קעגן בוך.

ער האָט רעוואָלטירט קעגן די „תלמידי חכמים", ער האָט

גענומען אונטער זיין שוץ די „בריונים", די פּראָסטע יונגען פון פאָלק, וואָס האָבן פּאַרטיידיקט ירושלים, בשעת ר' יוחנן האָט זיך שוין מיאש געווען. אַליין איז ער געווען דער טיפּישער תּלמיד-חכם.

ער האָט געקעמפט קעגן דער שטרענגקייט פון מוסר, פון די מתנגדים, אין נאָמען פון חסידישער פרייליכקייט און אינער-לעכקייט, — אַליין איז ער געווען שטענדיק פּאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך, דורכגעווייקט מיט דער דייטשער (פּרייסישער) קולטור פון דיסציפּלין און קאַלטן „ריר מיך נישט אָן".

אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס? זיינע געדאַנקען האָבן רעוואָלוציאָניזירט אַ גאַנצן דור. איך בין מסופק, צי ווער פון אונזערע קולטור-פירער און אינטעליגענטע קעפּ קאָנען זאָגן: אָט מיר זענען פריי פון בערדיטשעווסקין. אויך דער גרויסער פּ ר ץ איז געווען באַאיינפלוסט פון אים. פּ ר ץ האָט פריער געשריבן חסידישע זאַכן, אָבער ערשט בערדיטשעווסקי אַנטדעקט דעם פּונק פון חסידות און מאַכט, אַז פּרצן אַליין זאָל קלאָר ווערן זיין מהות. און די תּלמידים זיינע האָבן אויפגענומען די אידעען, און נישט איינער פון זיי האָט זיי געפּרואווט פּאַרווירקלעכן אין לעבן.

וואָס פאַר בערדיטשעווסקין איז געווען אַ נייע תּורה, איז פאַר זיי געווען אַ ניי לעבן.

אויף דער רעוואָלוציע קעגן די תּלמידי-חכמים שטיצט זיך דער גאַנצער קולטור-קאַמף ביי יידן נאָך ביז היינט. זיינע אידעען פון „הספר והסייף" לעבן און די מעשים פון יידישע רעוואָלוציאָנערן און יידישן לעגיאָן. אַליין אָבער איז דער טרעגער פון די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען געבליבן אין זיינע פיר איילן פון תּורה, ביי זיין שטענדער, אַרומגערינגלט פון טויזנטער ביכער פון הונדערטער דורות. דאָ לעבט ער און דאָ הויכט ער אויס זיין אָטעם.

און נאָך זיין לויה גייען נאָך דריי-פיר מנינים מענטשן — שרייבער, אָדער אַזוינע, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ליטעראַטור.

אָן איינזאַמער מענטש איז אַוועק פון דער וועלט, אָבער די ביכער־שאַנק פון יידישן פאָלק האָט צוגעקריגן נאָך עטלעכע בענדער. פאַר דער ביכער־שאַנק איז ער געשטאַנען זיין לעבן־לאַנג און צו איר קערט ער צוריק.

דאָ, צווישן די קולטור־העלדן פון אַזויפיל דורות, האָט ער זיין כשר־פאַרדינטן פּלאַץ.

בערשאַדסקי

(י. דאָמאַשעוויצקי)

אַ קליינע צייטונג-נאָטיץ האָב איך געלייענט: „היינט, צו דעם צווייטן יאָר-צייט פון בערשאַדסקי, וועט מען אויפשטעלן אַ מצבה אויף זיין קבר".

אַזאַ פּשוטע, קורצע, טרוקענע נאָטיץ, וואָס האָט אַזאַ ריס געגעבןביים האַרץ!

— שוין צוויי יאָר?!

מיר דאַכט: נעכטן ערשט איז עס געשען. ניין. נעכטן אויך נישט. ווייל בערשאַדסקי, בערשאַדסקי מיט זיין שטענדיקער איינזאַמקייט, מיט זיין שטענדיקן אומעט און זיין שטענדיק-שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים, — ער לעבט נאָך אַזוי קלאָר אין מיין זכרון! ממש עס גלויבט זיך נישט, אַז שוין צוויי יאָר, ווי דער דאָזיקער שמייכלדיקער אומעט איז אַוועקגעגאַנגען פון אונזער וועלט און איבערגעלאָזט נאָר אַ טויטן קערפּער, אויף אָנצוהויבן מיט אים אַ נייע שורה אויפן וואַרשעווער בית-עלמין.

שוין צוויי יאָר!

נישט לאַנג האָט געדויערט מיין באַקאַנטשאַפט מיט בערשאַדסקין; אינגאַנצן עטלעכע חדשים איז מיר אויסגעקומען צו לעבן מיט אים אין איין שטאָט; נאָר דאָס זענען געווען איינטערעסאַנטע, באַדייטנדיקע חדשים פון זיין לעבן, — די חדשים פאַר זיין טויט!

לאַנג איז ער געווען קראַנק, לאַנג איז ער געווען הייזעריק; די קראַנקהייט האָט לאַנג און אומאויפהערלעך גענאָגט זיין שטאַרקן קערפּער, און ער האָט געשמייכלט. עס איז געקומען דער טראַגישער מאָמענט, דער קריזיס: דער טויט איז געקומען

און האָט אים איינגערוימט אין אויער: „נו, גענוג שוין גע־שפּילט זיך מיט דיר! איצט וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט פליסיקער און אינטענסיווער", — בערשאַדסקי האָט אויפ־געהאָרכט און געשמייכלט. פון ווילנע האָט מען אים געשיקט קיין וואַרשע; צעבראָכן, שוואַך, אין 40 גראַד היץ, אין איילעניש, אין כאַפּעניש, האָט ער פאַרבערענט אַ גאַנצן פּאַק טאָג־ביכער, גאַנצע טויזנט זייטן, וואו ער, דער איינזאַמער מענטש, האָט יאָרן־לאַנג געשמועסט מיט זיין איינזאַמקייט — און ער האָט גע־שמייכלט דערביי. אין וואַגאָן, אין דער שטיקנדיקער לופט, אין פיבער און פאַרצוויפלטער אָנמאַכט, איז ער געלעגן, שווער געאָטעמט, געשטיקט זיך — און האָט געשמייכלט.

אָ! דער מענטש האָט געשמייכלט. דאָס האָט זיך זיין איינזאַמקייט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַלטן הומאָר און האָט זיך אויסגעגאָסן און אויסגעלייגט אין דעם שטענדיקן שמייכל אויף זיינע ליפּן.

אָט דער שמייכל האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט באַך מיט 5—6 יאָר צוריק, אַז מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַקאַנט גאַנץ פליכטיק און אויבערפלאַכלעך דאָ, אין וואַרשע.

— וואָס רעדט איר הייזעריק? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב עפּעס אין האַלז.

— לאַנג שוין?

— לאַנג.

— און צו אַ דאָקטאָר גייט איר אַריין.

— ניין...

און ער האָט געשמייכלט דערביי.

— הערט, בערשאַדסקי! — בין איך אַריינגעפאַלן אין זיין שמייכלדיקן טאָן — איך וועל אייך נישט זיין קיין חבר, ביז איר וועט אייער האַלז נישט אויסהיילן. איר, אַזאַ שיינער מאַנספערשוין, וועט דאָך דעמאָלט האָבן אַ טאָפּלטן דערפאָלג ביי פרויען... טוט דאָס, בערשאַדסקי, גייט אַריין צו אַ דאָקטאָר; פרויען וועלן אייך ליב האָבן, און איך — אויך.

און ער האָט בּיטיק געשמייכלט, קוקנדיק אויף מיר

מיט זיינע קאַלטע, קלוגע און שטענדיק-פאַרשנדיקע אויגן.

דאָס האָט געבליקט אויף מיר זיין איינזאַמקייט, און מיר האָט זיך געדאַכט צו לייענען אין דעם בליק:

דערפאָלג ביי פרויען, חבר-זיין — יאָ! דאָס איז אַמאָל, אַמאָל געווען, ווען — איך געדענק שוין נישט גענוי. נישט וויכטיק.

דערנאָך, אין עטלעכע יאָר אַרום, האָב איך זיך מיט אים נעענטער באַקאַנט אין ווילנע, האָב דורכגעלעזן זיינע ביכער. פאַראַן זייער געלונגענע פיגורן, שטאַרקע מאָמענטן, זייער פיל פאַרשטענדעניש פאַר איבערלעבונגען פון גייסט, אַ סך „פסיכאָ-לאָגיע", ווי מען רופט דאָס, מינימום פלוידעריי, קיין צייכן פון קאָקעטעריי; אַ שאַרף אויג און אַ פעסטע האַנט צום צייכענען, — זייער פיל מעלות.

חסרונות — אפשר נאָך מער. נאָר איך שרייב איצט נישט קיין קריטיק פון זיינע ווערק. לאָזן מיר דאָס.

נאָר אויף מיר האָט געווייעט אַ שטאַרקער, איינגעגעסענער אומעט פון די ביכער; אַן אַלטער, דורכגעליטענער און דורכגעלייטערטער אומעט.

אַ שטומער אומעט פון אַ פאַרווייטאָגטער נשמה.

און אַז איך בין נעענטער געוואָרן מיט בערשאַדסקין, און מיר האָבן אַמאָל גערעדט האַרציק — האָב איך ערשט פאַרשטאַנען דעם סוד פון דער שטומקייט:

דער אומעט איז נישט געווען שטום פון דער נאַטור, נאָר בערשאַדסקי האָט אים מיט זיינע אייגענע הענט אַרויפגעלייגט ווי אַ שלאָס אויפן מויל און פאַרזיגלט אוז פאַרחתמעט, און האָט דאָס שליסעלע באַהאַלטן ביי זיך אין וועסטל-קעשענע.

לאָגיק!

בערשאַדסקי האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו לאָגיק, צו — צוויי מאָל צוויי איז פיר.

די לאָגיק האָט אים זיין לעבן געקאָסט. צוליב איר האָט ער נישט געפרואווט היילן זיין קרענק.

— נישט דער טויט איז שרעקלעך, נאָר דאָס באַוואוסטזיין

פון שטאַרבן, און היילן זיך הייסט געבן נאַרונג דעם באַוואוסט-זיין. בעסער פאַרגעסן, „געזונט" זיך פילן אין באַוואוסטזיין. און אָפּשטאַרבן פלוצלינג, מיט עטלעכע יאָר פריער, איידער היילן זיך, „קראַנק" זיין און לעבן נאָך עטלעכע יאָר.

אַזוי האָט געזאָגט די לאָגיק, און אַזוי האָט ער געטענהט מיט מיר עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט, און האָט מיר דאָס צו פאַרשטיין געגעבן מיט אַ לערערישן פעדאַגאָגישן טאָן.

צוויי מאָל צוויי איז — פיר.

און די לאָגיק האָט שטום געמאַכט זיין געפיל, זיין טיפן אומעט, זיין אינעווייניקסטן ליריזם.

די לאָגיק — דאָס איז געווען בערשאַדסקיס אָפּגאָט און... זיין אומגליק.

ער איז געווען אַן אַנטוישטער מענטש. פון זיין גייסטי-קער וועלט, פון די יוגנטלעכע אידעאַלן און העכערע שטרע-בונגען איז איבערגעבליבן אַ ביטערער אומעט פון „ניקס צו מאַכען"; דאָס פערזענלעכע לעבן האָט אויך נישט געהאַט וואָס אויפצווייזן. אַמאָל אַ לעבע-יונג, כמעט אַ דאָן-זשואַן, אַ מעפּי-סטאָפעל ביי פרויען, און צום סוף — אַ טרויעריק, איינזאַם, קוים-קוים דערטרעגלעך לעבן.

און ער האָט זיך גענומען חברן מיט... דער לאָגיק.

אים איז געבליבן פיל געפיל, געבליבן אַ באַדייטנדיקע לעבנס-דערפאַרונג, געבליבן אַ שפּאַר ביסל בילדונג, אַן אַנטוויקלטער גייסט, אַ שיינע אינטעליגענץ, — נאָר איבער דעם אַלעם האָט גע-קיניגט און זעלבסטגעהערשט די געטין מיט די טרוקענע דינע ליפּן, וואָס ווייסט אַלדינג און באַגרייפט אייגנטלעך גאָרנישט.

און ער האָט געגלויבט אָן איר און געדינט צו איר פאַ-נאַטיש. אַן אמתער פאַנאַטיקער געווען אויף דעם געביט.

און דאָס איז געווען דאָס קינדישע און נאַיווע אין אים, און — אויב איר ווילט — דאָס ש י י נ ע.

שיין, ווי אַלץ, וואָס קינדיש און נאַיוו.

בערשאַדסקי איז געווען אַ באַדייטנדיקער יידישער שרייבער; נאָכמער, אַ באַדייטנדיקער יידישער אינטעליגענט, אַ יידישער איינזאַ-

מער מענטש, אַ פּראָדוקט פון אונזער טרוקענעם וויסטן באָדן, וואָס שטאַרקע און שיינע גייסטער ווערן דערשלאָגן, פאַרקרימט אינמיטן וואַקסן, אַזוי ווי פרוכט-בוימער אויף אַ זאַמדיקער ערד געפלאַנצט...

אַ יידישער אינטעליגענט איז ער געווען.

ש. פ. ראַבינאָוויטש

(שפ"ר)

איך האָב אים כמעט ווי נישט געקענט, כאָטש פיל מאָל אים געזען און פיל מאָל באַקומען דערלאַנגט פון אים די שפּיץ פינגער, אָנשטאָט די האַנט. ביי אַזאַ פאַל האָט ער שטענדיק אונזער איינעם אָנגעקוקט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן, ווי ער וואָלט די מאָדנע ניי־מאָדישע בריאה פון עפּעס אַ יונגעמאַן, וואָס האָט די העזה צו שרייבן און טאַקע צו דרוקן אויך, ערשט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געזען. קענטיק, ער האָט מיך נישט ליב געהאַט, און נישט נאָר מיך אַליין; דאָס גאַנצע ליטעראַרישע יונגוואַרג איז אים געווען דערווידער; אַן עוולה, אַ מיספאַרשטענדעניש, אַ משוגעת, אַן אומגעהויערע חוצפה און אפשר אויך אַ חלול־הקודש האָט אים יעדער נייער נאָמען אויסגעזען. צי האָט ער עמעצן פון די עלטערע שרייבער יאָ ליב געהאַט — איז אויך אַ ספק. אַן אַלטער משכיל איז ער געווען, און ביי אַ משכיל אין האַרץ האָט איר געקאָנט געפינען וואָס איר ווילט, אויסער ליבע און סימפּאַטיע צו מענטשן און צו זאַכן. דער יידישער משכיל איז אויסגעוואַקסן אויף דער סלאַווישער ערד, ער האָט באַקומען אַ הויך פון דעם רוסישן ניהיליזם, און דער גייסט פון היינריך היינע און לודוויג בערנע האָבן פאַרענדיקט די געשטאַלט און האָבן אונטערגעצויגן דעם לעצטן שטריך. אַ מאָדנע וועלט איז דאָס געווען, וואָס דעם משכילס אויג האָט געזען, און מאָדנע מענטשן האָבן זיך אויף איר געווידמעט, אַלץ באַשאַפן נאָר דערצו, אַז דעם משכילס נאָז זאָל זיך האָבן אויף וואָס צו קרימען (פאַרשטייט זיך, אַז די וועלט — מיינט מען די יידישע וועלט, און מענטשן מיינט מען יידן).

האָבן מיר דעם אַלטן שריפטשטעלער יאָ ליב געהאַט און

קאָנען מיר שרייבן וואַרעמע נעקראָלאָגן וועגן זיין טויט? — דאָס ווייס איך אויך נישט. נאָר איך גלויב דערין, אַז אין האַרץ פון יעדן מענטש ליגן באַהאַלטן פונקען פון דעם הימלישן פייער, וואָס פּראָמעטעוס האָט ביי די געטער צוגעגנבעט, און זיי וואַרטן אויף דער ריכטיקער שעה און אויף דעם ריכטיקן אָרט כדי אויפצופלאַקערן, און דער מענטש זאָל אויסוואַקסן אין דער ליכטיקייט, וואָס שטראַלט פון זיי.

און אַזאַ שעה, יאָרן גאַנצע אַזוינע, האָט דער פאַרשטאָרבענער שפ״ר געהאַט. דאָס זענען געווען די יאָרן פון „חבת ציון״, די יאָרן פון דריי בענדער „כנסת ישראל״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן.

ער איז דעמאָלט געווען דער ריכטיקער מענטש אויף דעם ריכטיקן אָרט.

און פיל מער ווי אַ געוויינלעכער מענטש, פיל מער ווי אַ מיטלמאָסיקייט. יעדנפאַלס, האָט זיך ביי מיר, פון מיין בחור־שאַפט־צייט, אָפגעשטעלט אַזאַ איינדרוק.

עס איז אַ פערזענלעכע איבערלעבונג, וואָס לוינט אפשר צו דערציילן.

איך געדענק די גרויסע וויסטקייט, וואָס איז מיך באַפאַלן, בשעת איך האָב פאַרלוירן די הייליקע אמונה פון מיינע עלטערן און פון אַלע מענטשן, וואָס צווישן זיי איז מיר באַשערט צו לעבן, ווי איך האָב געמיינט, אויף שטענדיק. ווער עס האָט געלייענט די נאָוועלן און דעם „לאן?״ פון דעם פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם פייערבערג, דער ווייסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ פעריאָד. ס׳איז די צייט פון אַ שווערן קריזיס, וואָס יעדער יונגער גייסט מוז אַמאָל דורכלעבן. וואו געפינט מען זיך אין דער וועלט אָן אַ גאָט, אָן די זיבן הימלען און דעם כסא־הכבוד און די מלאכים און שרפים און דער תורה? וואָס בלייבט איבער? און וואָס דאַרף מען טון? און וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס לעבן, אין וועלכן עס בלייבן איבער נישט מער ווי די פונקציעס אויף אויפצוהאַלטן דאָס לעבן? — אַ בריק איז דאָס לעבן, אַ לאַנגע בריק, און דאָס אויג כאַפּט נישט

איר אָנהויב און איר סוף. און די בריק האָט אַן אָנלען. איז זי צעבראָכן געוואָרן, בלייבסטו שטיין, און זעסט אונטער דיר אַ תהום; אַרום — אַ ווייטע פּינסטערניש. ווי אַזוי רירט מען זיך פון אָרט?

קומען מענטשן אין „האסיף", „הצפירה" א. אַז. וו. און מאַכן גראַמען און דערציילן אויסגעטראַכטע מעשיות, און דאָס ווילן זיי מיר געבן אויף דעם אָרט פון מיין פאַרלוירענער וועלט! דאָס? — און מיין וויסטקייט מיט וואָס זאָל אויסגעפילט ווערן? וואָס האָבן זיי מיר צו זאָגן און מיט וואָס ווילן זיי מיך טרייסטן? אַ יינגל האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידל, און זומער האָט די זון געשיינט, ווינטער איז דער הימל געווען פאַרוואָלקנט... פּוסטע מענטשן מיט פּוסטע מוחות מוזן דאָרטן זיצן אין וואַרשע, האָב איך מיר געטראַכט.

קיין זין פאַר פאָרם האָב איך דעמאָלט נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבן, און צווישן אונז גערעדט, איז אין דער דעמאָלטיקער העברעישער ליטעראַטור גאַנץ ווייניק שיינקייט געווען, וואָס האָט געקאָנט אַנטציקן.

און די זאַטע פּוסטקייט פון דעם משכּילישן האַרץ האָט זיך גאַנץ גוט געפילט.

אָט אין אַזאַ פּעריאָד זענען אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט די זאַמל-ביכער „כּנסת-ישראל". און פון זיי האָט גערעדט גאָר אַן אַנדערער גייסט; אַ ווילן האָט גערעדט און אַ הייסער באַגער. פון טאָוול צו טאָוול זענען די געדרוקטע בלעטער געווען דורכגעזאַפּט מיט איין אידעע, וואָס האָט געקאָנט באַגייסטערן — מיט דער אידעע פון „חבת-ציון", וואָס דער פאַרשטאָרבענער שרייבער איז געווען איינער פון אירע ערשטע און ערנסטע פּריידיקער.

ער איז דעמאָלט פיל מער געווען ווי אַ „משכּיל" און אַ „סופר עברי": אַ פאַנאַטיקער פון אַן אידעע איז ער געווען, אַ מענטש מיט אַ דראַנג נאָך מעשים, אַ מענטש מיט גלויבן אין דעם דערפאָלג פון די מעשים.

איך ווייס נישט, וואָסער איינדרוק די ביכער וואָלטן איצט

געמאַכט אויף מיר. אין יענער צייט זענען זיי פאַר מיר געווען פריש וואַסער אין אַ וויסטן מדבר. אַ היילונג און אַ טרייסט פאַר אַ צעבראָכענער נשמה.

און אָט ווילט זיך מיר צו דעם אָרעמען קראַנץ בלומען, וואָס ווערט געלייגט אויף דעם קבר פון דעם אָרעם-פאַרשטאָר־בענעם, פאַרלאָזטן און האַלב-פאַרגעסענעם שרייבער, צולייגן מיין קליינע און באַשיידענע „ניעזאַבודקאַ״: מיין דעמאָלטיקע בחורשע איבערלעבונג.

מיר איז זיין גרויסע היסטאָרישע אַרבעט, די איבערזעצונג פון גרעצס יידישע היסטאָריע אויף העברעיש, נישט געפעלן. אין נישט נאָר מיר אַליין. די היסטאָריע איז איבערגעזעצט אין דעם אַלט-משכּילישן סטיל, מיט דער אַלט-משכּילישער שפּראַך, און עס פעלט דאָרט דער עיקר — דער רואיק-פּליסנדיקער טאָן פון אַ געשיכטע-שרייבער. די היסטאָרישע פאַקטן באַקומט דער לעזער „צוגעפּראַוועט״ מיט אַ היפּש ביסל מאמריסטיק. אויף וויפיל גרעץ אַליין האָט געליטן פון דעם פעלער, איז נויטיק צו זאָגן זאָגאַר איצט, ביי דעם אָפענעם קבר, ווייל אויב נישט, וועלן מיר אינגיכן אַ בעסערע היסטאָריע נישט האָבן.

פון „חבת-ציון״ ביז היינט האָבן מיר פיל איבערגעלעבט. דער „חבת-ציון״ אַליין האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ציוניזם און, וואָרשיינלעך, וועט אויך דער ציוניזם, פריער צי שפּעטער, מוזן דורכמאַכן אַ גרינטלעכע עוואָלוציע. אַנדערע באַוועגונגען האָבן אויפגעבליט און האָבן געוועלקט אויף דער יידישער גאַס.

לאָמיר נישט זיין ווי יענע ענטן, וואָס האָבן נישט דערקענט זייער מוטער.

די ערשטע רעפאָרמאַטאָרישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז געווען דער „חבת-ציון״, און שפ״ר — איינער, וואָס איז געגאַנגען אין די ערשטע רייען.

שרה שפּיראָ האָט איין-איינציק שיין ליד אָנגעשריבן (אין דעם זעלבן „כנסת-ישראל״): „קיין טוי און קיין רעגן — מיינע טרערן זאָלן באַנעצן ציונס בערגער״. און וויפיל מאָל האָט זי מענטשלעכע הערצער ביז צום גרונט דערשיטערט מיט די ווערטער! שפ״ר

האָט אין זיין לעבן געהאַט אַ גאַנצע ריי שיינע און דערהויבענע יאָרן, ווען ער האָט געאַרבעט און געווירקט ווי אַ שאַפנדיקער גייסט. לאָמיר די יאָרן געדענקען און לאָמיר זיין נאָמען מיט די דאָזיקע יאָרן פאַרייביקן צו זיין לויב און רום.

ד"ר איזידאָר עליאַשעוו

(בעל־מחשבות)

(נעקראָלאָג).

איך קאָן מיך קוים דערמאָנען נאָך אַן אַנדער ביישפּיל, וואו דער מענטש און דער שרייבער זאָלן זיין אַזוי צוזאַמענגעבונדן, אַזוי איינס, ווי ביי עליאַשעוון. 25 יאָר האָב איך אים געקענט, געווען באַפריינדעט, גערעדט, געשמועסט און געשוויגן צוזאַמען ביי אויסגעלערטע שאָלן קאַפּע ביי אַ טישל. אין אַ קאַפּעהויז אין וואַרשע צי אין בערלין, און 25 יאָר האָב איך אים געלייענט, זיינע אַנאַליטישע קריטיקן און זיינע שטיפערישע פעליעטאָנען — און איך קאָן איינס פון צווייטן בשום אופן נישט אָפּשיידן. זיין פּראַזע, דער שוועך-מוטיקער בליק פון זיינע אויגן, דער ריטם פון זיין סטיל און די באַוועגונג פון זיין האַנט, די פיינקייט פון זיין ליטעראַרישן טאָן און די פאָרנעמקייט פון זיין גאַנצער לעבעדיקער פּערזאָן, — אַלץ איז ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן.

צי איז דאָס אַ מעלה, צי איז דאָס אַ חסרון? — נישט איינס דערגאַנצט דאָס אַנדערע, נישט איינער דערהויבט זיך איבער דעם אַנדערן, ס'איז אַפילו נישט קיין מעדאַל מיט צוויי זייטן. איין איינציקע זייט נאָר, איין-איינציק פּנים — דער קריטיקער בעל-מחשבות. אַזוי לעבט ער, אַזוי שרייבט ער, אַזוי קרענקט ער און אַזוי שטאַרבט ער.

אַ שרייבער פון קאָפּ ביז צו די פיס. אַ שרייבער בייטאָג און ביינאַכט און ווען איר זעט אים.

* *

*

פאַר 25 יאָר קומט ער אָן קיין וואַרשע. דאָס ליטעראַרישע קרייזל אַרום פּרצן האָט פאַרנומען דעמאָלט מיט אָפענע אויערן דאָס עכאָ פון דער צייט, וואָס איז געקומען פון יענער זייט גרענעץ. די געטער זענען געשטאָרבן. אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס וואַקלט זיך די וועלט שיכּור פון אַ מין גייסטיקן אָפּיום. פּשיבישעווסקי, סטרינדבערג און אַנגעס, די מאַדאָנאַ פון בערלינער קאַפע-הויז, האָבן געריסן לעבעדיקע שטיקער פון מענטשלעכן האַרץ און געוויסן און געוואָרפן עס מיט עקל פון זיך, און די וועלט איז פאַר זיי געווען אַ מחנה בייזע הינט, וואָס האָבן זיך זאַט געפרעסן און געטרונקען מיט דעם טריפנ-דיקן בלוט. די נאָך-ניטשע-עפּאָכע איז דאָס געווען. לאַכן, חוזק-מאַכן פון דער וועלט, אַזוי ווי היינע האָט געטון — דאָס האָט דעמאָלט אויסגעזען צו זיין צו-פלאַך; שרייען, בייזערן זיך, דונערן — נאַריש, סענטימענטאַל; וואָס-זשע דען? שווייגן? מעטער-לינק האָט טאַקע זייער פיל געהאַלטן פון שווייגן, און — ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך (און אַ שיין בוך!) וועגן שווייגן.

דעמאָלט איז אָנגעקומען דער יונגער דאָקטאָר פון בערלין מיט מאָדנע שוואַרצע, שווער-מוטיקע און האָרכנדיקע אויגן, מיט אַזוינע שלעפעריקע, אָבער ריטמישע באַוועגונגען, מיט אַזאַ רואיקן אַביסל מרה-שחורהדיקן באַנעמען, און ער איז געקומען פון דאָרט, און אַלע האָבן געפילט, אַז ער איז „דאָס דאָזיקע" דורכגעגאַנגען. דער יונגער דאָקטאָר, וואָס האָט לאַנגע יאָרן שטודירט מעדיצין, ביז ער האָט געענדיקט, האָט זיך אַזוי ווייניק געקימערט וועגן דאָקטאָריע, אַזוי ווייט געווען פון קאַריעריזם, און דערביי איז ער געווען אַזוי פּשוט, אַזוי אָן פּרעטענציעס, אַזוי גע-רעדט יידיש, אַזוי וואַרעם זיך אינטערעסירט מיט יעדער נייער באָוועלע פון אַ נאָוועליסט, מיט יעדן לידל פון אַ דיכטער, אַז ער איז איינגיכן ביי אַלע איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרץ. אַ שטיקל ספינקס,

אַ רעטעניש, אַ פרעמדער איז ער דאָך געבליבן. דאָס רעטעניש איז געלעגן אין זיין גלייכמאָסיקייט, אין זיין חשק אַריינצוטראַכטן זיך, צו פאַרשטיין און דערגרינטעוועז אָן אונטערשיד פון גרויס און קליין, פון וויכטיק און נישט-וויכטיק. צי דען טאַקע?! נאָך ניטשע, נאָך פשיבישעווסקי, נאָך דעם, ווי אַלע געטער זענען געשטאָרבן, לוינט צו רעדן פון אַשס נאָוועלע, פון רייזינס לידל?! — האָב איך זיך אַליין שטילערהייט געפרעגט.

דער קאַלטער טאָן זיינער האָט אימפּאָנירט. ער האָט מיט זיך געטראָגן דעם ווילדן ריח פון יענע אויסלענדישע גייסטיקע געוויקסן. און די פאָרנעמקייט פון זיין גאַנצן וועזן האָט געצויגן צו זיך נישט צו דערציען.

אין די ליטעראַטורן פון די אומות-העולם האָבן די פונדאַמענטן אַוועקגעלייגט, געוויינלעך, מענטשן פון אַדל, פון דער אַריסטאָקראַטיע. עס הויבט זיך אָן מיט דער פאָרנעמקייט. די יידישע ליטעראַטור (און אויך די העברעישע) איז באַלד פון אָנהויב אָן מער פּלעבעיש און וואולגאַר אין טאָן. צי דען האָבן יידן נישט קיין בלוט-אַריסטאָקראַטיע? צי פליסט נישט אין די אָדערן פון קיינעם ביי אונז בלוי בלוט? — איך רעכן, אַז יאָ. מיר פאַרמאָגן אַן אַריסטאָקראַטיע, כאָטש זי איז קיינמאָל נישט געווען אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערן קלאַס.

עליאַשעוו איז אַ פאָרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע. זיין טאָן בלייבט איידל און פאָרנעם (אַפילו ווען ער וויל בפירוש זיין גראָב און שאַרף), ער איז צוריקגעהאַלטן, ער ציט און דערציט נישט.

און ער שטייט אַליין, ער האָט נישט דאָס נחת צו זיין מיטגעריסן, און ער האָט דעם ביטערן טעם פון אַנטוישונג.

ער איז אַ רעזיגנירטער, און אין די יאָרן פון זיין בליען, דעמאָלט, ווען ער איז יונג, פאַרהעלטנישמאָסיק רייך, טאַלענטירט, געשאַנעוועט, הענגט איבער אים אַ שווער מזל. ער האָט מאָדנע שווערע אויגן, און נאָך אַ לאַנגען געשפּרעך מיט אים, גייסטו אַוועק און עס פעלט דיר עפּעס, עפּעס איז אָפּגעריסן. פאַרדאָס — וואָסער פאַרגעניגן, וואָסער אמתער געניוס איז עס צו זיצן מיט

אים אַ שעה און צו שווייגן! רעדן קאָן מען מיט טויזנט, שווייגן צוזאַמען — נאָר מיט אויסדערוויילטע, מיט זעלטענע און מיט אינערלעך-האַרמאָנישע מענטשן.

* *
*

און אַט גייען דורך צענדליקער יאָרן. ער האָט געלעבט און געליטן, אַ סך געליטן. פּערזענלעך האָט ער אַ לעבן מיט קאַטאַסטראָפעס, ער קריגט דעם ערשטן אָנפאַל (פאַר 12 יאָר) פון דער קראַנקהייט, וואָס האָט אים איצט בייגעקומען; ער פאַלט אַריין צווישן די רעדער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ליידט פיזישע און גייסטיקע נויט. די ניי-געקרוינטע ליטעראַרישע „גאונים", וואָס וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, פּראַלערישע, נישטיקע, קליינלעכע, שרייערישע, פּראָלעטקולטישע, „אָנערקענען" אים נישט אין רוסלאַנד. ער קומט צוריק און ראַטעוועט זיך פון „מבול" (אונטער דעם טיטל שרייבט ער אַ ריי פעליעטאָנען וועגן דער רוסישער איבערקערעניש), און ווידער פאַרוואונדערט ער אייך מיט דער גלייכמאָסיקייט פון זיין טאָן. ער איז נישט פאַרביטערט, טראָגט קיין כעס נישט אויף קיינעם, ער פאַרשטייט, ער אָריענטירט זיך, ווען דער „מבול" שטורעמט איבער אים.

און אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן קוקט ער דעם טויט אין די אויגן אַריין. ער ווייסט, אַז דער סוף זיינער איז נאָענט. ער ליידט (און קיינער ווייסט דאָס נישט, אויסער עטלעכע מענטשן) פון אַ שווערער דערדריקנדיקער מעלאַנכאָליע, ער קאָן נישט בלייבן אַליין אינדערהיים. אָבער ווען איר זיצט מיט אים און פלוידערט וועגן אַלערליי זאַכן, ווייזט ער אייך קיין שפּור נישט פון זיין קלעמעניש. פונקט אַזוי ווי פאַר 25 יאָר זענען זיינע אויגן שוער-מוטיק, זיין טאָן קאַלט און צוציערייש (נישט צו דערציען), און די האַרמאָנישקייט פון זיין וועזן ווערט נישט געשטערט (ווי לאַנג די נערוון האַלטן אויס).

ער פאָרט קיין איטאַליע, דער טויט פאָרט מיט אים מיט, און דערפילנדיק, אַז די לעצטע שעה איז געקומען, קערט ער זיך איילֿיק אום צוריק אַהיים, אין זיין געבורט-שטאָט קאָוונע, ער פאָרט אַהין שטאַרבן, און זיין טאָן בלייבט אַלץ רואיק, גלייכ-מאָסיק, ריטמיש, און דאָס שווערע מזל — אַזוי ווי פאַר 25 יאָר — הענגט אַלץ איבער אים.

*   *

*

איך שרייב איצט נישט קיין ליטעראַרישע אָפּשאַצונג פון בעל-מחשבותן. אָבער מיר איז שווער נישט אויסצודריקן מיין באַוואונדערונג, וואָס אין די אַלע אַרטיקלען, וואָס איך לייען וועגן אים, ווערט נישט דערמאָנט די אייגנאַרטיקייט פון זיין סטיל, זיין ווייכער מעלאַנכאָלישער ריטם, דאָס יידישע לשון, וואָס קריגט אַ מאָדנע קרענקלעך בלאַסן חן אין זיין שרייבן.

איז דאָך סטיל דער מענטש!

און דעם שליסל צו דעם סטיל האָט זיך מיר געוואָלט שילדערן אין די דאָזיקע איילֿיק-געשריבענע ווערטער.

דוד פרישמאן

(צו זיין 50־יאָריקן יוביליום).

דוד פרישמאַן האָט זייער אַ שאַרף אויג אויפצוכאַפּן די לעכערלעכע זייטן פון מענטשן און ביכער. אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, וואָס כאַפּט לעכער אָנשטאָט אויגן, קלעצער אָנשטאָט הענט, משונהדיקע קאַריקאַטורן אָנשטאָט פּנימער, פאַרמאָגט ער, און ער אַרבעט מיט אים מייסטערהאַפט. אָט איז אַ לעבן־לאַנג דער אַפּאַראַט געווען אָנגעשטעלט קעגן אונזערע (ביידע) ליטעראַטורן און אונזערע ליטעראַטן. אַלט און יונג, נייע און אַלטע, האָבן מיר זיך דאָרטן געזען, ווי אין אַ קרומען שפּיגל: מאָדנע חוזק־פיגורן...

אָבער דוד פרישמאַן האָט נישט געטריבן קיין קאַטאָוועס. אונטער דעם אַפּאַראַט איז געשטאַנען דער מענטש — אַ קעמפער, אַ טראַגיקער שטרייטער. ווער האָט דאָס געזאָגט, אַז ער איז אַ וויצלינג, וואָס האָט בטבע ליב צו לאַכן, ווייל לאַכן איז געזונט, אַזוי ווי שלום־עליכם זאָגט? — דוד פרישמאַן איז ערנסט. צו ערנסט. מיט גיפט און גאַל האָט ער צוגעטייט מיט די פינגער אויף די חוזק־פיגורן, ער האָט געטופּעט מיט די פיס און טיילמאָל געקריצט מיט די ציין: איר אַזוינע און אַזוינע! חמתי עליכם! מיין כעס וועל איך אויסגיסן אויף אייערע קעפּ...

נו, איצט וועלן מיר פּרוּוון אים צו מאַכן אַ יובילעום.

מיר וועלן זאָגן: איר האָט פון אונז קאַריקאַטורן געמאָלט, אַך, ווי גרויסאַרטיק! איר האָט געשלאָגן, געביסן, אַך, ווי מייסטערהאַפט! אַ יישר־כוח...

מיר וועלן איינבויגן די קעפּ, און ווי די אויסגעוואַקסענע

קינדער, וואָס זענען ענדלעך פּאַרגינפּטיק געוואָרן, ווען מיר זאָגן: עס איז צונויף געקומען, אַ שיינעם דאַנק אייך, דוד פרישמאַן, פאַר אייערע דערציערישע קלעפּ.

עס וואָלט אויסגעקומען זייער סענטימענטאַל און זייער זיס.

נאָר דוד פרישמאַן איז אַן עסטעט. דער נאַרישסטער טאָג אין לעבן פון אַ מענטש איז געוויס דער טאָג, ווען מען מאַכט אים אַ יובילעום. און דאָך בין איך זיכער, אַז אַפילו אין דעם טאָג וועט ביי פרישמאַנען בלייבן נאָך געגוג פון זיין גוטן געשמאַק, און זיין ניכטערער קאָפּ וועט נישט וועלן פאַר־שיכּורט ווערן פון לאַקרעצנע רייד און זיסע דרשות, אָן האַרץ און אָן ערלעכקייט.

מיר וועלן דעריבער פאַרשפּאָרן די פאַלשקייט.

לאָמיר זאָגן אָפן: די געטין מיט די פאַרבונדענע אויגן וועלן מיר נישט רופן אויף אונזער ליטעראַרישער שמחה. דוד פרישמאַן איז נישט שטענדיק געווען גערעכט.

איבעריקנס, לעבט דער עסטעט גאָר אין אַן אַנדער פאָטערלאַנד, ווי די גערעכטיקייט. ערלעך־אָדער פאַלש־זיין איז נישט דאָס אייגענע, וואָס גערעכט־אָדער נישט־גערעכט־זיין. דער עסטעט ליבט די ערלעכקייט, ווייל זי האָט ליכטיקע אויגן, ווייל זי איז שיין און זאַפטיק און שאַפנדיק אין לעבן; ער האָט פיינט די פאַלשקייט, ווייל זי קאָן נישט פריי זיך באַוועגן, נאָר היפן און קריכן, אָדער בלאָזן זיך אָדער קלעטערן אויף די גלייכע ווענט. זי איז — מיאוס. מאָראַליסטן און געזעץ־געבער היטן די וואָג־שאָל פון גערעכטיקייט.

פרישמאַן האָט אַמאָל געקאָנט זיין נישט גערעכט, קיינמאָל נישט פאַלש.

מיר וועלן דעריבער אויסקומען אָן דער שטרענגער געטין, און מיר וועלן זיך פונדעסטוועגן נישט לאָזן שטערן אונזער שמחה.

אַזאַ אמת־פאַרדינטער יובילעום איז אַ זעלטנהייט. פון דעם גאַנצן דור שרייבער, צו וועלכן דוד פרישמאַן געהערט, איז ער אפשר דער איינציקער, וואָס האָט עס זייער ערנסט

געמיינט מיט דער ליטעראַטור, וואָס איז געווען ליטעראַט אינ־גאַנצן — ביז צום לעצטן אונטערגעדאַנק אין זיין קאָפּ, — וואָס האָט געלעבט און געקעמפט פאַר דער ליטעראַטור.

הערט ווי דוד פרישמאַן רעדט וועגן ליטעראַטור. איר, נידעריקע, קליינלעכע, פאַרדאַרבענע מענטשלעך מיט אייערע גראָשנדיקע אינטערעסן, מיט אייערע לעכערלעך־אויפגעבלאָזענע געפילן — איר, בלינדע! אַ ליכט איז פאַראַן אויף דער וועלט, און איר ווייסט נישט פון אים. אַ גרויסע גאָטהייט, און איר האָט קיינמאָל פון איר געגאָד נישט פאַרזוכט — ליטעראַטור, קונסט! דוד פרישמאַן, דער סאַטיריקער, ווערט פּאַטעטיש, ווען ער רעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן עכטער ליטעראַטור.

דאָס איז ביי אים נישט קיין פראַזע, ער איז אַ פרומער מענטש בעצם, דער דאָזיקער גלענצנדער שרייבער, וואָס נאַראָנים האָבן אים פאַרשריגן פאַר אַ לץ; ער איז אַ מענטש, וואָס האָט אַ גאָט אין האַרץ.

ער איז עס געווען אין זיין יוגנט צווישן דעם דור פון משכילים, ראַציאָנאַליסטן מיט אַ פאַרדאַרבענעם ציניזם, אַ פאַר־שלעפּטן פון דער ישיבה. מען האָט געשריבן לשון־הקודש, און זעלטן האָט איינער ערנסט גענומען די זאַך. מען האָט איינער דעם אַנדערן געחנפעט, אַ ייד אַ שטיקל עושר האָט געהאַט אַ גרייטן פּאַטענט אויף דעם כבוד פון סופר און משורר עברי, שרייבנדיק אַפילו די גרעסטע נאַרישקייט. די נאַראָנים האָבן געגלויבט, די קלוגע האָבן געלאַכט אין די פויסטן און געטראַכט: אַ דאגה... ציניזם האָט געקלעקט.

ערשט דוד פרישמאַן האָט געמאַכט דאָס גרויסע געוואַלט.

דער געקרוינטער „משורר" האָט קיין טאַלענט נישט, — איז נישט. דער אַלטער משכיל האָט זיך דאָס ווייניק גענומען צום האַרץ. אַ סברא, אַז דאָס האַרץ איז געווען פּוסט דורך־און־דורך, ביי דוד פרישמאַן האָט אַלץ פּראָטעסטירט דאַקעגן, אים האָט עס אויפגעבראַכט, זיין גאַנצע יוגנטלעכע פערזענלעכקייט האָט אויפגעקאָכט: אַ חזיר האָבן זיי געשאָכטן אויף זיין מזבח! די טאַלענטלאָזיקייט האָבן זיי אַריינגעפירט אין זיין בית־המקדש!

דוד פרישמאַן איז געווען דער פּ ר ו מ ס ט ע ר אין זיין דור, דער ערנסטער צווישן אַ כּת לצנים און פּוסטעפּאַסניקעס.

ער איז געווען און איז געבליבן ביז היינט — אַ כּהן, אויף דעם לשון פון אחד-העם, אַ קעמפער פאַר ליטעראַטור.

קיין שום פּראָבלעם פון יידישן לעבן האָט אים אַזוי טיף נישט באַרירט, ווי די פראַגע פון אַ ליטעראַטור — איר ווילט בויען אַ פאָלק, זייט וויסן, אָן קיין ליטעראַטור איז קיין פאָלק קיין פאָלק נישט; איר ווילט אויפלעבן די אַלטע העברעישע שפּראַך, זייט וויסן, אָן ליטעראַטור איז קיין שפּראַך קיין שפּראַך נישט.

סקעפּטיקער האָבן זיי אים גערופן די, וואָס דאַרפן אַ „פּרינציפּ" צו פאַרדעקן זייער גייסטיקע נאַקעטקייט! ביי דוד פרישמאַנען הייסט אַזאַ „פּרינציפּ" — מאַסקע, פאַלשקייט, און די פּרינציפּיעלע זענען זיינע טויט-פיינט. און דאָך איז ער אַליין געווען דער פּרינציפּיעלער, דער אויסגעהאַלטענער, דער ערנסטער אין דער גאַנצער צייט פון זיין רייכער, גלענצנדער, טאַלענ-טירטער ליטעראַרישער טעטיקייט. ער האָט געהאַט איין-איינציקע ליידנשאַפט: ליטעראַטור; ער האָט געהאַט איין-איינציקע אָפּ-שאַצונג פאַר אַלערליי זאַכן: טאַלענט און טאַלענטלאָזיקייט. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס לעבן האָט פאַר אים אינטערעס נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דער גוטער געשמאַק באַרעכטיקט עס. און נישט קיין מאַסקע איז עס ביי אים געווען. עס איז געווען (עס קאָן זיין, ער האָט עס אַליין נישט געוואוסט) דער אינהאַלט פון זיין לעבן.

דאָס מאַכט אויס זיין פּערזענלעכקייט און זיין סטיל — דער גרויסער טיפער רעספּעקט פאַר דעם הייליקטום פון דורות און פעלקער — די ליטעראַטור. ווען איך לייען דעם אומפאַר-גלייכלעכן, פיינעם, געטאָקטן און אַזוי איינפאַכן העברעישן סטיל פון פרישמאַנען, באַקום איך אַליין מער רעספּעקט צו דער מלאכה פון שרייבעריי און שרייבער. האָבן טינט און פעדער און פּאַפּיר און אַ פּאַר געדאַנקעלעך אין קאָפּ — דערמיט קאָנסט דו נאָך אַלץ נישט שרייבן, דו בלייבסט נאָך אַלץ אַ טינטלער. שרייבן הייסט — דערהויבן זיין, פיין זיין. פרישמאַן באַגייט זיך מיט

דער ליטעראַטור, ווי אַ פאַרליבטער. און אַלץ איינס, וואָס ער שרייבט, צי אַ פראַכטפולע נאָוועלע, צי אַ קריטיק, צי אַ פלוי־דעריי, — ער איז אומעטום פאַרליבט אין דער ליטעראַטור, ווי צום ערשטן טאָג. ער איז געבליבן געטריי זיין יוגנט־ליבע.

ער האָט פאַר דער ליטעראַטור געאַרבעט אַ לעבן־לאַנג, פיל נחת האָט זי אים (מסתמא) נישט געגעבן, און דאָך איז עס געבליבן זיין איינציקע ליידנשאַפט.

אַזאַ ליידנשאַפט און אַזאַ ליבע איז פרוכטבאַר. מיר האָבן איר פיל צו פאַרדאַנקען.

מיר ווען האָבן אַן אמתן און אַן אמת־פאַרדינטן ליטעראַרישן יום־טוב.

אחד-העם

(אשר גינצבורג)

אחד-העם — דער מענטש פון סטיל.

אַ קליין מענטשעלע, מיט אַ קליין בערדעלע, מיט גראָע אויגן און מיט אַ הויכן לומדישן שטערן, — אַ טיפּ פון אַ דיין. איך זאָג: אַ דיין, נישט קיין רב און נישט קיין רבי, ווייל זייער ווירקונג איז אַן אויסערלעכע, אַ סוגעסטיווע, מען ווערט פאַר זיי בטל, זיי אַפּעלירן מער צו דער פאַנטאַזיע פון עולם, ווי צו זיין קריטישן חוש.

ביים דיין אָבער איז דער עיקר דאָס לערנען, דער דיין מוז קאָנען גוט לערנען, כּדי ער זאָל קאָנען זיין שטעטל ביישטיין. דער דיין איז אַן אויסגעהאַלטענער מענטש. דעם דיין גלויבט מען נישט אויפן וואָרט, און אַז ער וועט געבן אַ דריי מיטן שטריימל און אַ וואָרף מיט די פּאות, איז אַלץ גאָרנישט. דער דיין מוז באַווייזן, שוואַרץ אויף ווייס, און גאָט זאָל אים באַהיטן פון געשטרויכלט צו ווערן, צו מאַכן אַ טעות. ער מוז זיין אַ פאָרזיכטיקער מענטש און אַן אָפּגעהיטענער — דער דיין.

ער איז אָנגעקומען אין אונזער ליטעראַטור אַריין גראָד, ווען די ווערטן האָבן זיך ביי אונז אומגעדרייט (שנוי ערכין). פּרץ אין דער ליטעראַטור, מיט אימפּעט. מיטן הייסן וואָרט, מיט בלענדנדיקע פייער-ווערק. וואָס איז אמת? דאָס, אין וואָס מענטשן גלויבן, וואָס ס׳קאָן פירן די מענטשן. וואָס איז שיינקייט? — וואָס ס׳קאָן מענטשן באַגייסטערן, פאַרפירן, מאַכן זיי די וועלט פאַר אַ שבת.

און אין דער פּאָליטיק — הערצל. אַ צעשפּילטע פּאָליטישע פאַנטאַזיע, אַ שפּרינגען און קלעטערן איבער אוממעגלעכקייטן, חלומות פון אַ פאָלק, וואָס מען דאַרף איבעראַרבעטן אויף פּאָליטישער ענערגיע און טעטיקייט.

ס'איז אַ דור, וואָס איז אַרויס פון די האַלאָבאַליעס. וואָס איז מעגלעך און וואָס איז אוממעגלעך אין דער פּאָליטיק? וואָס מען וויל — איז מעגלעך. „אויב איר ווילט, איז עסווירקלעכקייט".

די געשיכטע איז געגליכן צו אַ מענטש, וואָס ליגט אין שלאָף און דרייט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. די אָפּגעלעגענע זייט רוט אָפּ. נאָך אַ דור פון טרוקענע משכּילים, וואָס האָבן געהאַט אַ גראָדע ליניע, אויסגעמאָסטן פון זייער שפּיץ נאָז, קומט אַ דור, וואָס וויל, דאַכט זיך, נישט וויסן פון גראָדקייט, אויסגערעכנטקייט.

צי איז נישט בעסער אַזוי צו טראָגן זיך מיט אימפּעט אין חלל, וואו קיין שטערונגען זענען נישטאָ. און מען פליט זיך פריי און פראַנק, מען איז אומבאַגרענעצט, מען איז נישט קליינלעך. צו אַלדע שוואַרצע יאָר! ווער דאַרף זיי דען, די וואָכעדיקע טעג, און די גאַנצע וואָכעדיקייט??!

אַזוי קאָן טראַכטן און פילן דער רבּי, דער רב. וואָס אָבער זאָגט דער דיין מיט זיין שווער געמיט? ער שרייט: לייכט-זיניקייט, פאַרדאָרבנקייט, יינגלישקייט. וואו איז דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט? וואָס וועט זיין מאָרגן, יאָ — מ א ָ ר ג ן?

ער קאָן אינערלעך נישט סובל זיין די צעשפּילטע פאַנ-טאַזיע. זי איז פאַר אים — צעלאָזנקייט. פּורק-עולניקעס, הפקר-מענטשן זעט ער.

* *

*

דאָס איז די שטימונג פון אחד-העם. און דאָס טיילט אים אויס פון אַלע און אַלץ, וואָס אַרום.

און דאָס לייגט אַרויף זיין חתימה אויף זיין סטיל. אַנ-שטאָט פאַנטאַזיע — דיסציפּלין; אַנשטאָט טעמפּעראַמענט — אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַנשטאָט ברויזעניש און קאָכעניש — באַדאַכטקייט.

און אײַן איז עס זיין ס ט י ל, וואָס פאַרשאַפט אים אַזוי

פיל אָנהענגער, נישט זיינע אידעען. די וואָגיקייט פון זיינע ווערטער ווירקן, נישט זייער אינהאַלט.

די „בני משה", די אָנהענגער פון זיינע אידעען, זענען געווען געציילטע מענטשן, אַלע מיט אַ טרוקענעם משכּילישן טעמפּעראַמענט פּלוס „חבת-ציון". אָבער די צאָל פון אחד-העמס פאַרערער איז געווען און איז זייער גרויס. און דער גרעסטער טייל פון די פאַרערער זענען זיינע קעגנער.

* *

*

אחד-העמס כּוח איז געווען אין דער באַגרענעצקייט. נישט די באַרימטע ציג פון פּתח-תּקוה, נאָר דאָס אָפּוואַרפן פון דעם טשאַרטער-געדאַנק האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט.

זיינע סאָציאָלאָגישע אידעען זענען פּרימיטיווע. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן וועג, דאַכט זיך, ביי ספּענסערן, און ווייטער נישט געמאַכט קיין שריט. אַלץ איבעריקע האָט ער נישט גורס געווען, דער דיין, ער האָט די אַנדערע „סוגיות" נישט געלערנט. זיי האָבן זיך נישט איינגעפּאַסט אין זיין באַגרענעצטקייט.

דער רעאַליסט מכּלומרשט, דער מענטש פון פּראַקטישקייט (פאַר אַזעלכן האָט ער געוואָלט גילטן און האָט געגאָלטן) איז בעצם געווען אַ מעטאַפיזיקער און אַ פאַנטאַסט. די אידעע פון אַ „מרכּז רוחני", אַ קולטור-צענטער, וואָס זאָל זיך געפינען אין אַ מיטל-פּונקט אין ארץ-ישראל, און זאָל שפּייזן די פּעריפעריע (דעם גלות), איז פון סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אַן אומזין. ווייל נאָר אין קאָפּ פון דיאַלעקטיקער זענען גשמיות און רוחניות אָפּגעטיילטע זאַכן. אַ מענטש פון פּראַקטישקייט, פון אַ מיגדסטן חוש פאַרן לעבן, וועט מאָמענטאַל אַרויספילן, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ טויטע סכעמע. דאָרט, וואו דער בוים האָט וואָרצלען, דאָרט האָט ער די צווייגן, און דאָס בלייבט און די פּרוכטן. איבעריקנס לערנט עס אַפילו די יידישע געשיכטע, אַז דער „מרכּז רוחני" האָט זיך איבערגעצויגן און נאָכגעוואַנדערט נאָך

דעם „מרכז גשמי". וואו יידן זענען געוואָרן שטאַרק אין צאָל און אין עקאָנאָמישער קראַפט (פומבדיתא, שפּאַניע), אַהין האָט זיך איבערגעפּלאַנצט אויך דאָס „יהדות". פאַרשטייט זיך, אַז צום ערשטן איז געגאַנגען דאָס „גשמיות", און דאָס „רוחניות" האָט, כאָטש פּאַמעלעך, נישט ווילנדיק, קעמפנדיק פאַר די אַלטע פּאָזיציעס, דאָך זיך „געלאָזט איבעררעדן" און זיך דערנענטערט אָרטלעך צום גשמיות.

נאָך מער פּאַרמעטאַפיזיקט איז אחד-העם אין זיין פאַר-שטיין דעם באַגריף „קולטור". דאָס איז כּלל נישט קיין זאַך פאַר מענטשן און פאַרן מענטשלעכן געברויך, נאָר אַ זאַך, וואָס עקזיסטירט פאַר זיך. א י ב ע ר די מענטשן. יעדעס פאָלק האָט אַ „רוח האומה" און דער אויסדרוק פון דעם „רוח האומה" איז די „קולטורה". און אָט איז עס — דער גאַנצער זין פון אונזער וועלט, פון לעבן.

דער וואָגיקער סטיל פון אחד-העם, זיין זעלבסט-דיסציפּלין האָט דאָס געמאַכט דעם וואונדער, וואָס די דאָזיקע פּרימיטיווע, און אַזוי נישט-אייראָפּעישע, אַזוי נישט-מאָדערנע אידעען, האָבן געקלונגען שיער נישט „וויסנשאַפטלעך", מאָדערן, סאָציאָלאָגיש.

די ערנסטקייט פון דיין, זיין בליק ווי פון אונטער גרויסע שוואַרצע ברילן, זיין ברוסט-שטום, האָבן געמאַכט דעם שטאַרקן איינדרוק, ווייל ער איז געקומען און האָט גערעדט צו אַ דור, וואָס האָט זיך צו-פיל דערלויבט, וואָס האָט זיך צערעדט און צעזונגען און צעשפּילט, גלייך ווי די וועלט און דאָס יידישע שווערע לעבן זאָלן זיין אַ קינדער-שפּיל, אַן ענין פון ספּאָרט, פון שפּרינגעניש און קונצנמאַכעריי.

* *
*

דער סוד פון באַגרענעצטקייט איז נאָך נישט גענוג אויסגעפאָרשט געוואָרן. קונסט-קריטיקער האָבן שוין אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז די שטאַרקייט פון אַ טאַלענט ליגט אין זיין באַגרענעצטקייט. אָבער די באַגרענעצטקייט איז אויך פיל מאָל פּרוכטבאַר און שאַפעריש אין לעבן.

ווי אַזוי האָט מען געקאָנט צוקומען צו אונזער צעשפּליטערטן, צעבראָכענעם לעבן מיט די מאָדערנע פּאָליטיש-סאָציאָלאָגישע באַגריפן, און זיי אָנווענדן אין זייער גאַנצער ברייט און גרויס? עס איז אוממעגלעך געווען אָנצומעסטן צום יידישן לעבן (ווען מען וויל עס דערהאַלטן אַלס אַ גאַנצעס, ווען מען איז נאַציאָנאַל) די אייראָפּעאישע מאָסן, און אונז זאָל נאָך בלייבן די פרייהייט פון באַוועגונג, עפּעס אונטערצונעמען, עפּעס צו טון. דער מאַרקסיזם האָט אונז פאַרורטיילט צום אונטערגאַנג. די אַנטראָפּאָלאָגיע האָט דערוויזן, אַז קיין פיזישע יידישע ראַסע איז נישט בנמצא. די, וואָס האָבן געוואָלט זיין ביי אונז מאָדערן, האָבן זייער יידישקייט געמוזט אַרומשניידן פון אַלע זייטן (ווי דער „בונד" אין די פריערדיקע יאָרן), אָדער צוזאַמענשטעלן פּלפּול-טעאָריעס, וואָס האָבן זיך נישט געלייגט אויפן קאָפּ (פּועלי-ציון).

אחד-העם איז געבליבן יידיש צוליב זיין באַגרענעצטקייט; ער איז געבליבן גאַנץ און געטריי זיך אַליין, ווייל ער האָט פאַרמאַכט די אויגן נישט צו זען די אַרומיקע וועלט.

ער האָט זי נישט געזען, נישט ווייל ער איז געווען בלינד, נאָר ווייל ער האָט זי נישט ג ע ו ו אָ ל ט זען. ווייל אַן אינערלעכער חוש, אַן אינטואיציע, האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז נאָר אין דער באַגרענעצטקייט קאָן ער זיך אויסלעבן און ווערן שאַפעריש.

אחד-העם.

(צו דעם 25-יאָריקן יובילעום פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט).

איך בין זיכער דערין, אַז נאָך אַלעם האָבן מענטשן פאָרט ליב דעם אמת. דאָס הייסט: לעבן לעבן זיי אַממייַנסטן מיטן שקר, און דאָך הענגט זייער האַרץ אָן אמת. צווישן די מענטשן און דעם אמת האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מין באַציִאונג, ווי ביי אַן אומגליקלעכער ליבע, וואָס האָט נישט געקאָנט צושטאַנדקומען. דער שידוך האָט נישט געקאָנט אויסגעפירט ווערן. די אומשטענדן האָבן נישט דערלויבט, מען איז זיך צעגאַנגען, און געבליבן איז אַ בענקשאַפט אויפן גאַנצן לעבן.

דער שקר איז גיכער צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן. עס לעבט זיך מיט אים לייכטער, ער איז זאָגאַר באַקוועמער, אָנגענעמער. אָבער צי האָבן מיר אים ליב — דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדערע פראַגע.

אחד-העם האָט, ווי באַקאַנט, געשמט מיט זיין אמת-זאָגן. אַנדערע האָט עס אַפילו פאַרדראָסן. אַנדערע האָבן געפונען, אַז דאָס איז זייער אַ שלעכטער טאָן צו באַטאָנען און אונטערצושטרייכן: איך זאָג אמת. וואָס איז דער חידוש? אַוודאי דאַרף מען זאָגן דעם אמת. מען האָט געפונען אַ באַהאַלטענע כוונה דערין: שמע-מינה, אַז מיר, די אַנדערע, זאָגן נישט דעם אמת.

איך רעכן דאָך, אַז אחד-העם האָט נישט צופעליק אַזוי פיל זיך אָפּגעגעבן מיט אמת. די וואָרהייט, בעסער געזאָגט, די וואָרהאַפטיקייט, דאָס איז זיין טאַלענט, זיין סטיל, זיין גאַנצע קראַפט, מיט איר איז ער, ווי שמשון הגבור מיט די האָר-

נעמט פון אחד-העמען אַוועק די וואָרהאַפטיקייט, און איך בין מסופק, צי עס וועט פיל בלייבן.

איך האַלט פון אים נישט פיל אַלס סאָציאָלאָג. ביי ספּענסערן ענדיקט זיך זיין פילאָזאָפיע. זיין „וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג" פון „גייסטיקן ציוניזם" קומט פאַר פיל מענטשן אויס זייער נאַיוו. אַז הערצל און נאָרדוי האָבן זיך געלאָזט איבערזעצן עטלעכע פון זיינע אויפזאַצן, כּדי זיך צו באַקענען ענדלעך מיט דעם כּוח פון זייער פאַרביסענעם קעגנער, האָבן זיי געקוועטשט מיט די פּלייצעס. זיי האָבן זיך מיט אים פּשוט אָפּגערעכנט ווי מיט אַן אומרייפן מענטש.

אחד-העם האָט פון דער מאָדערנער אידעען-וועלט גענומען פונקט אַזוי פיל, וויפיל עס האָט זיך געלאָזט צופּאַסן צו דעם פּראָגראַם פון די „בני-משה", וואָס ער האָט אָרגאַניזירט. די רעשט האָט ער איינפאַך געלאָזט אָן שום אויפמערקזאַמקייט

אַן ערנסטער מאָדערנער קאָפּ, ווען ער דענקט וועגן זאַכן, וואָס טוען זיך אָפּ, אָדער דאַרפן אָפּגעטון צו ווערן, אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, קאָן בשום אופן נישט אַריבערהיפּן דעם עקאָנאָמישן באַזיס פון דער געזעלשאַפט, מען דאַרף דערצו נישט זיין דווקא אַן אויסגעהאַלטענער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליסט. עס איז גענוג דערצו אַ ביסל ניכטער צו זיין און האָבן אַן אָפן אויג פאַרן לעבן. אחד-העמען אָבער האָבן עקאָנאָמישע פראַגן קיינמאָל נישט אינטערעסירט, זיי פאַרנעמען קיין שום באַדייטנדיקן פּלאַץ נישט אין זיין געדאַנקען-וועלט.

ער איז אַ ייד, אַ פיין-געבילדעטער. און ווייסט מסתּמא, וועלכן פּלאַץ די פראַגן פון עקאָנאָמישן לעבן פאַרנעמען ביי יעדן אייראָפּעישן דענקער, וואָס האָט געטראַכט און געשריבן וועגן וועלט און מענטשן, אָבער ער האָט זיי דאָך אויסגעמיטן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געלאָזט צופּאַסן צו זיין שיטה וועגן אויפבויען אַ גייסטיקן צענטר אין ארץ-ישראל. וואָס עס שטייט נישט אין קאָראַן, האָט קיין ווערט נישט.

דאָס זעלבע ווערט איר דערשטוינט צו געפינען ביי דעם אויסגעהאַלטענעם מענטש אַ גרויסן שוואַרצן פלעק אויף דעם אָרט

פון זעקסטן עסטעטישן חוש. פראַגן פון קונסט און שיינקייט אינטערעסירן אים איינפאַך נישט, דעם עקאָנאָמישן מאָמענט האָט ער קונציק אויסגעמיטן, דעם עסטעטישן האָט ער אין אַ פּאָר צופעליקע ווערטער אונטער דער האַנט מבטל געווען מיט אַ גלייכווערטל וועגן יפת און שם, די צוויי קינדער פון נח, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם מבול אין דער תּיבה; פון יענעם סאָרט גלייכווערטלעך, וואָס ווערן אָנגענומען ביי אונז אַלס „פילאָזאָפיע פון דער היסטאָריע", און וואָס אויף זייער גרונט ווערן געשריבן גלות־לאַנגע, טיפזיניקע מאמרים און חקירות, און חקירות איבער חקירות.

און דאָך, מיט די אַלע פעלערן, האָט אחד־העם געהאַט די גרעסטע השפּעה אויף זיין דור, אויף אונז אַלע. און דער נאָמען זיינער און דער צויבער פון זיין וואָרט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג נישט נאָר ביי זיינע אָנהענגער, נאָר אויך ביי זיינע קעגנער. ביי פריינט, פיינט, און די, וואָס זענען געשטאַנען אינמיטן. מען האָט זיך מיט אים אויסגעטענהט, מען האָט זיך געבונטעוועט קעגן אים, און מען איז צו אים צוריקגעקומען. געווען אַ צייט, ווען מען האָט זיך פון אים נישט געקאָנט באַפרייען, מען האָט נישט געקאָנט רעדן וועגן אַ יידישן ענין אָן זיך אָנצושלאָגן אָן אחד־העמען. מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, אַ ייד מיט געדאַנקען, האָט זיך אַ לעבן־לאַנג אַרומגעטראָגן און אַרומגעשלאָגן מיט די שאָטנס פון זיין אייגענעם איך, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער שלאָגט זיך מיט אחד־העמען.

דער כּוח פון אחד־העמען איז נישט געלעגן אין דער אָריגינאַליטעט פון זיינע געדאַנקען, נאָר אין דער ערנסטקייט פון זיין טאָן, אין דער וואָרהאַפטיקייט. די זעלבע געדאַנקען, ווען מיר וואָלטן נישט געפילט, אַז אונטער זיי שטייט די וואָרע פּערזענלעכקייט, וואָלטן אונז נישט גענויטיקט אַזוי פיל זיי צו באַקעמפן. אחד־העם איז געווען ערלעך אין זיין שרייבן אין אַזאַ מאָס, אַז זיינע אַרטיקלען האָבן אויפגעהערט צו זיין ליטעראַטור. זיין סטיל האָט אַ באַזונדערן צויבער, דעם חן, וואָס שטאַמט פון נישט וועלן זיך אויספּוצן און אויספיינערן, דעם חן פון דער עכטקייט. דער לעזער האָט געפילט, אַז ער האָט

צו טאָן נישט סתם מיט אַ גוטן מאמר, וואָס יעדער גוטער ליטע־ראַט קאָן אָנשרייבן. דאָס איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש, עפּעס מער. ווּאָס — האָט דער לעזער נישט געוואוסט, אַפילו נישט דער קריטיש־דענקענדיקער, און ער האָט דאָס אָנגערופן וויסנשאַפט אָדער פילאָזאָפיע.

געווען איז עס — דער אמת פון דער פערזענלעכקייט.

אחד־העם איז קיינמאָל נישט געווען קיין ליטעראַט, קיין סופר בישראל. איך מיין, נישט מחמת עניוות, ווייל ער האָט צו ווייניק געהאַלטן פון זיך, איז ער אַרויסגעטרעטן אונטער דעם פסעוודאָנים אחד־העם (איינער פון פאָלק); פאַרקערט: ווייל ער האָט פיל געהאַלטן פון זיך, ווייל ער האָט זיך אַליין גענומען זייער ערנסט, און דאָס גאַנצע מין שרייבעריי און די גאַנצע קאַטעגאָריע פון שרייבער האָבן אים נישט געמוזט שטאַרק אימפּאָנירן. ער האָט נישט געוואָלט, מען זאָל אים האַלטן, אַלס איינעם פון דער קאַטעגאָריע מענטשן. ער האָט געהאַט עפּעס ערנסטעס צו זאָגן, וואָס אים האָט אינטערעסירט, און וואָס דאַרף אַנדערע צו אינטערעסירן.

דער בעסטער שרייבער, וואָס איר וועט אים בשום אופן נישט איבערקויפן מיט די געוויינלעכע זאַכן, מיט וועלכע מענטשן לאָזן זיך איבערקויפן, איז נאָך אַלעם אַ שרייבער. אַ שרייבער לויט זיין פּראָפעסיע. דאָס איז זיין קונסט און אין איר, מיט איר לעבט ער. וואָס די געמיינהייט קאָן נישט טון, קאָן אָבער די ליבע צו דער אייגענער קונסט טון. אַ שרייבער, דער אמתער באַגאַבטער שרייבער, וויל אַלערערשטנס אָנשרייבן אַ געלונגענע שיינע זאַך. די וואָרהאַפטיקייט איז וויכטיק, אָבער זי איז נישט דער עיקר, זי איז נישט אַלץ. ביי אחד־העמען איז זי אַלץ.

זיינע געדאַנקען באַקומען די סעריעזיטעט פון „וויסנשאַפט" — צוליב איר; זיין סטיל באַקומט דעם רייץ — צוליב איר.

אָט דאָס האָבן מיר אַלע געפילט ביי אחד־העמען, און דאָס האָט אַזוי מאַגיש געווירקט. שרייבער זענען אין פיל פּרטים ענלעך צו די ווייבער. אַ סאָלידער טאָן, אַן ערנסטע אַרויסטרעטונג, אַ מענלעכע באַציאונג צו זאַכן — אימפּאָנירט זיי.

די גרויסע טיפע אַכטונג, וואָס מיר האָבן געהאַט, און האָבן נאָך, צו אחד העמען, איז די בענקשאַפט צו דעם אמת, צו דער וואָרהאַפטיקייט. עס איז נישט זייער באַקוועם געווען מיט אחד-העמען, ער איז נישט געווען אָנגענעם. מען קאָן זאָגן: זייער און זייער נישט קיין אָנגענעמער איז ער געווען, אַ ייד מיט אַ בייז אויג, זעט אומעטום נאָר, אַז וואָס אַנדערע טוען טויג נישט, האָט הונדערט טויזנט פּראָיעקטן, און ווען, חלילה, איינער רירט זיך צו צו פאַרווירקלעכן איין פּראָיעקט, שרייט ער, אַז מען פאַרדאַרבט אַלץ — אַזוי האָבן אייגענע געטענהט.

אַנדערע, קעגנער, האָבן אים נישט געקאָנט פאַרגעסן, וואָס ער איז מבטל דאָס גאַנצע ביסל יידן אין גלות און מאַכט זיי פאַר אַ מין פוס-בענקעלע פאַר דעם צדיק דעם מאַן אין גן-עדן, פאַר די יחידי-סגולה, וואָס וועלן אויפבויען דעם מרכז אין ארץ-ישראל.

ער איז אַ ייד אַ מתנגד, דורך און דורך אַ מתנגד, כאַטש, ווי מען זאָגט, שטאַמט ער פון חסידים. אין יידישן לעבן האָט זיך מיט אַ יאָר 10—15 צוריק עפּעס אַ ריר געגעבן, עפּעס איז וואַך געוואָרן; נישט נאָר אין פּעטערבורג האָט מען געזאָגט „ווסנאַ אידיאָט" („פרילינג גייט"). מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז אין שווערן קאַמף פאַרן לעבן, האָבן מיר פאַרלוירן דעם הומאָר פון לעבן, דעם רייץ פון לעבן און די שיינקייט פון לעבן, מיר זענען טרוקן און דאַר געוואָרן. מיר האָבן געהאַט אַן אמתע בענקשאַפט נאָך עפּעס האַרציקס, פרייליכס. דער קולט פון חסידות שטייט אויף אין יענע צייטן, און י. ל. פּרץ שרייבט זיינע ערשטע חסידישע מעשיות, וואָס רופן אַרויס אַזוי פיל האָפענונג און אַזוי פיל אַנטציקונג.

אחד-העם אָבער האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע בייזע בּרעמען. ער האָט זיך פון אַלע די שטימונגען נישט געלאָזט אויף אַ האָר באַאיינפלוסן. ער איז געבליבן ביי זיין אַלטן טאָן, און ווען ער האָט עפּעס אָנגעשריבן, האָט עס אויסגעזען, ווי ער קומט ביי אונז צו מאָנען אַ חוב. אויך דאָס איז

געווען דער כוח פון זיין פערזענלעכקייט, דער כוח פון זיין וואָרהאַפטיקייט.

אחד-העם איז אַ שרייבער און מער ווי אַ שרייבער.

ווען מיר קומען גישט אויף זיין יובילעום מיט חברשאַפט, קומען מיר מיט רעספעקט און אָנערקענונג פאַר דער גאַנצקייט פון זיין נאַטור, פאַר דער וואָרהאַפטיקייט פון זיין פערזענלעכקייט.

ווידער „גייסט"

די באַפרייאונגס-באַוועגונג איז אַדורך און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ צערודערונג, און מיר שטייען פאַר אַן אַנדערער באַוועגונג, וואָס איז פונקט דער היפך פון יענער: עס קומט פאַר אַ כסדרדיקע ליקווידאַציע פון די נייע אָרדענונגען, און אַנשטאָט זיי קומט די רעסטאַווראַציע פונם אַלטן.

אין דער וועלט פון מעשים טוען דאָס די קראַפט-און מאַכט-באַזיצער; און אין דער וועלט פון מחשבות ווערט דער דאָזיקער פּראָצעס געמאַכט דורך אַלטע באַקאַנטע, וואָס קומען אָן צו פריידיקן זייער פאַרעלטערטע טעאָריע, וואָס מיר האָבן זי שוין געהאַלטן פאַר מאַכטלאָז און אָן שום ווירקונג.

און אין אַ מזלדיקער שעה! אָט איז ער געקומען, אונזער אַלטער באַקאַנטער — דער ג ײ ס ט, און מאָנט זיין טייל אין דער אַלגעמיינער רעסטאַוראַציע, גיט אים צוריק זיין אַלטע פּאָזיציע!

און איר קענט דאָך אים פון גאָר, גאָר לאַנג:

דאָס יידישע פאָלק איז אַ פאָלק פון ג ײ ס ט, עס לעבט מ י ט ן ג ײ ס ט, קראַפט און מאַכט פאַראַכטעט עס און די שווערד האַסט עס, און דער תכלית פון זיין דערהאַלטן זיך איז נישט דאָס דערהאַלטן זיך גופא, נאָר ז י י ן ג ײ ס ט, די באַרימטע „יידישע מאָראַל"! איצט האַלט עס זיך ד ו ר כ ן ג ײ ס ט, און דערוואַרט די הילף און די דערלייזונג אויך פ ו נ ם ג ײ ס ט.

און פון דעם איז געדרונגען, אַז מיר דאַרפן אונטערהאַלטן אונזער „גייסטיקייט" און קוקן מיט שפּאָט-בליקן אויפן „מאַטעריאַליזם"; אַז קעמפן דאַרפן מיר מיט מיטלען פון גייסט, כדי מיר זאָלן ווערט זיין די ממשלה פון גייסט — דעם גייסט פון

אמתן •דנטום, לויט ד״ר קלויזנער און זיין לערער און רבי, אחד העם.

און מיין פעלער בין איך מודה. כ׳האָב מיר גיכער געקאָנט פאָרשטעלן, מתים זאָלן אויפשטיין פון זייערע קברים, אָראָפּוואַרפן פון זיך די תכריכים און אָנטון זיך אַ שוואַרצן פראַק און צילינדער, ווי פאָרצושטעלן זיך, אַז אָט דאָס נעפל-באַשעפעניש, אונזער „גייסט״, וואָס איז אין די טעג פון דער דערוואַכונג און טאַט אויסגעוועפּט געוואָרן; אַז אָט דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש זאָל קומען מאָנען זיין חלק אין דער רעסטאַוראַציע פון אַלטע באַגריפן; אַז דאָס זאָל אויך קומען און זאָגן: כ׳בין דאָ!

אין „יענע טעג״ איז קיין קאַמף קעגן אָט דעם באַשעפעניש גאָרנישט נויטיק געווען. עס איז בטל געוואָרן פון זיך זעלבסט, ווי אַ חלום, ווען מען וועקט זיך איבער, ווי אַ דמיון ביים אָנ-צינדן אַ ליכט אין אַ פינסטערן צימער. קאָנט איר זיך גאָר פאָר-שטעלן אָט דאָס באַשעפעניש אַרומגיין אין לאַנד פון לעבן: דאָרט, וואו פאַראַן איז אַביסל פרייהייט, און מענטשלעכע שטרע-בונגען ווערן צוגעהערט, באַשטימט און קעמפן זיך אויס אַן אָרט אין דער ווירקלעכקייט-וועלט; דאָרט, וואו עס קומט פאָר אַ קאַמף פון פאַרטייען, אַ קאַמף פון פעלקער, און אַ שטרעבן צו מאַכט? — אַזוינס איז גאָרנישט געמאָלט.

מעגלעך איז עס אָבער איצט, ביי אונז, אין דער בית-הקברות-שטילקייט, וואָס הערשט.

און נאָכדעם ווי אחד-העם האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן און נישט געלאָזט פון זיך הערן, און נאָכדעם ווי ה׳ גאָרעליק האָט פון אים אָפן געפאָדערט, וואו ביסטו, מורנו ורבנו אחד-העם? לאָז מיך הערן דיין וואָרט, און וויז מיר אָן דעם וועג, וואָרום מיר בלאָנדזשען, נישט פאַר דיר געדאַכט, — איז אחד-העם אַרויס אויף זיין שטייגער, מיט אַ בריוו, און אַרויס ווי אַ העלד, אָנצופירן מיטן קאַמף פון... זיין „גייסט״.

איך גיי נישט אַריין אין זיינע אַלטע חשבונות מיט די ציוניסטן, און כ׳ווייס נישט, צי דאַרף ארץ-ישראל צו האָבן קאַפּיטאַלן אָדער „גייסט״: מיט דעם האָט זיך שיין פאַרנומען

ד״ר פּאַסמאַניק אינם ציוניסטישן בלאַט אויף רוסיש און שוין אויפגעוויזן, מיט רעכט, די אומלאָגישקייט פון אחד-העמען. צו דעראָבערן ארץ-ישראל דורכן „גייסט״, אָן אַן אחיזה אין דער ערד, אָן אַן עקאָנאָמישן באַזיס, נישט זייענדיק דאָרט די באַלעבאַטים אין דער ווירקלעכקייט און נישט בלויז אין גייסט — מען דאַרף האָבן אַביסל עקשנות, כּדי צו געבן נאָך אַמאָל אַזאַ משונהדיקע עצה. אָבער, ווי געזאָגט, נישט וועגן דעם רעד איך, ארץ-ישראל איז ווייט פון דאַנען, און איך בין נישט באַרופן דערפון צו רעדן, און צווייטנס, איז דאָס אַן „אינערלעכער משפחה-ענין״. איך בין נישט קיין גייסטיקער ציוניסט און נישט קיין פּאָליטישער, און ציון האָב איך ליב אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, נישט איינזעענדיק אין איר קיין לייזונג פון דער יידן-פראַגע. נעמט נישט פאַר אומגוט אַזאַ אָפנהאַרציקייט.

מיך אינטערעסירט נישט אחד-העם דער געזעלשאַפטלעכער ציוניסטישער טוער מיט זיינע עצות בנוגע דעם אַרבעטס-אופן אין ארץ-ישראל, נאָר אחד-העם דער שרייבער, וועמענס השפּעה אויף אונזער געזעלשאַפטלעכן געדאַנק איז געווען — דאָס מוז מען מודה זיין — גרויס און שטאַרק נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק.

און אחד-העם זיצט זיך איצט אין לאָנדאָן, אין דער הויפּטשטאָט פון יענעם פאָלק, וואָס האָט דעראָבערט די וועלט דווקא מיט כּוח און דווקא מיט מאַכט, און פון דאָרטן אויס פּריידיקט ער מאָראַל פאַר זיין פאָלק:

„אַזוי איז געווען גאָטס וואָרט צו זרובבל: נישט מיט מאַכט און מיט קראַפט, נאָר מיט גייסט״.

„האָבן אונזערע עלטערן צוגעהערט די שטים פון זייער לעצטן נביא און זענען אויפגעמונטערט געוואָרן״. און פון יענער צייט אָן, ביזן לעצטן דור, איז דעם פאָלקס לעבן געווען נאָר ווי אַ פאַרקערפּערונג פון דעם נביאס געדאַנק. נישט מיט מאַכט און נישט מיט קראַפט האָט אונזער פאָלק באַשיצט זיין קיום קעגן די אַלע וועלט-ריזן, וואָס האָבן אים געוואָלט אומברענגען; נישט מיט מאַכט און נישט מיט קראַפט האָט עס אויפגעהיט זיינע נאַציאָנאַלע גיטער אין די פרעמדע לענדער, און

ס׳איז אים געלונגען נאָך אַרויפצולייגן זיין נאַציאָנאַלן שטעמפּל אויף געוויסע גיטער פון דער אַלגעמיין-מענטשלעכער קולטור; נישט מיט מאַכט און נישט מיט קראַפט איז זיין השפּעה אַריינגעדרונגען טיף, טיף אין לעבן פון די אַרומיקע פעלקער, וואָס ראַנגלען זיך מיט אָט דער השפּעה מיט זייער גאַנצן כּוח און קאָנען זיך דאָך פון איר נישט באַפרייען. און אין אַלגעמיין איז די גאַנצע געשיכטע פון אונזער פאָלק, פון אָנהויב בית-שני ביזן לעצטן דור, נישט מער ווי א יין לאַנגער הימן (מיין קורסיוו) פאַר דער מאַכט פונם גייסט אין זיין צוזאַמענשטויס מיט די פיזישע מאַכטן, וואָס שטרעבן זיך פון אים צו באַפרייען״.

„אָבער אויפגעקומען איז אַ נייער דור, אַ פאַרדאָרבענער דור, אַ דור פון „עקאָנאָמיק״, און מען האָט אָנגעהויבן זיך רעכענען מיט „רעאַלע קרעפטן״, און גענומען פריידיקן, רחמנא לצלן, מאַכט, און נישט בלויז געפּריידיקט, נאָר אויך געטון משונה-דיקע מעשים, גאָר נישט יידישלעכע, און האָבן פאַרגעסן אין „גייסט״, און דער גאָט פון גייסט האָט זיך אין זיי אַכזריותדיק נוקם געווען, און געבליבן זענען זיי אָפּגעריסן פון איין זייט און אָפּגעפליקט פון דער צווייטער. מאַכט און קראַפט פאַרמאָגן זיי נישט, און דעם גייסט האָבן זיי דערווייל פאַרגעסן״.

אַזוי זעט אויס דער געדאַנקען-גאַנג פון אחד-העמען. ווי רופט זיך דאָס? — „גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פאַרגעסן״.

אויב מיט זיבן יאָר צוריק האָבן מיר געקאָנט לייענען אַזעלכע זאַכן קאַלטבלוטיק און באַציען זיך צו אַזאַ מיינונג אָן פּראָטעסט-געפיל — איז דאָס איצט מער נישט מעגלעך. עפּעס אַן נישט-אָנגענעמער בייגעשמאַק באַגלייט די דאָזיקע רייד, פאַראַן אין זיי פון דער עקשנות פון אַ נישט-באַוועגלעכן מוח און אַ מין פאַרדרייטקייט אין די פאַקטן; און ווי מען בינדט צונויף רעדער אין אַ צעבראָכענעם וואָגן, ער זאָל זיך בלויז ווי-ס׳איז שלעפּן...

געבראַכט האָב איך ספּעציעל אַ לאַנגע ציטאַטע פון אחד-העמס רייד, ווייל נישט אין עצם געדאַנק גייט מיר — ער איז נישט ניי, נאָר זיין איצטיקע פאָרם ביי אחד-העמען. די זאַך איז סימפּטאָמאַטיש און זייער כאַראַקטעריסטיש. עס באַקומט זיך אַן

איינדרוק, אַז פון זרובבלען אָן ביז איצט זענען אונז די הונדערטער און טויזנטער יאָרן אַדורך אויפן בעסטן אופן! „מיר האָבן פאַרקערפּערט די גאַנצע פאַרגאַנגענע צייט דעם נביאס רייד און לעבן". „מיר האָבן אויפגעהיט אונזערע נאַציאָנאַלע גיטער", און נישט בלויז דאָס, נאָר קענען ווילן פון די פעלקער, נישט געקוקט אויף זייער קראַפט און מאַכט האָבן מיר זיי באַהויכט מיט אונזער „גייסט"; אונזער לעבן איז די גאַנצע צייט געווען „איין לאַנגער הימן" פאַר דער מאַכט פון גייסט! קורץ: מיר האָבן דערפילט אונזער מיסיע אויף דער וועלט. מיר האָבן זיך „דערהאַלטן" און וואָס דאַרפן מיר מער?

אַז די גאַנצע צייט האָבן מיר געלעבט אַ לעבן פון אַ געשלאָגענעם און דערנידעריקטן הונט; אַז דער לאַנגער גלות האָט אונז באמת געמאַכט פאַר אויס מענטשן, פאַר אומפעיקע נישט נאָר לערנען צו קענען די פעלקער, נאָר אויך אומפעיק צו פאַרשטיין דעם עצם פון אונזערע אייגענע נאַציאָנאַלע גיטער און זיי אויסצונוצן; אַז די גאַנצע לאַנגע צייט איז פון אונזער תנ"ך, מיט זיין געמיטלעכן, לויטערן און טיפן ווי די הימל-בלאָקייט גייסט, געוואָרן דער ים-התלמוד, וואָס פאַרמאָגט שוין נישט מער אָט די פּרעכטיקייט, געמיטלעכקייט און שיינקייט; אַז די גאַנצע צייט איז דאָס „נאַציאָנאַלע גוט", ווי שיר השירים, געוואָרן אַ משל וועגן די כנסת-ישראל און הקדוש ברוך הוא; אַז אין דער דאָזיקער לאַנגער צייט האָט מען אונז געטריבן, געשלאָגן, געברענט, אָנגעהאָנגען אויף אונזערע פּלייצעס אַ שאַנד-צייכן, ביז מיר האָבן אַליין זיך אָנגעהויבן צו פאַראַכטן — דאָס אַלץ פאַרגעסט אחד-העם, אָדער ער מאַכט זיך פאַרגעסן.

מיר האָבן געזונגען „איין לאַנגען הימן" פאַרן גייסט — אַ קלאָג איז צו דעם דאָזיקן געזאַנג! אין מיינע אויערן און אין די אויערן פון פיל אַנדערע פון אונז קלינגט דאָס דאָזיקע „געזאַנג" ווי אַ קאַצן-יאָמער אינמיטן אַ פינסטערער פראָסטיקער שבת-נאַכט.

נישט מיט מאַכט און נישט מיט כוח „האָבן מיר זיך דערהאַלטן ביז היינט — האָבן מיר דען געהאַט מאַכט און

קראַפט, און מיר האָבן זיי נישט געוואָלט און אָנשטאָט זיי אויס־שקליבן דעם ליבן „גייסט״? צי קאָן נאָר אַ קנעכט ליב האָבן די רוט? די מאַכט איז דאָך שטענדיק געווען קעגן אונז. און סוף־כל־סוף האָבן מיר פאַרביטן דעם פאַקטאָר מיטן פאַקט: אָנ־שטאָט צו האַסן די שלעגער, האָבן מיר גענומען האַסן די עצם מעגלעכקייט פון שלאָגן: די קראַפט. קראַפט דינט דאָך נישט בלויז אויף שלאָגן, נאָר אויך אויף זעלבסטפאַרטיידיקונג, כּדי נישט צו ווערן געשלאָגן, און נאָך אויף פיל גוטע און נוצלעכע זאַכן. אַ שלעכטן שם האָבן מיר אַרויסגעלאָזט אויף דער קראַפט, ווי יענער פוקס אויף די ווייַנטרויבן, צו וועלכע ער קאָן נישט דערגרייכן.

און רעדן מיר אין נאָמען פון אויפלעבונג, און זוכן אַן אויסגאַנג פונם מוראדיקן מצב, און ווילן געפינען אַ לייזונג פאַר דער יידן־פראַגע, איז עס נישט, ווייל מיר ווילן מציל זיין אונזער „גייסט״, אָדער ווייטער זינגען דעם „שיינעם הימן״, נאָר ווייל מיאוס איז אונז געוואָרן דאָס לעבן אָן קראַפט און אָן זעלבסט־ווילן! ווייל מיר פילן די גאַנצע נידעריקייט און קנעכטשאַפט פון אַ פאָלק, וואָס האָט נישט „קיין מאַכט און קיין קראַפט״; ווייל מיר קאָנען נישט שלום מאַכן מיט אַן „עקזיסטענץ״, וואָס קאָן נישט אָנגערופן ווערן „לעבן״, ווען מיר זאָלן אַפילו צוגעבן דערצו דעם פאַקט פון „אויפהיטן די נאַציאָנאַלע ווערטן״ — וואָס אויף אַן אמת ווייסן מיר נישט, וואָס אַזוינס זענען זיי און צו נוצן זיי אויף עפּעס.

אונזער „גייסט״ און אונזער גייסטיקייט, אין זייער קעגנ־ווערטיקער פאָרם — וואָס זענען זיי דען, אויב נישט פאָלגן פונם לאַנגען גלות, פאָלגן פונם „לאַנגען הימן״, וואָס מיר האָבן געזונגען?

און שטרעבן מיר צו אויסלייזונג פונם דאָזיקן גלות, ווילן מיר געוויס זיך באַפרייען פון אונזער גייסטיקייט און דערוועקן אין אונז די נאַטירלעכע שטרעבונג צו „מאַכט און קראַפט״ דורכדעם, וואָס מיר וועלן אָנהויבן זינגען פאַר זיי, און נישט פאַרן „גייסט״.

אויך די דאָזיקע ווערטער זענען, ווי אחד־העם ענדיקט זיין

בריוו, „נישט ניי״. שוין פון פיל מענטשן „אויסגעדראָשן״. אָבער זיי מוזן נאָך אַמאָל געזאָגט ווערן איצט, ווען אויף טויט איינגעשלאָפענע דערוואַכן און נעפּל-באַשעפענישן נעמען זיך וועבן אין גרויסן כאַאָס, ווען דער אַלט-נייער „גייסט״ באַווייזט זיך ווידער.

לאָמיר אָפּלאָזן דעם גייסט. איז ער אַ גייסט, זאָל ער פאַר זיך זאָרגן, דער דאָזיקער „גאָט פון די יידן״ (לויט דער טערמינאָלאָגיע פון אחד-העמען) וועט פאַר זיך דעראָבערן די וועלט, אויב ער איז אַ גאָט. לאָמיר איבערלאָזן פאַר די דייטשע ראַבינער, די פריידיקער פון דער יידישער מיסיע, צו רעדן וועגן דער „יידישער השפעה אויפן גייסט פון די פעלקער קעגן זייער ווילן״, און לאָמיר לאָזן די אַלטע מיידלעך זיך באַרימען מיט זייער אומשולד.

וואָרום מיטן געזונגענעם „לאַנגען הימן״ קאָנען מיר זיך נישט באַרימען מער, ווי אַ פאַרוועלקט מיאוס מיידל קאָן זיך באַרימען מיט איר אומשולד.

פון העברעיש: יצחק וויינגרויב

דער אַלטער קאַמף.

אַט האָט איר אַ שטיק פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע:

„אַז אונזערע עלטערן, אין דער צייט פון צווייטן בית-המקדש, האָבן אָנגעהויבן צו פילן, אַז דער „באָדן" רוקט זיך אַרויס פון אונטער דער נאַציאָנאַלער פיס, האָבן זיי זיך מיישב געווען און איינגעשרענקט דעם „נאַציאָנאַלן קרן" אין „באַוועגלעכע גיטער" (מטלטלים), כדי זיי זאָלן נישט פאַרלירן גיין צוזאַמען מיטן נאַציאָנאַלן באָדן".

„די באַוועגלעכע גיטער זענען: די רעליגיע, די ליטעראַטור; דער גרונט, אויף וועלכן זיי ביידע זענען געבויט, איז געווען — די שפּראַך".

אַזוי הויבט אָן אחד-העם זיין אַרטיקל וועגן דער שפּראַכן-פראַגע אין „השלח" („ריב לשונות").

און ווייטער:

„מיט אַ געזונטן נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס זעט פאָרויס די צוקונפט און גרייט צו די רפואה פאַר דער מכה, האָט זיך דער גייסט פון אונזער פאָלק באַוואָפנט און צוגעגרייט זיך צו דעם נאַציאָנאַלן קריזיס, נאָך איידער ער איז אָנגעקומען".

אָט אַזוי האָט דער נאַציאָנאַלער גייסט איבערגעקליגט די רוימער, אָט אַזוי זענען מיר בייגעקומען טיטוסן.

זיי זענען געקומען מיט לעגיאָנען חרוב צו מאַכן אונזער לאַנד, אונז צו טויטן, צו פאַרשקלאַפן — מיר לאַכן זיך פון זיי אויס, ווייל אונזער „נאַציאָנאַלער גייסט" האָט זיך שוין אין דער שפּיל צוגעגרייט צום וועג.

די וואָס האָבן אַזוי מוטיק געקעמפט אונטער ירושלימס טויערן, און וואָס זענען אַזוי שיין געפאַלן אין קאַמף פאַר דער

נאַציאָנאַלער פרייהייט, האָט דער זעלבער „נאַציאָנאַלער גייסט" געשטעמפּלט מיטן נאָמען „בריונים", ווילדע יונגען", פּעבל א. ד. גל. „קיין קדיש האָט מען נישט געזאָגט, קיין מעסע נישט געזונגען" נאָך אונזערע אמתע, פּאַקטישע, נישט-געקליגלטע נאַציאָנאַלע העלדן, — די וואָס זענען געקומען פון פאָלק מיט דעם פּראָסטן פאָלקס-פאַרשטאַנד און די פּראָסטע פאָלקס-באַגריפן וועגן נאַציאָנאַלער פרייהייט און נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

די תּלמידי-חכמים זענען געלאָפן קיין „יבנה", און אַ קללה און פאַראַכטונג האָבן זיי צוגעשיקט יענע, וואָס האָבן געזאָגט: „אָדער טויט, אָדער פרייהייט": וואָס האָבן מיט לעצטן שפּור פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט אויך זייער לעצטן אָטעם אָפּגעגעבן.

און עס פירט זיך פון יענער צייט אָן אַ לאַנגער, שטילער, אינערלעכער קאַמף אין אונזער פאָלק צווישן די „תּלמידי-חכמים" און צווישן די „בריונים"; צווישן דעם פּראָסטן (צום גליק, נאָך אין פיל פּרטים געזונטן) פאָלק און צווישן זיינע גייסטיקע, איבער-גייסטיקע פירער מיט זייער איבערגעשפּיצטקייט און קלוגעריי.

אַ שטילער קאַמף, אַ באַהאַלטענער, ווייל דאָס פאָלק איז שטום.

די „ליטעראַטור": אונזערע ש"ס, פּוסקים, שאלות-ותשובות, שלחן-ערוכס און פּיוטים האָבן געשריבן די ערשטע; די צווייטע האָבן אפשר באַשאַפן אַ פאָלקס-וויץ, אַנדערע פאָלקס-באַגריפן, זענען זיי אָבער פאַרלוירן געגאַנגען, קיינער האָט זיי נישט פאַרשריבן; באַשאַפן פאָלקס-לידער, זענען נאָר אַ טייל פון זיי צוזאַמענגעקליבן געוואָרן גאָר אין דער לעצטער צייט.

און דער מאָדערנער פאַרשטייער פון די „תּלמידי-חכמים", אחד-העם, לייענט די לידער פון די בריונים און זאָגט אויף זיי:

„אין זיי איז נישטאָ קיין שאָטן פון פּאָעזיע אָדער פון אַ געדאַנק; הוילע פלוידעריי איז דאָס".

די זעלבע לידער, מיט זייערע אינטימע, האַרציקע ווערטער און מעלאָדיעס, ביי וועלכע דאָס פאָלק (און יעדער, וואָס איז

אימשטאַנד פאָלקסטימלעך צו פילן) האָט אַזוי פיל טרערן פאַרגאָסן, אַזוי האַרציק געלאַכט, אַזוי פיל געפילן דורכגעלעבט!

אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג,
אין שטיבל איז אַ פּאַרע, —
כ׳האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָרן,
ווי אין אַ פינסטערער כמאַרע.

דאָס זענען ווערטער נישט פאַר דעם אויער פון אַ „תּלמיד-חכם" אין מעג ער זיין אַ מאָדערנער מענטש מיט אַ מאָדערנער בילדונג, ווי אחד-העם איז. מער ווי פלוידעריי וועט ער אין זיי, ווי אין די אַנדערע לידער, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט זיי צו ציטירן, נישט געפינען.

איז געקומען איינער פון פאָלק, ווי דער בעש"ט, און האָט געמאַכט אַ גייסטיקע רעוואָלוציע, האָט דאָס פּראָסטע אינטימע פילן און האַנדלען העכער געשטעלט, ווי די טיפע קאָמבינאַציעס פון די „תּלמידי-חכמים", האָבן די לעצטע געקעמפט קעגן אים.

און האָט ער — אָדער זיין גייסט — גובר געווען, זענען די „תּלמידי-חכמים" נישט געפאַלן ביי זיך, ווייל אַ „תּלמיד-חכם" „גיט זיך שטענדיק אַן עצה". באַזיגן אים די רוימער, קריכט ער דורך אַ שפּאַרע קיין „יבנה"; באַזיגט אים דער פאָלקס-גייסט — נעמט ער אים אַליין, דעם גרויסן פאָלקס-גייסט, אין אַרענדע און ווערט — זיין פאָרשטייער.

די חסידישע רעוואָלוציע האָט גאָר נישט געבראַכט — איך מיין, אין אונזערע אינערלעכע באַציאונגען — ווייל די „תּלמידי-חכמים" אַליין זענען געוואָרן „חסידים" און האָבן דעם נייעם אָדלער אַרונטערגעשניטן די פליגל און איינגעשפּאַנט צו זייער וואָגן.

און איך מיין, אַז ס׳איז גאַנץ אויבערפלאַכיק צו זאָגן, אַז דער קאַמף פאַר יידיש איז אַ קאַפּריז, אָבער אַן איינגעדעניש פון אַ געוויסער גרופּע „יונגע נאַציאָנאַליסטן". אין דער דאָזיקער פאָדערונג פון אַ וואָכעדיקער יידישקייט שפּיגלט זיך אָפּ דער אַלטער קאַמף פון די „בריונים" קעגן די „תּלמידי-חכמים".

דאָס איז דער קאַמף פאַר אַ נאַטירלעכן אַרט פילן, טראַכטן און האַנדלען; דער קאַמף קעגן לויפן קיין „יבנה", קעגן דעם

פאַרלייקענען פון אַלגעמיין מענטשלעכע ווערטן; פאַר פשוט-פאַרשטאַנענער פרייהייט און פשוט-פאַרשטאַנענעם נאַציאָנאַלן שטאַלץ און נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

— נהיה כגוים!

מיר ווילן קיין אויסנאַם נישט זיין, און מיר ווילן נישט זיין קיין „עם-סגולה". נישט מיט איבערגעשפּיצטקייט ווילן מיר גיין אין קאַמף פאַר אונזער עקזיסטענץ, און פאַר טיטוסן ווילן מיר מער נישט לויפן קיין „יבנה".

ווייל „יבנה" איז פאַר אונז געוואָרן אַ סימבאָל פון איבער-געשפּיצטקייט, פון נישט-נאַטירלעכקייט, פון דעם, וואָס אויף דער אַלגעמיין-מענטשלעכער שפּראַך הייסט עס פּחדנות און עס איז פאַראַכטעט, און ביי אונז הייסט עס די „קלוגשאַפט פון נאַציאָנאַלן גייסט" און עס ווערט געלויבט און געפּרייזט.

מיר זענען נישט קיין אָנהענגער פון דעם יידישקייט, וואָס קאָרטשעט זיך צוזאַמען, כדי מען זאָל עס נישט קאָנען אַרויסזען; אַ יידישקייט פון באַוועגלעכע „מטלטלים", וואָס מען זאָל קאָנען באַהאַלטן ווי קאָנטראַבאַנד: אַ יידישקייט, וואָס מען וויל אָנפאַלן דערויף, איז עס — נ י ש ט אָ.

אַ דרייסט, אָפן, נאַטירלעך יידישקייט ווילן מיר.

און אויב איר ווילט — אַ יידישקייט פון די „בריונים".

נחום סאָקאָלאָוו

אויב נחום סאָקאָלאָוו וואָלט געהאַט אָנצושרייבן אַן אַרטיקל צו באַווייזן, ווי „לופטיק" דאָס יידישע לעבן איז, ווי שוואַך דער באָדן איז, אויף וועלכן דאָס לעבן ווערט געבויט, ווי ווייט עס איז אָנגעוויזן אויף דעם מינדסטן ווינט, וואָס קאָן עס אַוועקבלאָזן — וואָלט ער ווייט נישט געדאַרפט אַוועקגיין צו זוכן באַווייזן און ביישפּילן. ער וואָלט גענומען זיין אייגענע פּערזאָן, זיין ווירקונג, זיין השפּעה, זיין „הצפירה" און פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן. און דער ביישפּיל וואָלט גערעדט קלאָרע, שאַרפע, שניידנדיקע ווערטער.

אַ זשורנאַליסט, אַ רעדנער, אַ כּלל-טוער, — עס איז שווער אויסצורעכענען, וואָס אַלץ סאָקאָלאָוו איז. לייכטער — וואָס ער איז נישט. און אומעטום — אויפן ערשטן פּלאַץ, דער ערשטער, דער בעסטער, דער ליבסטער און ליבנטווירדיקסטער. די „הצפירה" — די ערשטע צייטונג ביי יידן; דער „דברי-הימים" — דאָס בעסטע שטיקל פּאָליטיק, פון וועלכן דער יידישער באַלעבאָס לעקט ממש די פינגער; דער „משבת לשבת" — דער בעסטער פעליעטאָן; אַ פּויליש-רעדנער — איינער; אַ דובר-עברית" — אַ זעל-טענער; אַ „זשאַרגאָן-רעדנער" — אַן אויסגעצייכנטער, ער רעדט „זשאַרגאָן" מיט אַלע „פיטשעווקעס", מיט אמתן „קוגל-לשון" און זוכט אויס די „פעטסטע" יידישע וויצן און גלייכווערטלעך און איז מיט זיי „מתבל" (באַווירצט) זיין רעדע; אויף פּויליש, אַז ער שרייבט, זוכט ער אויס דווקא די טיף-פּוילישע ווערטער, דווקא די זעלטענע פראַזע, אַזוי ווייט, אַז אַפילו באַרטושעוויטש, אַ פּוילישער פעליעטאָניסט, אַ גרויסער פשטן און אַ מענטש פון סטיל, וואונדערט זיך און צוקט מיט די אַקסלען און ווייסט נישט, ווי ער זאָל

דאָס אָנרופן... און אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן — נישטאָ קיין חברה, קיין אָנגעזעענע לויה, קיין אָנגעזעענע שמחה, קיין „חנוכת־הבית" און קיין „סיום־הספר" אַפילו, וואו סאָקאָלאָוו זאָל נישט זיין.

און אינמיטן בעסטן אויפבליען, און די שענסטע קרעפטיקע יאָרן, גייט דער שטערן פּלוצלינג אונטער. נישט ער גייט אונטער, נאָר ער פאַרלירט זיך אויפן האָריזאָנט צווישן דער גאַנצער מאַסע קליינע און גרעסערע שטערנדלעך. איינער פון אַלע און נישט מער. די „הצפירה" פאַרמאַכט זיך, די יידישע גאַס ווערט פאַרהילכט פון פּראָגראַמען, פּאַרטייען, פאָדערונגען, דעבאַטן א. אַ. וו. באַשטימטע און קלאָרע, אַזוי אָפּגעגרענעצטע, אַז דער מענטש מיט דער אָנגעבוירענער פעיקייט צו לאַווירן קאָן מיט זיי גאָרנישט מאַכן. דאָס זענען נאָר ביינער פאַר אים, וואָס קנאַקן אונטער די ציין, אָן שום „ליח־חיים" (זאַפט פון לעבן). סאָקאָלאָוו פאָרט אָפּ פון וואַרשע, ווערט סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, שרייבט דייטשע אַרטיקלען אין „דער וועלט", און נאָר פון צייט צו צייט הערט זיך די אַלטע באַקאַנטע שטים אין דער העברעישער פרעסע.

דאָס וואַרשעווער לעבן, ווי אויך דאָס גאַנצע יידישע לעבן בכלל, האָט אָנגעוואוירן איינע פון די פּאָפּולערסטע פיגורן, און שטילערהייט, דאָס מוז מען מודה זיין, האָט דער יידישער באַלעבאָס געבענקט נאָך זיין ליבלינג. נאָר די בענקשאַפט איז נישט געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל קאָנען צוריקגעבן סאָקאָלאָוון די פריערדיקע פּאָזיציע. דער מיטעלער יידישער באַלעבאָס האָט זיך דערווייל צוגעוויינט צו לייענען אַ יידישע צייטונג. ער אַכטעט זי נישט, די יידישע צייטונג, דאָס איז פאַר אים אַ שטיק גראָבע וואָכעדיקייט פאַר צוויי קאָפּיקעס. אמת, ער ווערט דאָרט אַלץ געוואָר, ווי אין דער אַמאָליקער „הצפירה", און אפשר נאָך בעסער, פּינקטלעכער און קלאָרער, נאָר עפּעס שוין צו קלאָר; פון דער פּאָליטיק ווייסט ער אַזוי פיל, און אפשר נאָך מער, ווי ער האָט געוואוסט, נאָר עס פעלט אים דער ביי־געשמאַק, סאָקאָלאָווס הסברה. די גאַנצע מעשה מיט די יונג־טערקן און

מיט אַבדול-האַמיד קומט אויס עפּעס אַזוי פּשוט און גראָ, ווי גראָ און פּשוט די ווירקלעכקייט קאָן נאָר זיין.

— ע, אַ שטיקל „דברי-הימים" האָט גאָר אַן אַנדערן טעם געהאַט, — איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן מיט גרויס באַדויערן דעם טיפּישן „קורא נכבד".

און ער איז גערעכט, ווייל סאָקאָלאָוו איז באמת געווען זיין שרייבער, און נישט בלויז זיין שרייבער, נאָר אויך זיין אידעאַל פון אַ מענטש, אויף וויפיל דאָס וואָרט „אידעאַל" קאָן איבערהויפּט באַנוצט ווערן, ווען מען רעדט פון דער פּסיכאָלאָגיע פון אונזער באַלעבאָס, דעם „קורא נכבד".

דער אידעאַל איז נישט, חלילה, דער איבער-מענטש, דער קאַלטער גזלן און טרעגער פון אַ הויכן ווילן און אַ הויכער גערעכטיקייט; ער איז אויך נישט קיין צדיק אין יידישן סטיל, קיין פּערזענלעכקייט אין מאָדערנעם זין. דאָס איז — דער מ ו ש ל ם, דער מענטש, וואָס פאַרשטייט אַלץ, קאָן אומעטום אַריינרעדן אַ גליך וואָרט, וועט זיך קיינמאָל נישט לאָזן בלאָזן אין דער קאַשע אַריין; אַ מענטש „צו גאָט און צו לייט".

און דאָס אַלץ האָט ער געפונען אין סאָקאָלאָוון.

סאָקאָלאָוו איז נישט קיין מענטש פון סטיל, כאָטש ער ווערט גערעכנט פאַר אַ העברעישן סטיליסט און שרייבט און רעדט אַזוי פיל לשונות. סטיל איז פּערזענלעכקייט, ער שפּיגלט אָפּ דעם מענטש מיט אַלע זיינע גראָבקייטן און קרומקייטן, מיט אַלע זיינע מעלות און הסרונות: לאַנג געדויערט, ביז אַ שרייבער געפינט זיין סטיל; דאָס איז אַ שווערע מלחמה בייצוקומען דעם אייגענעם איך און פאָרמירן אים. סאָקאָלאָוו קומט שטענדיק צום גרייטן, ער באַנוצט אַלע מעגלעכע סטילן. וואו אַן אַנדערער וואָלט זיך געדאַרפט מוטשן צו געפינען דעם אויסדרוק, דאָס פּאַסנדיקע וואָרט, דאָרט האָט סאָקאָלאָוו גאַנצע צען אויסדריקן און ער שיט זיי און וואַרפט זיי פון אונטער דער האַנט מיט דער געשיקטקייט פון אַן עכטן ווירטואָז. אַ גאַנץ עשירות פון ווערטער, אויסדריקן, פאָרמען, געפינט איר ביי אים. נאָר איר זעט נישט דעם קוואַל, פונוואַנען זיי פליסן אַרויס. דאָס איז

אַ וואַסער פון פאַרשידענע ברונעמס געשעפּט. אַזוי פּיל מענטשן האָבן געלעבט אויף דער וועלט, אַזוי פּיל האָט מען געפּילט, געקענ־פט, געבענקט און אַזוי פּיל פאָרמען פאַר זיי געשאַפן — קום, קלוגער מענטש, און שעפּ גאַנצע עמער!

סאָקאָלאָווס שטערן הייבט ווידער אָן אויפצולייכטן. אונז איז צוגעזאָגט שוין צוויי פאָרלעזונגען, איינע אויף פּויליש, די צווייטע אויף העברעיש, די „הצפירה" וועט באַלד אָנהויבן צו דערשיינען. אין די ווילדע פיבעריקע פרייהייט-טעג איז פּיל, זייער פּיל, צעשמעטערט געוואָרן און וועט איצט רעסטאַווירט. נאָר איך וואָלט געוואָלט לעצטער, וואָס זאָל דאָס שטיקל „רעסטאַווראַציע" נישט האַרציק באַגריסן.

ווייל, זאָל זיין ווי עס איז, נאָר סאָקאָלאָוו איז מיט פּיל קעפּ העכער געוואַקסן פון דעם מיטל-מאָסיקן צייטונגס-שרייבער ביי אונז. ער האָט אַלע גוטע מעלות פון מושלם און פון דער אַלטער השכלה, האָט אָבער נישט די אָפּשטויסנדיקע חסרונות: די פאַרביסנקייט, דעם ביטול און די ענגהאַרציקייט. און וואָס אָנבאַלאַנגט מאַנירן און אויסערלעכע באַציאונגען, איז ער געוויס ביי אונז דער ערשטער אייראָפּעער.

סאָקאָלאָוו וועט פאָרלעזן העברעיש און פּויליש. טייל ווילן דערין זען אַ דעמאָנסטראַציע קעגן יידיש. נאָר ווער עס קען סאָקאָלאָוון, דער ווייסט, אַז ער איז נישט דער מענטש פון דעמאָנסטראַציעס — ער איז, פאַרקערט, געניגט אַלץ צו באַרעכטיקן, אין אַלעם צו זען אַ גוטע זייט. ער האָט די טיפּישע יידישע פעיקייט צוצופּאַסן זיך צו זאַכן און די זאַכן — צו זיך. דאָס איז דער „עלאַסטישער" יידישער איך. נאָר איך מיין, אַז די יידיש-יידישע באַוועגונג איז נאָך צו י ו נ ג פאַר סאָקאָלאָוון, כדי ער זאָל זיך צופּאַסן צו איר.

סאָקאָלאָוו איז אַ מענטש פון האַרבסט, ער האָט ליב די פאַרטיקע צייטיקע פּירות, ווען זיי פאַלן פון בוים. דער פרילינג איז אומרואיק, אומבאַשטימט, פול דערוואַרטונגען, פאַרציטערטקייט און בענקשאַפט. ערשט ווען דער ציוניזם איז געוואָרן פאַרטיק, צייטיק, אַזוי צייטיק, אַז דער יידישער באַלעבאָס האָט אים געקאָנט תופס זיין,

דעמאָלט איז סאָקאָלאָוו געוואָרן ציוניסט און איז עס ביז היינט גאַנץ ערנסט און, איך מיין, גאַנץ אויפריכטיק און האַרציק. די באַוועגונג פאַר יידיש האָט נאָך אין זיך צו פיל נישט-צייטיקס, אומרואיקס, קעמפנדיקס, — נישט גענוג רייף פאַר אַזאַ גייסט ווי סאָקאָלאָוו; אַ גייסט, וואָס געניסט מער ווי ער שאַפט; אַ גייסט, וואָס קומט צום גרייטן און לעבט מיטן גרייטן.

סאָקאָלאָוו וועט באַקומען די געהעריקע באַציאונג צו יידיש, ערשט ווען דער יידישער באַלעבאָס וועט זי באַקומען. איך מיין, אויב אין רוסלאַנד וועט אַמאָל זיין פרייהייט און עס וועט באַשאַפן ווערן די מעגלעכקייט פאַר אַ נאַציאָנאַל לעבן און דיווירקלעכקייט וועט אָנווייזן די פאָרמען פון דעם מעגלעכן נאַציאָנאַלן לעבן — אין דער יידישער שפּראַך. ער וועט זי אָנערקענען צוזאַמען מיטן יידישן באַלעבאָס.

ווייל סאָקאָלאָוו — דאָס איז די טיפּישע יידשע באַלעבאַטיש-קייט, איר וואָרט-פירער און איר „אידעאַל”.

ד"ר נתן בירנבוים

ד״ר בירנבוימס איבערקערונג.

ווען איך האָב געהערט, און דערנאָך געלייענט אין די גאַזעטן, אַז אונזער ליבער באַקאַנטער ד״ר נתן בירנבוים איז געוואָרן פרום, דאָס מיינט מען, אַז ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין גאַנצן פייערדיקן טעמפּעראַמענט, מיט דעם גאַנצן אימפּעט פון איינזייטיקע מענטשן, צו פריידיקן פרומקייט, האָט מיך דאָס כּלל נישט געוואונדערט. איך בין געווען צוגעגרייט דערצו. ד״ר בירנבוים געהערט צו דעם סאָרט מענטשן, וואָס זוכן שטענדיק אַ נייעם פּאַטאָס. אידעען האָבן אַ נאַטור, אַז ווען זיי ווערן צעטראָגן אויף דער וועלט און באַקומען אַ סך אָנהענגער, פאַרלירן זיי פיל פון זייער פּאַטאָס, פון זייער רייץ, פון זייער כּוח צו פאַרשיכּורן דעם גייסט. זיי ווערן, וואָס מען רופט, וואָכעדיקפיש לעבן אין וואַסער, די לעבעדיקע נפשות אויף דער יבשה — מיט לופט, און פאַראַן מענטשן אַזוינע, וואָס קאָנען אָן אַ פּאַטאָס נישט לעבן. זיי שטיקן זיך אין אַ וואָכעדיקער אַטמאָספער. ד״ר בירנבוים איז אַ מאָדערנער, איבער־מאָדערנער מענטש, און דערצו אַ גאַליציאַנער ייד, און גאַליציע איז אַ מדינה, וואָס האָדעוועט מאָדנע בעלי־מוח, געניאַלע חריפים, מענטשן מיט אַן אומגעהויערער תּפיסה, און דערביי מיט אַ מינימום שטאַנדהאַפטיקייט. עפּעס שוועבן זיי דאָרט אַרום, די יידישע געבילדעטע מענטשן, ווי אין אַן עולם־התהו: נישטאָ קיין אינערלעכע זיכערקייט, נישטאָ קיין נאַטירלעכע צוגעבונדנקייט. קליינע פּיצעלעך מענטשן מיט אומגעהויער גרויסע קעפּ אויף די פּלייצעס. דאָס איז אפשר נישט קיין ספּעציעלע גאַליציאַנישע טראַגעדיע, ווי בכלל אַ יידישע. צי דען האָט היינריך היינע נישט געליטן אויף דער קראַנקהייט? נישט מער, גאַליציע האָט פון דער

דאָזיקער יידישער קראַנקהייט געגאָסן מער ווי יידן אין אַנדערע מקומות. אַ יידישער אַנטוויקלטער מענטש, אויף וויפיל ער איז דערגאַנגען צו אַ שטיקל שטופּע פון זיך-אַליין-דערקענען, אַנטלויפט פון זיך אַליין. וויינינגער, וואָס האָט אַמאָל אויפגערודערט די וועלט מיט זיין אַזוי אָריגינעל בוך, — אַ מוסטער פון געניאַלער חריפות און היציקער פוסטקייט צוזאַמען, — האָט, צווישן אונז גערעדט, אויך געהערט צו דעם טיפּ. אַ רענדל פאַר אַ ביסל פּאַטאָס. עס זאָל עפּעס וואַרעם ווערן אויפן האַרץ, עס זאָל זיך רודערן, עס זאָל זיין שבתדיק, מיט התלהבות. זאָל זיך דער פויער אָנשיכּורן מיט בראָנפן, דער ראַפינירטער דעקאַדענט — מיט אָפּיום. מיר האָבן אידעען: סאָציאַליזם, ציוניזם, יידישיזם, פרומקייט. אָט די שכּרותן האָט ד״ר בירנבוים דורכגעמאַכט. און שטענדיק מיטן גרעסטן ברען, מיטן פאַרמאַכן די אויגן אויף אַלץ אַרום, מיט אַ וואונדערבאַרן כּוח פון באַרעדזאַמקייט, באַוואָפנט מיט די מאָדערנסטע אידעען, באַגריפן און אויסדרוקן. איצט האַלט ער ביי פרומקייט. און וואָסער קראַפט ער אַנטוויקלט דאָ! *) וואָסער געוואַלטיקע עשירות פון שפּראַך! וואָסער טעמפּעראַמענט!

מיט עטלעכע יאָר צוריק נאָך האָב איך אים געטראָפן אין בערלין. עס איז פונקט געווען די צייט פון גאָט-זוכעניש, אויב איר דערמאָנט אייך, פון רעליגיעזער בענקשאַפט, און... פון סאַנין. איר קאָנט אייך פאָרשטעלן, ווי די מינים האָבן מיך אָנ-געצויגן, אַז ערשטנס, בין איך פון דער נאַטור נישט קיין בעלן אויף אַזוינע גייסטיקע טאַנדעט-פּראָדוקציעס; צווייטנס, האָב איך אָקאָרשט געהאַט צוריקגעקערט פון ניו-יאָרק, און דער הויך פון אַ נייעם לעבן, פון אַ נייער ראַסע, — יאָ, אַ נייער מענטשהייט, — וואָס שאַפט זיך דאָרט, האָט זיך נאָך געטראָגן אַרום מיר. איך האָב באַגעגנט ד״ר בירנבוים אין אַ קרייז פון יונגעלייט (ער האָט אין זיך עפּעס פון אַ רבי, וואָס דאַרף האָבן אַרום זיך חסידים), און מען האָט מיר דערציילט, אַז ער האַלט איצט ביי

---

*) „גאָטעט פאָלק״, ווין 1918 (אויף דייטש).

גאָט-זוכעניש. עס האָט מיך געערגערט. פון דער צייט פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ — זיין אידעע און זיין איניציאַטיוו — האָב איך געלערנט צו שעצן. איך האָב גאָר באַזונדער ליב געהאַט זיין באמת נאָבעלן, ווייכן און אַזוי האַרמאָנישן סטיל אויף יידיש. ער איז אַ גלענצנדער סטיליסט אויף אונזער מאַמע-לשון. איך האָב מיך געשעמט אים צו קוקן אין פנים אַריין. ס'איז אַ פיינלעך געפיל צו דיספּוטירן מיט אַ מענטשן (וואָס מען שעצט), בשעת דער דיספּוט ווערט דאָך אייגנטלעך צוגעפירט צו דעם: דו ביסט נישט אויפריכטיק! דו גלויבסט נישט און זאָגסט, אַז דו גלויבסט!

איך מיין, דער לעזער וועט מיך ריכטיק פאַרשטיין, אַז די ווערטער באַציען זיך כלל נישט צו אמת-רעליגיעזע מענטשן, צו גלויביקע. אָבער גלויבן וואָס גלויבן הייסט. אָן סברות, אָן אויסרעדענישן, אָן אָנווייזן דערויף, אַז דאָס איז אייגנטלעך נאַציאָנאַליזם א. אַ. וו. גלויביקע מענטשן זענען אין גייסטיקער הינזיכט געוויס די געזונטסטע, כאָטש נישט די קאָמפּליצירטסטע און אינטערעסאַנטסטע. זיי האָבן אַ טאָן אַ ריכטיקן, און אַ שטעל און אַ סטיל. אָבער קוועטשן זיך מיט גלויבן, אויסחקרענען אַ גלויבן, — איך ווייס נישט, ווי איר, א י ך האָב דאָס נישט ליב. זאָל זיין, — אַזוי ווי ד"ר בירנבוים אַנטוויקלט דעם געדאַנק אין זיין איצטיקער בראָשור, — אַז די גאַנצע נייע מאָדערנע וועלט איז אַ פּראָדוקט פון אַ היידנישער רעוואָלוציע און האָט פון אונז אַלע געמאַכט גאַסן-יונגען און גייסטיקע בעלי-מומים, וואָס פאַרמאָגן נאָר די קולטור פון קאַפע-הויז און שאַנטאַן און דער געלער פּרעסע. גוט. אָבער וואָס וועט איר זאָגן צום מאָדערנעם גרויס-שטאָטישן בלאַזירטן מענטש, ווען ער וועט זיך נעמען „פויערן" ? — פאַרפאַלן! דו ביזט נישט קיין פויער און נישט קיין נאַטור-מענטש, און פון דער אייגענער הויט אַרויס קאָן מען נישט קריכן, און אַז מען נעמט קריכן, איז מען נישט מער ווי לעכערלעך. סיידן אַ נס זאָל געשען, עפּעס אַן איבערקערעניש, דער אָרגאַניזם זאָל זיך ענדערן און דער גאַנצער גייסטיקער אַפּאַראַט, עס זאָלן פאַרשוואונדן ווערן טויזנטער און מיליאָנען פאָרשטעלונגען,

באַגריפֿן, איבערלעבענישן א. אַ. וו. מיט איין מאָל! אַנדערש איז זיך אוממעגלעך דאָס פֿאָרשטעלן.

זענען מעגלעך אַזוינע ניסים?

אָט דערציילט ד״ר בירנבוים אין זיין בראָשור:

„איך האָב גאָט נישט געזוכט, ווי מען דריקט זיך היינט אויס אַזוי שיין און אַזוי ליגנעריש. ער האָט זיך מיר אָנגעזאָגט קינדיקט, און איז פּלוצלינג אויפגעטרעטן אין מיין באַוואוסטזיין. אוממיטלבאַר האָב איך אים דערקענט (מיין קורסיוו), דעם פֿאָטער און דעם סיבת כּל הסיבות״.

נו, דאָס זענען גאָר אַנדערע ווערטער. ווען איינער זאָגט:

„איך האָב אוממיטלבאַר דערקענט גאָט, ער האָט זיך מיר אַנטפּלעקט״, האָסטו נישט דאָס רעכט אים נישט צו גלויבן, אויב דו האָסט אַ ביסל אַכטונג צו אים. איין קשיא בלייבט עפּעס הענגען: אַז מען דערפֿילט גאָט אַזוי אוממיטלבאַר, צי נעמט מען דאַן שרייבן בראָשורן אויף דייטש און אויסווייזן, אַז דאָס יידישע פֿאָלק האָט אַן אַנדערע וועלט-אַנשויאונג, מיט אַזאַ מאָדערן-געשליפֿענעם סטיל, מיט אַזוי פיל באַרעדזאַמקייט? איך אויף זיין אָרט — אַזוי דאַכט זיך מיר — וואָלט גענומען זאָגן תּהלים, עוסק זיין בתּורה ובעבודה, אָפּגעבן זיך אינגאַנצן צו גאָט, וואָס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט.

„דערקענען גאָט אוממיטלבאַר״, — האַר איבער אַלע וועלטן! דאָס דאַרף דאָך זיין עפּעס אַזאַ גרויס און מעכטיקס, אַז אַלץ מענטשלעכע דאַרף צו פֿאַרשוואונדן.

איבעריקנס, ווען אַ מענטש האַלט ביי אַזאַ שטופּע פֿון „דערקענען גאָט אוממיטלבאַר״, נישט פֿרעג קיין קשיות. איינס פֿון די צוויי: אָדער ער איז אַ הייליקער, אָדער אַ בלאָפֿער, קיין מיטל-וועג איז נישטאָ...

ד״ר נתן בירנבוים

(צו זיין יובילעום)

אַ בעל־תשובה איז ביי יידן זייער אַ גרויסע זאַך. „וואו אַ בעל־תשובה שטייט, דאָרט קאָנען די גרעסטע צדיקים נישט אָנשפּאַרן״. ביי יידן איז דער עיקר די זאַך, די אידעע, דער ציל, נישט דער מענטש. נאָר דער איז אַ העלד, וואָס האָט זיך געבראָכן, וואָס האָט זיינע קני געבויגן.

ד״ר נתן בירנבוים האָט מען ביי אונז איינגעוויגט אין אַ שלעכט וויגעלע; מען האָט אים צוגעזונגען אונזער לידל, און עס איז אים געפעלן, און ער האָט אַליין דערין אָנגעהויבן צו גלויבן.

מען האָט אים אָנגעטון אויפן קאָפּ אַ דערנער־קראַנץ, די קרוין פון אונזערע נאַציאָנאַלע „העלדן״. מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ בעל־תשובה.

איך מיין אָבער, אַז די קרוין פּאַסט אים נישט. ער פאַר־מאָגט אין זיך געגוג אייגנס און קערנדיקס, וואָס מאַכט דעם מענטש פאַר אַ פּערזענלעכקייט. איך האָב נישט ליב די דערנער־קרענץ, און גוסטיר נישט, נישט אין געבראָכענע הערצער, נישט אין געשטרויכלטע קניען, נישט אין איבערגעקערטע און בעלי־תשובה.

ד״ר בירנבוים — אַזוי איז ביי אונז אָנגענומען צו זאָגן — איז אַ מערב־ייד, אַ געבוירענער דייטש פון יידישן גלויבן, וואָס האָט צו אונז, מזרח־יידן, צוריקגעקערט און אָנגענומען אונזער אמונה. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין ספערע. ער האָט דער־פילט, אַז ער לעבט אין אַ פאַלשער וועלט, און האָט תשובה

געטון און איז צו אונז געקומען, כדי צו ראַטעווען זיין גייסט. יידישלעך קלינגט עס אין אונזערע אויערן. אָ, וואָס פאַר אַ גרויסער מענטש דאָס איז, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן דעם אייראָפּעישן לוקסוס, און די רייכע וועלט, די פרעמדע, צוליב אונז און אונזער ביסל אָרעמקייט; אַ מענטש, וואָס איז געגאַנגען אין גלות אַריין! אַזוי האָט בודהאַ געטון, פאַרלאָזנדיק זיין קיניגלעכן פּאַלאַץ צו זוכן זיין גייסט. אַלע אַזיאַטישע העלדן האָבן אַזאַ פּנים: בעלי־תשובה.

איך ווייס נישט, צי איך וואָלט אָט די שורות געשריבן וועגן בירנבוימען, ווען איך וואָלט געגלויבט אין דער לעגענדע. איך שעץ צו פיל דאָס פערזענלעכע, איך האָב צו ליב דאָס ביסל נאַטור, וואָס איז געבליבן אין מענטש, דאָס פרימיטיווע, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט אויף דער וועלט. די אָפּקלאַנגען פון דער טיפער קינדהייט — דאָס איז די ריינסטע מוזיק פון דער פערזענלעכקייט. אַ בעל־תשובה איז בעצם גאָר נישט קיין עסטע־טישע זאַך. זיי שפּילן שטענדיק אויף אַ האַרפע מיט אַ געפּלאַצטער סטרונע.

איך גלויב אָבער נישט אין דער לעגענדע. און וויל זיך ווער איבערצייגן, אַז איך בין גערעכט, זאָל ער אויפמערקזאַם דורכלייענען בירנבוימס ערשטע בעסטע אַרטיקל אויף יידיש. דאָס איז ביי אים נישט קיין אויסגעלערנטע שפּראַך, נישט קיין זאַך פון איבערצייגונגען, — דאָס איז ס ט י ל, פול נאַטור און אומ־מיטלבאַרקייט, געלייטערט און געקלערט אין אַ פיינעם געבילדעטן גייסט.

און דאָס פאַרשטענדעניש, וואָס ער האָט פאַרן יידישן לעבן, איז בשום אופן נישט קיין אויסערלעכס, איינגעשטודירטס. ער שעפּט וואַסער פון אייגענעם קוואַל; ער זעט דאָס יידישע לעבן אין די אינערלעכע געזעצן און כוחות, וואָס באַהערשן עס, און עמפינדעט עס אין זיין האַרץ, אָן באַזונדערע אָנשטרענגונג, אָן איבערלייגענישן און אָן עס זאָל זיך הערן ביי אים די אָפּ־קלאַנגען פון ביכער, וואָס ער האָט געלייענט.

צו גאַנץ איז זיין סטיל און זיין אויפפאַסונג, אַז איך

זאָל קאָנען גלויבן אין דער לעגענדע, אַז ער איז אַן איבער-נעקערטער.

ער איז ביי אונז — אין דער היים, און נישט אין אַ דער-וואָרבענער היים, נאָר פשוט טאַקע אין דער אייגענער שטוב און אַטמאָספער: ביי דעם טאַטן אין ווייגאָרטן.

ער פאַרמאָגט אַ מוזיקאַלישן סטיל אין יידיש, וואָס האָט זיין גלייכן נישט; אַ גלות-ליריזם, פאַרוויכט און פאַרפיינט, וואָס באַצויבערט מיט זיין אייגנטימלעכן חן: ער פאַרמאָגט אַ געדאַנקען-גאַנג, וואָס האָט די בלויע ליכטיקע אויגן פון אומשולד. ער איז אַ מייסטער אַלס שריפטשטעלער, אונזער אָרעמע פובליציסטיק פאַרמאָגט גאָר נישט ענלעכס, וואָס זאָל זיך מיט אים קאָנען גלייכן. צו וואָס און צו ווען האָט ער נויטיק דאָס בעל-תשובהטום? — איין גאָט ווייסט.

ד״ר נתן בירנבוים (זיין דייטשער פסיידאָנים מתתיהו אחר זאָגט מיר גאָרנישט) האָט ווייניק געשריבן אויף יידיש. ער האָט שטענדיק געשטרעבט צו זיין אַלץ מעגלעכע, נאָר נישט קיין שריפטשטעלער. אַ ציוניסט. דערנאָך אַ אַנטי-ציוניסט, אַ בויער און אַ צעשטערער, און איצט — אַ גאָט-זוכער. די ראָל פון בעל-תשובה איז אים אויך געפאַלן. פאַר עטלעכע יאָר האָט ער אין וואַרשעווער „הזמיר״ געהאַלטן אַ פאָרלעזונג וועגן דעם, אַז דאָס מערב-יידנטום איז פויל און נישטיק, און מיר אין מזרח זענען דאָס לעבעדיקע, און זיי ביי אונז, נישט מיר ביי זיי, דאַרפן לערנען. דער געדאַנק איז נישט זייער ניי, אָבער בירנבוים האָט אים פאָרגעטראָגן מיט אַזאַ שטורמישן אַזאַרט, אַז ס׳האָט אויס-געזען, ווי ער, דער מערב-ייד, זאָל זיך שלאָגן על-חטא פאַר אַלע אין די אויגן און ציילן אַליין מלקות איבער זיך. ס׳איז אַרויס-געקומען אַ ביסל געשמאַקלאָז.

ער האָט דעם דאָזיקן רעפעראַט אַליין צוגעגעבן אַ גרויסן זוערט, בשעת אַן אַרטיקל וועגן אַ יידישן קאָנגרעס, וואָס איז באַלד דערנאָך פון אים געדרוקט געוואָרן, האָט ביי אים אין די אויגן קיין ווערט נישט געהאַט. אָבער דאָס אַרטיקל גראָד איז געווען דאָס עכטע אין אים — מייסטערהאַפט אין דער פאָרם,

איבערצייגנדיק לויט דעם אינהאַלט, אינהאַלטסרייך, שיין און אַזוי איינפאַך — ווי אַלץ עכטע און קערנדיקע קאָן נאָר זיין איינפאַך.

צו דעם יובילעום, וואָס ווערט איצט געפייערט, וועט מסתּמא אויסגערעדט ווערן אַ היפּש ביסל זכיות פון ד״ר בירנבוים: דער דענקער, דער קעמפער, דער בעל-תּשובה, דער אייביק-יונגער א. אַ. וו. אַ שאָד, מען זאָל פאַרגעסן אָן דעם, וואָס ער איז פריער פאַר אַלעם, און וואָס ד״ר בירנבוים אַליין געדענקט אַזוי זעלטן — אַז ער איז אַ יידישער שריפטשטעלער, בעסער געזאָגט: אַז ער דאַרף עס צו זיין.

אונזער פּובליציסטיק איז אָרעם. דער צושטאַנד פון דעם טייל פון אונזער ליטעראַטור איז קלאָגעדיק נידעריק. דאָ שטייט גרייט אַ בכבודיקע פּאָטער-שטול פאַר אַ מענטש פון גייסט, קולטור און סטיל. ד״ר בירנבוים וואָלט ביי אונז געהאַט דעם פּלאַץ אויבן-אָן, ווען ער וואָלט אָפטער טעטיק געווען. דאָ דאַרף מען נישט איבערבויען וועלטן, נישט מאַכן קיין גייסטיקע רעוואָלוציעס, און נאָך ווייניקער — ווערן אַ בעל-תּשובה. אַביסל קולטור אַריינברענגען אין אונזער פּאַרווילדקייט, אַביסל געדאַנקען אין אונזער פּוסטקייט, אַביסל ערנסטקייט אין אונזער צעלאָזנקייט — אַ גענוג שיינע אויפגאַבע איז עס.

דאָס בעסטע, וואָס איך וואָלט געוואונטשן ד״ר בירנבוימען צו זיין יובילעום, איז, אַז ער זאָל זיך אַליין דערקענען, און אָנשטאָט אַ גאַסט, זאָל ער ווערן אַ תּושב אין אונזער ליטעראַטור.

דאָס וואָלט נוצלעך געווען פאַר ביידע צדדים: פאַר אים און פאַר אונזער ליטעראַטור.

ש״י איש הורוויץ

ש"י איש הורוויץ איז אַ מענטש, וואָס וואָלט געקאָנט זיין זייער נוצלעך אין אַ פּאַרס, לאַכנדיק צו מאַכן דעם עולם.

ער האָט געדאַרפט צו פאַלן אין די הענט פון אַ פריילעכן טעאַטער-שרייבער, וואָלט די וועלט הנאה געהאַט פון אים.

ווען דער וואָגן וואָלט אַריין מיט די רעדער אין זאַמד, און דער בעל-עגלה מיט אַלע פּאַסאַזשירן מיט דעם אָרעמען פערדל וואָלטן זיך געפּאָרקעט, געשטופּט אַהין און צוריק, געפּרואווט די רעדער אויפצוהויבן און זיך אפשר צעקריגט צווישן זיך, נישט געפינענדיק קיין עצה, — וואָלט ער געשטאַנען, דער פּראָווינציעלער חוקר, וואָלט געגלעט די באָרד און וואָלט גענומען פרעגן טיפ-זיניקע קשיות וועגן דעם עצם מהות פון אַ ראָד און פון זאַמד, וועגן דעם גאַנצן ענין פון פערד-און-וואָגן און זייער תכלית אויף דער וועלט.

האָט זיך ש"י איש הורוויץ פאַרגלוסט צו זיין דער חוקר און דער קשיא-פרעגער גראָד אין דער העברעישער ליטעראַטור און דאָ אויספּאַקן זיינע קלאָץ-קשיות. טוט ער דאָס. קיין טענות קאָן מען צו אים נישט האָבן, ער באַצאָלט פון דער אייגענער קעשענע פאַר דעם פאַרגעניגן. ער לאָזט זיך קאָסטן געלט אויף די זאַמל-ביכער „העתיד", וואו ער האַלט אין איין פרעגן:

צו וואָס עקזיסטירן יידן?

וואָס איז דער תכלית דערפון?

וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?

אפשר גראָד פאַרקערט, פּונקט קאַפּויר: זאָלן אפשר יידן אינגאַנצן אויפהערן צו עקזיסטירן?

אַ סברא, אַז פון ציוניזם וועט גאָרנישט אַרויסקומען, און

דער טעריטאָריאַליזם וועט נישט מקוים ווערן, און די העברעישע ליטעראַטור וועט נישט קאָנען עקזיסטירן, — הייסט, ממילא, אויב אַזוי, טאָ וואָס-זשע, רבותי? —

און אַזוי כסדר, אין דעם זעלבן נוסח, טוט ער און פרעגט יאָר-איין, יאָר-אויס.

האָט מען דאָס ערשטע מאָל געהערט, האָט מען אים געענטפערט.

— רבנו מקשן! גאַראַנטיעס קאָן אייך קיינער נישט געבן. גלייבט איר נישט אין „תחית-המתים", האָט קיינער צו אייך קיין טענות נישט. טוט, ווי איר פאַרשטייט.

מיר ווילן לעבן — דאָס איז דער פאַקט. פון דעם פאַקט שטאַמט אַלץ, וואָס מיר טוען, וואָס מיר האָפן. אַלץ איז דאָ צו זוכן.

זענט איר שוין צופרידן, הער ש״י איש הורוויץ?

ער מאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט צופרידן געווען. אָבער אין אַ וואָך אַרום נעמט ער ווידער גלעטן די באָרד און עס הויבט זיך אָן גאָר אויפסניי: צו וואָס? און צו ווען? און וואָס איז דער תכלית?

עס איז אַ מעשה אָן אַן עק.

אויף דער סצענע, אויב מען זאָל אַזאַ טיפ פאָרשטעלן, וואָלט ער געווען קאָמיש.

אין לעבן איז ער לאַנגווייליק, שרעקלעך נודנע.

פאַראַן אָבער נאַיווע מענטשן, נעמען זיי דעם צייט-פאַרטרייב פון ש״י איש הורוויץ גאַנץ ערנסט און טראַגיש. און עס שיטן זיך פראָטעסטן געגן אים, — וואַרט צו אַביסל, און דער קאָמישער חוקר וועט ווערן אַ נרדף, אַ הייליקער, וואָס ליידט צוליב זיין אַפיקורסות.

למען השם, לאָזט אים! זאָל ער פרעגן, עס וועט אים דאָך ענדלעך מיאוס ווערן די מלאכה, און עס וועט נעמען אַ סוף.

ישראל זאַנגווילס טויט

איך האָב ישראל זאַנגווילן אין מיין לעבן נישט געקאָנט, אָבער זיין טויט האָט מיך איבערראַשט און נידערגעשלאָגן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער טויט פון אַ נאָענטן, דעם נאָענטסטן.

און אַנטשולדיקט פאַר אַ סענטימענטאַליטעט: איך פיל מיך. ווי אַ יתום; דעם מענטש וועל איך קיינמאָל, קיינמאָל מער נישט זען.

פון אַלע באַרימטע יידישע מענטשן, פון די קלינגענדיקע נעמען, האָב איך איינעם נאָר געגאַרט צו זען, געוואָלט הערן זיין שטים און פילן זיין בליק — ישראל זאַנגווילן. און עס איז נישט באַשערט געווען.

דער גרעסטער ייד פון אונזער צייט. נישט לויט זיינע מעשים און דערגרייכטע רעזולטאַטן, נאָר לויט זיין אינדיווידואַ-ליטעט. ישראל זאַנגוויל איז געווען דאָס לעבעדיקע געוויסן פון יידישן פאָלק.

דאָס געוויסן שאַפט נישט, אָבער ס'קאָנטראָלירט, און האָט זיין אויג אומעטום.

ווען מען האָט געטראַכט וועגן יידישן פאָלק, וועגן זיינע וועגן און אומוועגן, וועגן זיינע פלענער און בלאָנדזשענישן, האָט מען געמוזט טראַכטן וועגן ישראל זאַנגווילן: וואָס זאָגט ער דערצו? ווי איז זיין מיינונג?

אַ מענטש פון עקסטאַז, אָבער אַן עקסטאַז, וואָס פאַרטומלט נישט, אַן עקסטאַז פאַרייניקט מיט זעלבסטקאָנטראָל, קיל ביים באַטראַכטן, וואַרעם ביים ווירקן — אָט אַזוי האָט צו מיר גערעדט אומבאַקאָנטערהייט זיין פערזענלעכקייט.

עס איז נישט איבערטריבן. אָדער גלאַט אַ גוט ווערטל,

ווען איך וועל זאָגן, אַז ער איז* געווען דער גרעסטער ציוניסט און דער גרעסטער אַנטי-ציוניסט צוזאַמען.

ער איז געווען דער מענטש, וואָס האָט אַמטיפסטן דערפילט די „יידן-נויט”, וואָס האָט אַממיינסטן באַגערט אַ ראַדיקאַלע ענ-דערונג; און ער איז עס געווען, וואָס האָט אַממערסטן געפילט דעם ווייטאָג פון דער באַגרענעצטקייט, פון גרויסע ווערטער און צרהדיקע מעשים.

ער איז געווען שיין און גרויס אין זיין עלנטקייט און פאַרלאָזטקייט די לעצטע יאָרן. ער האָט רעוואָלטירט אין ציוניזם, געשאַפן די טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטיי, אָבער זי איז צערונען און צעשוואומען, און ער איז געבליבן מיט זיינע אידעען, מיט זיין אינערלעכן ביטערן געשריי נאָך אַ פּלאַן פון ראַדיקאַלער הילף פאַרן פאָלק.

און בלייבנדיק אַליין, איז ער נישט געוואָרן קיין פאַר-ביטערטער און זויערער, אַזוי ווי דאָס פּאַסירט אָפט מיט געוויינלעכע מענטשן, אויסגעגליטשטע. ער איז אין זיין איינזאַמקייט געבליבן גלייך זיך אַליין. קלאָר, רואיק, שניידיק, און אין בעסטן הומאָר און מיט אַ גוטן גלויבן.

אין יעדער איינציקער רעדע פון ישראל זאַנגוויל, אין יעדן אַרטיקל זיינעם, איז געווען גרויסקייט פון גייסט, ריינקייט פון געדאַנק. ער איז געווען אַ גוטער געניטער קעמפער, מיט סאַרקאַזם און וויץ, אָבער ער האָט דאָס געווער באַנוצט ווי אַ דזשענטעלמען. ער האָט קיינעם נישט פאַרלעצט, אַפילו נישט די אידעע, וואָס ער האָט באַקעמפט.

ווער עס באַליידיקט אידעען, דער באַליידיקט מענטשן. זענען דאָך אידעען שטיקער מענטשלעך לעבן. און צו מענטשלעך לעבן, וואָס עס זאָל נישט זיין, וואו און ווי עס זאָל נישט זיין, מוז מען האָבן רעספּעקט. ווייל דאָס איז דאָס איינציק רעאַלע, וואָס מיר מוזן שאַנעווען אַפילו, ווען מיר האָבן שוין אַלץ אָפּ-געלייקנט.

ישראל זאַנגוויל איז קיינמאָל נישט געווען קליינלעך. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט אין דיין פּאָלעמיק צו פאַר-

טייאישקייט. זיין שטים האָט שטענדיק געקלונגען ריין און דער־הויבן.

און ווען ער איז געבליבן שטום, ווען ער האָט שטיל־געשוויגן, איז ער אַלץ נישט געווען אָפּוועזנדיק. ווען ער האָט געשוויגן, האָט דאָס געמוזט זיין באַגרינדעט, פּונקט אַזוי ווי זיין רעדן: נישטאָ איצט וואָס צו זאָגן.

ער איז נישט אַוועק פון יידישן לעבן, ווי איינער, וואָס גיט אַ מאַך מיט דער האַנט אויף אַלץ. ער האָט געוואַרט, אויף עפּעס געוואַרט, כאָטש נאָך מיט אַ צייט צוריק האָט ער אין אַמעריקע דערקלערט, אַז ער לעבט-אָפּ זיינע לעצטע טעג. ער האָט זיך, ווי מיר איז באַקאַנט, נאָך די לעצטע טעג אינטערעסירט מיט אַלערליי פּלענער פון יידישן לעבן, און איז גרייט געווען אָנ־צוהויבן פונדאַסניי ביי יעדער געלעגנהייט, ווען די פליכט וועט אים רופן.

ישראל זאַנגוויל האָט נישט פאַרנומען קיין שום אַזוינע פּאָסטנס אין יידישן לעבן, וואָס וועלן איצט, נאָך זיין טויט, בלייבן אומבאַזעצט. ער איז נישט געווען קיין פירער פון קיין פּאַרטיי און נישט קיין „כלל-טוער". און ער לאָזט דאָך איבער נאָך זיך לעערקייט, וואָס קאָן נישט אויסגעפילט ווערן.

דער מענטש פון גרויסן יידישן געוויסן איז אַוועק.

ד״ר הערצל

צוויי ביכער

(הערצלס ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט)

טעאָדאָר הערצל האָט אַ מערקווירדיק בוך — „פּאַלע בורבאָן“, דער בורבאָנישער פּאַלאַץ, דער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט. דאָס בוך שטאַמט פון דער צייט, ווען ער איז געווען דער פּאַריזער מיטאַרבעטער פון דער „נייער פרייער פרעסע“; אינגאַנצן איז עס אַ ריי פעליעטאָנען וועגן פראַנקרייכס פּאָליטיקער און פּאָליטיקאַנער. אַזוי ווי אַלץ, וואָס איז אַרויס פון הערצלס פעדער (נישט אַלס ציוניסט) צייכנט עס זיך אויס מיט דעם עכט־ווינערישן, פיינעם און גראַציעזן הומאָר. עס דאַכט זיך, אַז דער שרייבער פילט זיך אין „פּאַלע בורבאָן“, וואו דער שיקזאַל פון פראַנקרייך ווערט געלענקט, אַזוי ווי אין אַ טעאַטער, אויף אַן אַמוזאַנטער, באָר אין תוך אַריין אינהאַלטלאָזער פאָרשטעלונג. די מענטשן, וואָס קומען דאָרט פאָר, זענען בעצם אַלע קאָמעדיאַנטן, איינער שפּילט בעסער די ראָל, איינער שפּילט ערגער. ווערט זענען זיי אַלע נישט פיל. טייל זענען, ווי די וועלף, בייז און הונגעריק, טייל, ווי די קעץ, גיריק און כיטרע. טייל מאַכן זיך ריין דעם וועג צו זייער קאַריערע מיט די פויסטן, טייל טוען דאָס קריכנדיק. דאָס פאָלק ווערט כסדר גענאַרט, פאַרבלענדעט פון פראַזן, פון געשעפטן, פון שיין רעדן, און ערגער פון אַלץ — וואָס דאָס פאָלק וויל נישט מער, ווי זיין גענאַרט. דער ווילער אינטערעסירט זיך העכסטנס מיט זיין שטאָט, ער וויל, מען זאָל אים מאַכן אַ שאָסע, דער קאַנדידאַט זאָגט עס צו, און ווערט דעריבער געוויילט, כדי צו האַלטן אין „פּאַלע

קורבאָן" שיינע רעדעס, אָדער צו דערשלאָגן זיך צו דער טעקע פון אַ מיניסטער.

מאָדנע נישטיק קומען זיי אַליין אַרויס, די גרויסע פּאָליטיקער פון פראַנקרייך: פּואַנקאַרע, דעשאַנעל, קלעמאַנסאָ, ריבאָ א. אַ. וו. עפּעס איינער אַ יונגערמאַן פון דרום, נידעריק געוואַקסן און מיט אַ באָרד, שטעלט אָפּ אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון הערצלען. צי זאָל עס דער טאַקע מיינען ערנסט! ער באַהאַנדלט דאָרט זשאָרעסן.

דאָס בוך איז זייער גייסטרייך געשריבן. עס דאַכט זיך, אַז דער שרייבער איז גאָר נישט אויסן, ווי נאָר צו פּלוידערן אַביסל מיט די לעזער און זיי אונטערהאַלטן וועגן פראַנקרייכס אינערלעכער פּאָליטיק און פּאָליטיקער. און דאָך רעדט פון דעם בוך אַרויס אַ גאַנצע פּאָליטישע וועלט-אַנשויאונג. עס איז נישט בלויז געמיט און שטימונג, וואָס איר טראָגט אַרויס, נאָר אַן אַטענטאַט אויף אייערע געוויינלעכע דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען (וועלכער ייד איז דאָס נישט אַן איבערצייגטער דעמאָקראַט?), געמאַכט פון אַ פיינער קינסטלערישער האַנט.

איר לייגט אַוועק דאָס בוך פון האַנט, און פּלוצלינג דערפילט איר, אַז דער מחבר האָט אייך אונטערגעטראָגן אַ סאַרקאַסטישן געזאַנק:

— אָט איז ער, דער דעמאָקראַטיזם, די פאַלשע שפּיל מיט דעם אַזוי גערופענעם „ווילן פון פאָלק".

דאָס בוך איז אַ טאַלענטפולער קרומער שפּיגל פון דער דריטער רעפּובליק, פון פראַנקרייכס דעמאָקראַטיזם.

דער דאָזיקער זשאָרעס, דאַכט זיך, מיינט טאַקע די זאַך ערנסט. דער עלנט און די נויט זענעןווירקלעך גרויס, אָבער די נויט איז אומפאַרמיידלעך אויף דער וועלט — שפּינט זיך ווייטער דורך אַ געדאַנק אין דעם זעלבן בוך. מען רעגט אויף דאָס פאָלק, און שטילן זיין הונגער קאָן מען נישט.

אומגעפער אַזוי שטימט אייך דאָס בוך.

עס רעדט מיט האַלבע ווערטער, אַ מעלאַנכאָליע ווייעט דערפון.

אַ מידער מענטש זאָל זיין דער מחבר? אַ קהלת?

איר שטוינט געוואָר צו ווערן, אַז דער מחבר פון דעם בוך איז דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן עטלעכע און דרייסיק יאָר. וואוילהאָבנדיק, רייך געניג, שיין און געזונט, געליבט און געאַכטעט — מיט אַלע מעגלעכקייטן אויף גליק.

און דאָך איז דער מענטש אָפּגעריסן פון דעם לעבן, ער קוקט דערויף, ווי אַ מענטש פון אויסן, ווי צווישן אים און דער דאָזיקער וועלט, וואָס ער באַשרייבט, זאָל זיך געפינען אַ מחיצה, אַ דורכזיכטיקע וואַנט, דורך וועלכער ער זעט אַלץ — עבן ווי אין אַ קרומען שפּיגל — די קאָמישע זייטן.

דער מענטש האָט געליטן אויף עפּעס אַ באַהאַלטענע קראַנקהייט, באַהאַלטן, דאַכט זיך, אַפילו פאַר אים אַליין.

און די קראַנקהייט איז געווען — זיין יידישע אָפּשטאַמונג.

ווען איר פאַרגלייכט דעם טאָן און דעם סטיל פון „פּאַלע בורבאָן" מיט דעם טאָן און סטיל פון זיין „יודענשטאַאַט", קאָנט איר קוים גלויבן, אַז די ביידע ביכער האָט איין מענטש געשריבן. דאָ איז מעלאַנכאָליע, מידע פילאָזאָפיע, סקעפּטיציזם, האַלבע טענער, אַ שטימונג פון בין-השמשות; דאָרט — מונטערקייט, קלאָרקייט, גלויבן.

אין אמתן אַריין, איז דאָס מער נישט געווען דער זעלבער מענטש, וואָס האָט דאָס צווייטע בוך געשריבן. דאָס איז געווען אַ ניי-געבוירענער. יונגע און פרישע כּוחות האָבן געשלומערט אין דער רייכער און שיינער פּערזענלעכקייט, אָבער זיי זענען געשטיקט געווען פון זיין יידישער קראַנקהייט. ער איז געווען אַ פרעמדער אויף דער חתונה. נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, איז ער גע-שטאַנען אין אַ ווינקעלע, און האָט נאָר איראָניש געשמייכלט. ערנסט און אויפריכטיק אין זיין אינערלעך וועזן, האָט ער עמ-פּונדן, אַז מיט דעם שפּינוועבס פון בערזע-קאָסמאָפּאָליטיזם קאָן מען נישט אויספילן דאָס אָרט פון נאַטירלעכע פּעדעם. דער דאָזיקער מענטש, וואָס די פּאַריזער סאַלאָנען זענען פאַר אים אָפן געווען, וואָס האָט געהאַט ווייטע באַציאונגען, אַלס אַ פאַר-שטייער פון דער וועלט-פּרעסע אין דער וועלט-שטאָט פּאַריז, איז געווען שרעקלעך איינזאַם.

און אָט קומט איין איינדרוק — די סצענע, ווי מען רייסט אַרונטער די שליפּעס פון דרייפוסן — און הערצל נעמט זיך צו שרייבן זיין „יודענשטאַאַט". ער חלומט אפילו דעמאָלט נאָך נישט אַליין צו ווערן אַ פּאָליטיקער, אַ פירער, וואָס האָט צו טון מיטן „ווילן פון פאָלק", פאַר וועלכן ער האָט ביז אַהער נאָר אַן איראָנישן שמייכל. ער איז אַלץ נאָך שריפטשטעלער, ער האָט דאָס זייניקע געטון. ער האָט געשריבן, אַנדערע זאָלן נעמען טון. אַזוי האָט ער דעמאָלט געשריבן צו זיינעם אַ באַקאַנטן. אָבער ער האָט אַליין געהאַט אַ טעות. ער איז איצט מער נישט געווען סקעפּטיקער און איראָניקער. אין „יודענשטאַאַט" האָט זיין סטיל פאַרלוירן די ווינער וויכקייט, די ווייבערישע גראַציע, די געדאַנקען — זייער פאַרחלומטקייט און מידקייט. דאָס בוך האָט אים אויסגעהיילט פון זיין קרענק. ווי אַ כשוף איז אַראָפּ דערמיט פון זיינע יונגע פרישע כוחות.

ער האָט זיך אַליין אויסגעלייזט אין דעם בוך.

מיט אַמאָל איז פאַרשוואונדן די מידע פילאָזאָפיע פון דעם יונגען קהלת.

ווען איר לייענט „פאַלע בורבאָן", דאַכט זיך אייך, אַז לויט דעם שרייבערס מיינונג, וואָלט מען געמעגט נעמען די אַלע פּאָליטיקער און רעדנער פאַר די קעלנער און אַרויסשטעלן הינטער דער טיר, אַלס די פאָרשטייער פון דעמאָס, פון פאָלק, וואָס ווייסט אַליין נישט, וואָס עס וויל.

נאָך דעם „יודענשטאַאַט" פאַרשווינדט דער אַריסטאָקראַטיזם. ער האָט מער קיין גלויבן נישט, ווי נאָר אין פאָלק, וואָס וועט זיך אַליין העלפן. די אַלע פילאַנטראָפּן און די פאַרזאָרגער זענען פאַרבלענדעט, נאַריש און פויל: דעם אמת און דעם זין איז צו זוכן אין די אינסטינקטן פון די ברייטע מאַסן.

מיט „יודענשטאַאַט" האָט הערצל נישט נאָר אַ באַוועגונג געשאַפן, נאָר זיך אַליין אויך איבערגעשאַפן.

יהואש

(שלמה בלומגארטן)

ריטם און מעלאָדיע.

יהואש: נייע לידער. צווייטער באַנד

איר ליגט אין וואַלד אין אַ הייסן זומער-טאָג, אָטעמט מיט שווערער דורכגעברענטער לופט, אין אייער האַרץ דריקט עפעס אַ מאַטערניש, וואָס פעלט דאָך קיינמאָל נישט אין אַ לעבן. ס'איז בעצם אַ שווערע וועלט און אַ לאַנג לעבן. נחת — אַזוי ווייניק, מאַטערניש — אַזוי פיל; דער זומער איז אַזוי הייס און שווער, און דער וואַלד האָט אַזוי ווייניק שאָטן... שווערע, פוילע, דריקנדיקע געדאַנקען שלעפן זיך אין קאָפ, — אַן אומזיניקער פלאָנטער, דער כאַאָס און די דיסהאַרמאָניע, פון וועלכע די מאָדערנע פערזענלעכקייט זוכט ערגעץ-וואו צו אַנטרינען און וואָס זי געפינט אַזוי זעלטן.

שטיל איז אין וואַלד. נאָר אָט האָט זיך פון ערגעץ אַ בוים אין דער טיפעניש פון וואַלד אָנגערופן דער קו-קו. אַן אָרעם ליד קלינגט דורך דער לופט. צוויי טענער פאַרמאָגט אינגאַנצן דער פויגל, וואָס האָט קיין ליבע נישט אַפילו צו אייגענע קינדער, און דאָך שלינגסטו אַזוי גערן דאָס אָרעמע ליד. *דאָס איז נישט קיין מעלאָדיע, נאָר בלויז ריטם.* מאָדנע באַרואיקט עס דאָס געמיט. ווי אַ זיידענער פליגל וואָלט געפאָכעט איבער דעם שווערן כאַאָס פון דיין נשמה און געלינדערט דאָס מאַטערניש און געטרייסט: קו-קו, קו-קו, קו-קו... עס וועט זיך אַזוי ציען אין דער אייביקייט אַריין.

אין אַ ליכטיקער לבנה-נאַכט, פרילינג-צייט, טרילערט דער שפיל-פויגל. ווי מיט אַ ווייסן שניי באַוואָרפן, שטייען די ביימער אין זייערע בליטן. דו מיט דיין כאַאָס — אינמיטן. וואוהין האָט

דיך דאָס ליד פאַרפירט? איז אַ נייע וועלט דיר אויפגעגאַנגען? אַ נייער קוואַל פון נחת און אַנטציקונג איז אין דיין נשמה אויפגעגראָבן געוואָרן? — נו, זע, מענטש! דו האָלסט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, אַ ציטערדיקע לופט פליסט דורך דיין בלוט, און לייכט זענען דיינע טריט געוואָרן. וואָס איז געשען? —

און אָט האָט אַ לייכטער ווינט געמאַכט ציטערן די צווייגן, אַ שטערן פון הימל איז געפאַלן, דער פויגל האָט זיך פאַרקייכט אין שטילע, גיך-גיכע טרעלן... דו האָסט זיך פאַרבענקט נאָך דיין יוגנט? נאָך דעם ערשטן מיידלשן רייץ, וואָס האָט דיין לוסט דערוועקט? ווי גיך דאָס לעבן לויפט. ווי קורץ עס איז! איך האָב מורא: דאָס ליד וועט ווערן איבערגעריסן, נאָך דער לבנה-נאַכט וועט קומען אַ טאָג, און דער הימל וועט פאַרצויגן ווערן מיט אַ כמאַרע... האַלט פעסט די רגע, דעם אויגנבליק!

דאָס איז די מעלאָדיע און איר פאַרפירערישע מאַכט.

גאָט אין הימל באַשאַפט נייע שאַרן פון מלאכים יעדן פרימאָרגן: דער דיכטער גיט אונז נייע נשמות, נייע קוואַלן פון לוסט, אַנטציקונג, שיינקייט, בענקשאַפט און אַלע אַנדערע געפילן, וואָס מאַכן פון דעם כאַאָס — האַרמאָניע, וואָס באַוועלטיקן און פאַרפירן דעם צעבראָכענעם גייסט. ער שאַפט די אילוזיע, דאָס נישט-געוועזענע פאַר אים.

אויב די וועלט איז ליידן, איז די מעלאָדיע דאָס נחת פון דער וועלט: דער ריטם — דאָס שטיל-שווייגן, דאָס פאַרגלעטן און פאַרלינדערן פון דעם מאַטערניש.

* *

*

יהואשס לידער זענען ריטם. איך רעד נישט איצט פון דער פאָרם, נאָר פון גאַנצן אינהאַלט, פון דעם גאַנצן מין יהואש. ער זינגט פון לעבן און טויט, פון האָפענונגען און יאוש, פון גלויבן און צווייפל, פון לעבנס-לוסט און מידיקייט, פון ליבע און גרויזאַמקייט, פון דערהויבענע מאָמענטן און דער

נידעריקער ווירקלעכקייט א. אַ. וו. א. אַ. וו. ער איז דער פּאָעט פון גייסטיקע איבערלעבענישן: אַ ליריקער.

און עס פאַרשטייט זיך, אַז פון די עקסטרעמען האָבן טויט, יאוש, צווייפל, מידיקייט א. אַ. וו. די אויבערהאַנט. איז אָבער דער אונטערשיד, וואָס די איבערלעבענישן מאַטערן געוויינלעך אונזער גייסט, דריקן דאָס געמיט, פלאָנטערן זיך כאַאָטיש; ביי יהואשן ווערט פון דעם אַלעם אַן אייגנאַרטיקער ריטם, אַ געלאַסענער, אַביסל אַ מאָנאָטאָנער ריטם, וואָס שטילט-איין, באַרויִקט, גלעט דעם מידן קאָפּ. לאָמיר זוכן אַ שאָטנדיקן בוים, אָנלענען דעם קאָפּ אויף דער האַרטער ערד, האַלב פאַרמאַכן די אויגן, און פאַרזאָרגט און שטיל-שווייגנדיק וואַרטן. די וועלט איז שווער, מאַטערנדיק, פאַרדאָרבן, און קאָן נישט און וועט נישט בעסער זיין...

יהואש וועט אייך אָבער זייער זעלטן מיטרייסן מיט זיך, ער פאַרמאָגט נישט די פאַרפירערישע מאַכט פון דעם זינגער, וואָס באַפאַלט אייך און באַוועלטיקט אייך און מאַכט אייך פאַרגעסן אייער גאַנצן באַלאַסט פון לעבן; וואָס באַשאַפט אייך אַן אילוזיע — זאָל זיין אויף אַ קורצע ווייל — און אַ האַרמאָנישע שטימונג, — אַ מעלאָדיע.

איר לייענט די לידער, און איר בלייבט אַלץ ווייטער לעבן אין אייער וועלט: איר בלייבט מיט אייערע געדאַנקען, געפילן און איבערלעבענישן, נאָר עפּעס איז רואיקער געוואָרן אין אייער גייסט, עפּעס איז פאַרגלעט געוואָרן, שטיל געוואָרן.

איר האָט אייך שוין געוויס נישט איינמאָל איבערצייגט אין אייער לעבן, אַז די פרייהייט פון אייער ווילן איז אַ פיקציע, אפשר האָט איר אין אַ האַנטבוך פון דער פילאָזאָפיע שטודירט די פּראָבלעם פון פרייען ווילן און די קויזאַליטעט. פונדעסטוועגן לייענט דורך דאָס ליד (ז. 19) „ווייל און מוז" ביי יהואשן, און איר וועט פילן, ווי די גרויסע אַנטוישונג ווערט דורכגעלעבט ריטמיש.

שרעקט אייך די אומענדלעכקייט מיט דעם שטומען סוד, וואָס זי באַהאַלט? ווייסט איר, אַז איר זענט אַריינגעוואָרפן

געוואָרן אין דער דאָזיקער וועלט אַריין בלויז מיט אייערע פינף חושים, און אייער פאַרשטאַנד איז באַגרענעצט? — פונדעסטוועגן לייענט „דעם גבול" (ז. 7) „שכל במקום גאָט" (ז. 11), „גאָט־זוכעניש" (ז. 15), און זוכט נישט קיין פילאָזאָפישע פאַרטיפונג. די אַלע אידעען ווערן שטענדיק באַגלייט פון אַ געוויסן געפיל, פון אַן איבערלעבונג; יהואש האָט זיי אויפריכטיק דורגעלעבט, און זיי קלינגען ווי אַן עכאָ פון זיין ריטמישער נשמה.

* *

*

די אַלע פראַגמענטע געדיכטן געפינען זיך אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון דעם בוך און טראָגן דעם נאָמען „לעבן און גלויבן". יהואשן קומט דאָ אויס צו אַרבעטן מיט באַגריפן, וואָס זענען ביז אַהער פרעמד געווען דער יידישער גאַס און דער יידישער שפּראַך. בשעת ווען לשון־הקודש האָט אַזאַ גרויסן שאַץ ווערטער אויף פּסיכישע צושטאַנדן, האָט די יידישע שפּראַך, די וואָכעדיקע, געמוזט נעמען די אַלע ווערטער גרייט פון העברעישן. נאָר מוז מען זען צו נעמען מיט אַ מאָס, עס זאָל נישט קלינגען פרעמד. יהואש האָט די אויפגאַבע נישט דערפילט. ער רעכנט זיך בכלל ווייניק מיטן גייסט פון דער שפּראַך. ער האָט ליב די דייטשע פאָרם פון צווילינג־ווערטער, וואָס מען דאַרף אין יידיש פאָרזיכטיק באַנוצן; דערביי קומען ביי אים אויס געפּאָרט אַ דייטשיש וואָרט צוזאַמען מיט אַ העברעיש וואָרט („און דו ביסט דאַן ביחידות", „רולאָזן חלקים־טאַנץ", א. ד. ג.).

די צווייטע אָפּטיילונג „געשטאַלטן און שאָטנס", וואו די אויגן פון דיכטער זענען געווענדעט שוין מער אויף דער אויסן־וועלט, ווי אויף די אייגענע איבערלעבענישן, האָט שוין אַ פרייערע שפּראַך, און פאַראַן דאָ געדיכטן, וואָס פאַנגען דאָס האַרץ פון לעזער מיט דער אוממיטלבאַרקייט פון געפיל. למשל, דאָס געדיכט „טויט" (ז. 59), וואָס דערציילט פון אַ טויט פון אַ חבר און לאָזט איבער אַ גאַנצן איינדרוק. דאָס איז אַ טרויעריקע, כאָטש נישט

אָריגינעלע מעלאָדיע. אַ גאַנצן איינדרוק מאַכט אויך דאָס געדיכט די „מצורעים" ז. 69), ווען דער נאָמען וואָלט נישט געקלונגען אַזוי נישט־עסטעטיש.

די שוואַכסטע אָפּטיילונג פון דעם בוך זענען די „צייט־לידער". אויב דער ערשטער טייל איז דורכגעלעבטע פילאָזאָפיע, איז דער דריטער שלעכטע פובליציסטיק, אַ מין פּראָטעסט אין גראַמען קעגן דער געלער אַמעריקאַנישער פּרעסע און דעם גאַסן־סאָציאַליזם מיט די „פּאָליטישענס". „פון אַ רעוואָלוציאָנערן סיפור" איז פּשוט אויפגעשריבן ווי אַ שטיק כראָניק אין אַ ראַדיקאַלער צייטונג. אין אַ שווערער, אומגעלומפּערטער, כמעט נישט־פּאַר־שטענדלעכער שפּראַך זענען געשריבן די איבערגעזעצטע לידער פון אָמאַר־כאַיאַס; געלונגענער איז שוין די צווייטע איבערזעצונג „סאַקיאַ מוני", פון מערעזשקאָווסקי. פּאַר דאָס ברענגט די פּרייע לוסטיקע שפּראַך אין דער לעצטער אָפּטיילונג, „אין לאַך־שפּיגל", גאָר אַן איבעררעאַשונג. יהואשן דאַכט זיך, אַז ער נידערט אַראָפּ פון זיינע פילאָזאָפישע לידער און אַנטשולדיקט זיך אַזש פּאַרן לעזער אין אַ טאָן פון סאַרקאַזם:

איצט האָב איך גלעקלעך אָנגעטאָן
און רעד מיט קאָמעדיאַנטן־טאָן
און פיטער זיי מיט שפּאַסן,
און זע, ווי אַלע קוועלן אָן,
נאָר איך, איך מוז זיי האַסן...

מוז איך מיך אָבער אַליין, דער שרייבער פון די שורות, צוציילן צו די געהאַסטע פון דיכטער, די געדיכטן ווי: „דור־הפלגה", „כאַ־כאַ־כאַ אַ קאָנסטיטוציע" לייענט מען מיט אמתן פאַרגעניגן, און עס קלינגט אין זיי אַ נישט־געפּעלשטער און נישט־געקינסטלטער הומאָר:

דער טאַטע איז אַ קלוגער ייד,
האַלב משכיל און האַלב פרומער,
ער גלויבט אין כרמל־ווייַן און גלויבט —
אין יין־המשומר...

עס באַקומט זיך כמעט אַ בילד.

עס איז אַ מאָדנער איינדרוק, וואָס איך באַקום שטענדיק פון יהואשס אַ בוך. עס איז אַ מענטש מיט אַן אומבאַדינגטער דיכטערישער באַגאַבונג. נאָר דאַכט זיך אַלץ אויס, אַז ער האָט די ריכטיקע פאָרם פאַר זיין „איך" נישט געפונען. די ערשטע לידער זיינע, ווי „מזמור שיר ליום השבת" און אַנדערע, וואָס זענען געדרוקט געוועזן אין י. ל. פּרצס אויסגאַבן, האָבן זייער פיל צוגעזאָגט, מער ווי יהואש האָט געגעבן. אפשר איז אַמעריקע, די נייע היים פון דיכטער, שולדיק דערין? ער איז אין דעם נייעם לאַנד געבליבן אַ גר, האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו דעם גרויסן טומלדיקן און קרעפטיקן לעבנס-יריד. און ער איז געבליבן ווי אָפּגעריסן, ווי הענגען צווישן צוויי וועלטן.

צי איז נישט דאָס דער סוד פון זיינע אַנמעכטיקע גאָט-זוכענישן און פאַרטיפונגען אין די אייגענע איבערלעבענישן, וואָס האָט ביז אַהער קיין מעלאָדיע נישט געגעבן, נאָר אַ מאָנאָטאָנעם ריטם? —

אַ בלימל איז אויסגעריסן געוואָרן פון זיין שורש, און קאָן נישט איינגעפלאַנצט ווערן אויף אַ נייעם באָדן...

איזי כאַריק

דער קאָמוניסטישער פּאָעט

איזי כאַריק איז דער אָפיציעלער, דער הויף־פּאָעט, ביי די יידישע קאָמוניסטן, דאָס, וואָס מאַיאַקאָווסקי איז ביי די רוסן: דער ריכטיקער, דער פּראָלעטאַרישער, דער 100־פּראָצענט כשרער. עס איז אָבער פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד צווישן די ביידע, און דער אונטערשיד פאַלט אויס צום גונסטן פון יידישן קאָמוניסטישן הויף־פּאָעט. מאַיאַקאָווסקי איז אַ שרייער, אַן אַגיטאַטאָר און בלאָפט צו ביסלעך צו; איזי כאַריק, דאַקעגן, איז אַ באַגאַבטער יונגערמאַן, אַ האַרציקער און אַ פּשוטער, און בלאָפט קיינמאָל נישט.

דאָס ביכל לידער הייסט „אַף דער ערד”, און אויפן שער־בלאַט וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין (זייער אַ גוטע צייכענונג) אַ שוואַרצע ערד־קויל, און איבער איר פלאַטערט אַ רויטע פאָן. אַז מען לייענט דורך דאָס ביכל (און מען באַדויערט געוויס נישט, וואָס מען האָט עס דורכגעלייענט), ווילט זיך קאָרעגירן די צייכענונג: נישט קיין רויטע פאָן פלאַטערט דאָ איבער דער ערד־קויל, נאָר אַ רויט מענטשלעך האַרץ ציטערט איבער די מינסקער בלאָטעס.

אַ מינסקער בחור און אַ מינסקער פּאָעט. עס איז פול מיט קאָלאָריט, דאָס קליינע באַחנטע ביכל. דער ערשטער סימן, אַז מען האָט צו טון מיט עכטקייט.

און עס לייענט זיך, ווי אַן אויטאָביאָגראַפיע. כאָטש דער גאַנצער פּאָעט איז אַלט מסתמא נישט מער ווי עטלעכע און צוואַנציק יאָר, אָבער ער האָט געלעבט אין די שטורמישע יאָרן פון רוסלאַנד, ער האָט געלעבט אין דער איבערקערעניש, און איז אַליין געווען אַ שטיק פון איר, און ער האָט וואָס צו דערציילן.

ער שילדערט אייך נישט די רוסישע רעוואָלוציע, אָבער ער גיט אייך די האַרץ-באַוועגונגען פון איינעם, וואָס איז געווען אליין אַ שטיק שטורעם. אין דער גאַנצער זיכערקייט און רעוואָלוציאָנערישקייט, אין דער גאַנצער „פאַרמעסטונג״, פילט זיך ביי אים דאָרט און דאָ אַ נאָטע (אַ קליינע, קוים צו הערן!) פון אַ חשבון-הנפש, פון אַ רעפלעקס, פון אַ נישט געפעלשטן צער. עס איז אַ מענטשלעכער דאָקומענט.

עס איז פאַלש, אויב מען שטעלט אַרויס כאַריקן אַלס דעם פראָלעטאַרישן פּאָעט. זיין לאַנדשאַפט איז נישט די פאַבריק און נישט קיין קוימענס, וואָס רויכערן. ער איז נישט קיין קינד פון די מאָדערנע אַרבעט-קאַזאַרמעס. ער איז אַ טיפּישער יידישער בעל-מלאכה. דער פאָטער, דערציילט ער אונז, איז געווען אַ שוסטער:

ער איז געוואַקסן אין מינסק „צווישן הייזלעך נידעריקע, ווי שעפסן אונטער באַרג״.

אין וויג נאָך, אין שטרענגער און האַרטער,
מיט אויגן — צוויי שטיקעלעך טאָג...
פלעג איך הערן: מיין נאָענטער טאַטע
זינגט שוין אין פרישן פאַרטאָג.
אַ פלינקער פויגל פליט און פאַלט טאַטנס האַמער
פאַלט און צאַפּלט צווישן די קני...
און מיר ווערט דעמאָלט נאָענט און וואַרעם
יעדער ריר פון זיין זאַפּטיקער שטים.

ס׳איז אַביסל אידיליש, וואַרעם-היימיש — מיט דעם טאַטן דעם שוסטער.

אָבער דער פעטער זיינער, פיניע, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. קודם-כל איז ער אַ בלעכער, און ער אַרבעט מיט דעם יונגען פיניע צוזאַמען, נישט אין ענגען שטיבל, נאָר אין דער הויך, איבער אַלעמענס קעפּ, אויף די דעכער, און ער, דער אַלטער פיניע, דערציילט דעם יונגען „מעשיות פאַרכטיקע פון בונד״

ס׳איז פיניען גוט צו זיין אַ יונגער בלעכער,

הויך און הילכיק לאַכן איבער דאַך.
שוין הייס דער בלעך, און פייכט איז נאָך דער הימל,
די זון איז נאָענט: נעם און כאַפּ זי אָן...
און אונטן דאָרט דרייט שוין אַ געווימל,
שילדן קרעכצן, און אומרו הויבט זיך אָן.

דער קליינער פּיניע איז אַ יידישער אַרבעטער, וואָס האָט שוין דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער איז עפּעס אַנדערש, ווי די קרעמער. ער איז אויסגעוואַקסן נישט נאָר מיט „מעשיות פאַרכטיקע פון בונד", נאָר אַגיטירט און דערצויגן אין אַ סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע איז ער.

וואָס האָט ער צו די קרעמער, וואָס זענען נישט קיין ערגערע אָרעמע-לייט, ווי ער אַליין? אָבער שוין פון יוגנט אָן שילט ער זיי:

קרעמער איילן זיך, ווי קליינע פלינקע פייערן,
הערצער רייסן זיך און ס׳פלאַפּלען הענט...
פאַרווילט זיך דאָס אַזוי פון טיפן האַרץ אַ שפּיי טון:
— אָ, ווערט פאַרשוואונדן און פאַרברענט!

די פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס" האָט אַ היפש ביסל בונטאַ-רישן פּאַטאָס. עס איז אָבער דאָ אַזוי פיל באַגרינדונג פון אים, אַז ער קומט אַרויס נאַטירלעך און נישט אַגיטאַטאָריש.

פּיניע, פּיניע, דאַרפסט איצט נייע הויזן?
קראַנק ביזטו צו שלעפן זיך אַזוי?
אַך, וואו נעמט מען איצט אַ פּראָסטן גילדן
מיט ברויט מיט וואַרעמען — אַ פולן מויל? —

ס׳איז דער יידיש-ליטווישער האַלב-הונגעריגער אַרבעטער און זיין נאַטירלעך געשריי איז עס.

און אָט איז די לאַנדשאַפט. נישט קיין פאַבריק, נישט קיין רעדער, וואָס לויפן און האַקן, נאָר שווערע לעדערנע פּאַסן, וואָס ציען זיך פּאַמעלעך, שרעקנדיק.

אין יעדן הייזעלע, אין יעדער קאַמער,
רעדט אַ ניי-מאַשין, אַ הובל, צי אַ האַמער,
יעדער איינער מיט זיך, דאָ ביז נאַכט און פון באַגינען,

ביים בויערן, ביים הובלען, ביי דער דראַטווע און ביי
דער נאָל,
זינגט מען הויך און זינגט מען הייס און אַלע מיט אַמאָל:
אַי-אַי-אַי, יאַשקע פאָרט אַוועק...

* *

*

אָט אַזוי איז אויסגעוואַקסן דער פּיניע. ס׳איז יעדער שטריך אין די שורות וואָר. דורכזיכטיק, העל-ליכטיק, אַז ס׳פּרייט אַזש ביז ווייטאָג. און שוין דאָ, אין די יונגע יאָרן פון פּיניען, פילט זיך די שווערע אַטמאָספער פון אָנקומענדיקן שטורעם: ווייטע בליצן אויפן האָריזאָנט.

ער איבערצייגט אונז נישט, ווען ער דערציילט, ווי אַזוי ער לויפט אין די רייכע גאַסן אַריין און וואַרפט דאָרט אַ שטיין אין אַ פענסטער אַריין. אָבער איבערצייגנדיק איז ער, ווען ער דערציילט:

מיר — גאַנצע געסלעך מיט פּיניעס
צו אַלץ און צו גאָרנישט געוואוינט,
מיר קלויבן אין האַרצן אַ שנאה
און ס׳איז האַס אונזער שטענדיקעס ברויט.

דער שטורעם איז דאָ. די רעוואָלוציע. די פּיניעס זענען די באַלעבאַטים פון דער שטאָט.

ס׳איז גוט אַזוי, ס׳איז הייס אַזוי,
מיט שווערע שטיוול אַף גאַרדינען.
ס׳איז גוט אַזוי, ס׳איז הייס אַזוי...

ס׳איז די סאַדיסטישע פרייד פון אַ צעווילדעוועטן המון, וואָס האָט הנאה פון צעשטערן. אָבער ביי איזי כאַריקן איז צו דערקענען אין אָט די שורות עפּעס אַזוי ווי אַ צער. ער איז איינער פון די באַפרייטע קנעכט, וואָס גיסן אויס זייער צאָרן נישט נאָר צו מענטשן, נאָר אַפילו צו גאַרדינען, און עפּעס איז ער — אַ רעפלעקטירנדיקער מענטש אַ פּאָעט.

אין די „מינסקער בלאַטעס" ווערן געשילדערט, אין קורצע שורות, אויסדרוק-פולע און מייסטערהאַפטע, פאַרשידענע עטאַפּן פון דער רעוואָלוציע, נאָך דער ערשטער ווילדער פרייד זענען געקומען די יאָרן פון שרעק: איזי כאַריק דערציילט וועגן זיי:

„אין יענעם יאָר האָט קיינער נישט גערעכנט,
ווער ס'וועט בלייבן און ווער עס דאַרף פאַרגיין.
מען איז געוואָרן שטרענג און אומרואיק און העכער
און קיינער האָט זיך נישט דערקענט אַליין.
אויף יעדן ראָג פלאַקאַטן און אַפישן,
אין יעדן הויז ברענט הונגעריק דער טויט,
און קיינער ווייסט נישט, קיינער קאָן נישט וויסן,
וואָס איז בעסער: קאַמפער, אָדער ברויט,
און שלאָגט אין קאָפּ אַ היץ — וועט מען די היץ נישט מעסטן.

געשמאַק און הונגעריק האָט אַ לאַנד זיך צעברענט.

(דאָס וואָרט „געשמאַק" לאָמיר שטעלן אונטער אַ פראַגע-צייכן, צי עס פּאַסט אַהער, צו דעם בילד פון עלענט און טויט. איזי כאַריק צאָלט ערטערווייז אָפּ זיין קאָמוניסטישן חוב, און שרייט „הוראַ", ווען עס הערט זיך ביי אים דער אָפּקלאַנג פון טיף-מענטשלעכן צער, געלייטערטן און דורכגעפייניקטן...).

פיניע מאַכט מיט די רעוואָלוציע, ער לעבט אין איר נישט נאָר גייסטיק, נאָר פיזיש. איר זעט אים הונגערן, טיפוס; זיצן אויף אַ פערד אַלס רויטער אַרמעעץ, ברענען בריקן הינטער זיך. אָבער מיט דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, וואָס מער די גע-שעענישן ווערן שטאַרקער, ווערט דער קלאַנג פון זיין ליד — מאַטער. דער קליינער פיניע, וואָס זיצט אויפן דאַך ביי דער פרי-מאָרגנדיקער זון, קומט אַרויס בולטער, שענער געמאָלן, ווי פיניע אויפן פערד. פיניע אויפן דאַך איז אַ מענטש פון בלוט און פלייש, פיניע אויפן פערד — מענטשלט זיך טיילמאָל אַביסל.

אָבער אויך דאָ, אַלס קעמפער, קלינגען ביי כאַריקן אַקאָרדן, וואָס איבעראַשן מיט זייער פשוטער נייאיקייט.

ברודער מיינער מיט האָר געקרייזלטע...

דאָס ביסל פיין פון דיינע לעצטע יאָרן
מיר האָבן היינט געטראָגן אויף די אַקסלען...

* *
*

די יאָרן פון שטורעם זענען דורך, און אין דעם קליינעם פּיכל זענען מיר דעם מענטש, דעם יחיד, ווי ער קומט צו זיך; עפּעס הויבט ביי אים אָן צו נאָגן אַ בענקשאַפט, נישט דער צער פון די מענטשן, נאָר דער צער פון מענטש:

„מיט וואָס זאָל איך באַרואיקן דעם זינען,
ווען ס׳רוישט און ס׳כלינעט זיך אין לייב?
ווילט זיך איצט אַ נאָענטן געפינען,
אים אָנגעמען ביים אָרעם: בלייב!"

ווי לאַנג איז עס, ווען אַלע אַרום זענען געווען גאָענטע, און אַזוינע געדאַנקען — אַפּיקורסישע, אינדיווידואַליסטישע, האָבן גאָר קיין אָרט נישט!

אָבער עס גייט נאָך ווייטער און ווייטער. דער אויסגעזוואַקסענער, אין זיך אַליין אַריינקוקנדיקער פּיניע, זעט זיך אום, און קאָנסטאַטירט, אַז ער איז נישט דער אייגענער:

„אויב פריער האָב איך עמעצן געהאַסט
קאָן איך אים איצט נישט האַסן"

— — — — — — — — —

אפשר ליב האָבן?
יאָ, עס קומט דערצו אויך.

פּיניע ווערט ראָמאַנטיש, און ער איז אויף דעם געביט גראָד זייער שוואַך. ער פאַרליבט זיך נישט אין אַ כשרער „קאָמסאָמאָלקע" מיט א רויט טיכל אויפן קאָפּ, נאָר אין אַ טאָכטער פון אַ וואַלד-סוחר, אַ בורזשוי, און זי האָט לאַנגע שמאָלע פינגער און שפּילט קלאַוויר. פּיניע קומט אַריין אין גרויס התפעלות, כאָטש ער קאָן נישט אונטערשיידן, צי זי שפּילט „מאָצאַרט צי שאָפּען".

עס איז נאָך דערווייל נישטאָ וואָס צו ציטירן פון דעם דראַמאַנטיש־פאַרליבטן כאַריקן. מיר ווע̈לן, משמעות, מוזן אָפּוואַרטן אַ צייט, ביז ער וועט אויף דעם געביט קאָנען געבן עפּעס אָריגינעלס.

איך מוז נאָך דערמאָנען, אַז כאַריק האָט אויך געשריבן אַ פּאָעמע צו באַזינגען די נייע יידישע פּויערן. עס איז גאַנץ נאַטירלעך פון אים און ער האָט דאָ מיטגעמאַכט די יעווסעקישע עוואָלוציע. אָבער איך קאָן נישט זאָגן, אַז דער הימן פון דער יידישער ערד־איינאָרדענונג זאָל מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק.

כאַריק קען אַלץ נאָך שעלטן, און ווען ער רעדט וועגן „שטעטעלע, פאַרשווינד!" — בלייבן ביי אים נאָך שפּורן פון זיין בונט און כעס פון אַ בלעכער, וואָס חלומט פון אַ שטיק וואַרעם ברויט. בענטשן האָט ער זיך נישט אויסגעלערנט.

רעגיסטער

לויט די יאָרן און מקורים, ווען און וואו די אַרטיקלען פון דעם באַנד זענען דערשינען.

קריטיקער און עסטעטיקער	(זאַמלבוך „דאָס בוך און דער לעזער", 1911)
וואָס איז דאָס אַזוינס אַ קלאַסיקער ?	(„דער מאָמענט", 1918)
מענדעלע מוכר-ספרים	(„וואַרשאַווער טאָגעבלאַט", 1916)
מענדעלע און די יידישע שפּראַך	(„דער פריינד", 1910)
די דערשטיקטע ליריק	(„וואַרשאַווער טאָגעבלאַט", 1916)
שלום-עליכמס פאַרלעזונגען	(„היינט", 1914)
שלום-עליכם אין זומער-טעאַטער	(„הצפה", 1905)
ביי שלום-עליכמען אין באַדענווייליער	(„היינט", 1911)
שלום-עליכמס טויט	(„וואַרשאַווער טאָגעבלאַט", 1916)
מכּוח לאָבן	(„דער מאָמענט", 1917)
ש. פרוג	(„וואַרשאַווער טאָגעבלאַט", 1916)
יעקב דינעזאָן	„ „ „
ר׳ מרדכילע	(„דאָס פאָלק", 1917)
אברהם רייזין	(„דער מאָמענט", 1926)
„אין קיניגרייך פון נעפּלען"	(„הבקר", 1909)
„שטילע טריט"	(„היינט", 1913)
אַ.ווייטער	(„ווייטערבוך", ווילנע, 1920)

זשיטלאָווסקי	(„דער מאָמענט", 1925)
ד"ר זשיטלאָווסקיס יובילעום	(„היינט", 1912)
ברענערס טויט	(„דער מאָמענט"), 1921)
נאָך ברענערס טויט	" " "
מיכה יוסף בערדיטשעווסקי	(„דאָס בוך פעליעטאָנען")
בערשאַדסקי	" " "
ש. פ. ראַבינאָוויטש	" " "
ד"ר איזידאָר עליאַשעוו	" " "
דוד פרישמאַן	(„פרישמאַנס יובילעום-בוך", 1914)
אחד-העם — דער מענטש פון סטיל	(„דער מאָמענט", 1926)
אחד-העם	(„היינט", 1914)
ווידער „גייסט"	(„הבקר", 1909)
דער אַלטער קאַמף	(„דער פריינד", 1910)
נחום סאָקאָלאָוו	(" " ")
ד"ר בירנבוימס איבערקערונג	(„דער מאָמענט", 1918)
ד"ר נתן בירנבוים	(„היינט", 1914)
ש"י איש הורוויץ	(" 1913)
ישראל זאַנגווילס טויט	(דער מאָמענט", 1926)
צוויי ביכער	(„היינט", 1914)
ריטם און מעלאָדיע	(„דאָס בוך פעליעטאָנען")
דער קאָמוניסטישער פאָעט	(„דער מאָמענט", 1927)